STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05642

DI NEVIIM

Shemuel Aizenshtadt

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Martin & Edith Polon
in memory of
Israel & Bluma Polon and Israel & Serena Fogel*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ש. אײזענשטאַדט

די נביאים

זײער צײט און זײערע געזעלשאַפטלעכע אידעען

1925

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Dr Ajzensztadt — „Di Newiim“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

אידישע צענטער
ביבליאטעק
פעטאלומע

הקדמה.

די נביאים, די סאציאלע דענקער פון פארצייטיקן ישראל, און די נבואה-ליטעראטור, וואס נעמט ארום פארשידענע גזועל־שאפטלעכע און פאליטישע פראבלעמען, בלייבן עד-היום אויסערן תחום פון דער סאציאלאגישער פארשונג. יעדער וויסנשאפטלעכע ארבעט, וואס פארנעמט זיך מיט דער סאציאלער געשיכטע פון דער אלטער וועלט, הייבט זיך אן דאס רוב מיט די גריכן און רוימער און לאזט איבער די אלטע ישראלשע ליטעראטור און געשיכטע פאר די טעאלאגן, וועלכע פילן זיך דא באזונדער היימיש און זעען אין דער גלענצנדער תקופה פון סאציאלן דענקען און סאציאלן קאמף ניט מער, ווי א לאנגע הקדמה צום קריסטנטום, וואס האט אייגנטלעך ניט געהאט די מינדסטע שייכות צו דעם גזועלשאפטלעכן מהות פון דער נבואה. אבער דעמדאזיקן גזועל־שאפטלעכן מהות האבן זיי אינגאנצן פארזען; זיי האבן דעם נביא אפגעטיילט פון דעם כלל-מענטשן, צווישן וועלכע ער האט געלעבט, אים ארויסגעריסן פון זיין נאציאנאלער און עקאנאמישער סביבה און פון דער היסטארישער תקופה, און האבן אים באטראכט נאר אין זיין באציאונג צו דער אמונה. זיי האבן אינגאנצן ניט איינ־געזען, אז דער נביא איז געשטאנען אין די אינטימסטע באציאונגען צום מאסן-לעבן פון זיין צייט, אז אין דער מאסע און פאר איר האט ער געפרידיקט זיינע אידעען. זיי האבן פארזען, אז דער נביא וויל ניט קיין סיגופים און תעניתים, רעדט ערגעץ ניט פון

תחית-המתים און פֿון לעבן נאָכן טויט, ער שטייט מיט ביידע פֿיס אויפֿן רעאַלן באָדן פֿון זיין צייט און אָרט. דער איינציקער ציל, צו וועלכן ער שטרעבט, איז די האַרמאָניע פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, און די אמונה איז נאָר אַ לייט-מאָטיוו, אַ לבוש פֿאַר זיינע געזעלשאַפֿטלעכע אידעען. זען דעם תמצית פֿון די נביאישע אידעען און זייער באַציאונג צו דער אמונה, איז גלייך, ווי מען זאָל זוכן דעם טעם און די אייגנשאַפֿטן פֿון אַ וועלכער עס איז פּרי ניט אין איר גופֿא נאָר אין איר שאָלעכטס.

די נבֿואה איז אַ פּראָדוקט פֿון דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון יידישן פֿאָלק. זי איז אַ פּראָטעסט אַנטקעגן די געזעלשאַפֿטלעכע סתירות, קעגן דער דעמאָראַליזירונג פֿון די הערשנדע קלאַסן, קעגן דער נויט און עלנט פֿון דער פֿאָלקס-מאַסע. זי באַגריסט און באַגרינדעט אידעאָלאָגיש דעם אויפֿשטאַנד פֿון אונטערדריקטע פֿעלקער און קלאַסן קעגן זייערע דריקער און זאָגט פֿאָרויס די מפּלה פֿון עגיפּטיש-אַשורישן אימפּעריאַליזם, וואָס האָט אין זייער צייט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון אַלמעכטיקייט. די אַגראַר-פֿראַגע אין דאָרף, און דער קאָנטראַסט צווישן לוקסוס און הונגער אין שטאָט — דאָס איז געווען די קאַנווע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געוועבט די נביאישע אידעען.

דער נביא איז ניט קיין נזיר, קיין בעל-הלומות, ווי עס מאָלט אים אין אונזער פֿאַנטאַזיע סיי די יידישע סיי די קריסטלעכע טעאָלאָגיע. דער נביא ווייס לגמרי ניט פֿון התבודדות און פֿון רעליגיעזע מיסטעריעס, ער האָט קיין שום שייכות ניט צו דער פֿאָרמעלער אמונה, זיין דור האָט אים געהאַלטן, פֿאַרקערט, פֿאַר אַן אַפּיקורס, און ערשט ווען די פֿאָלקס-אמונה האָט זיך שפּעטער דערהויבן צו די הויכענישן פֿון זיינע סאָציאַלע און עטישע בליקן, האָט זי אים אָנגעהויבן שעצן אַלס לערער, אַלס אויטאָריטעט.

דער נבֿיא איז דאָס רובֿ אַ זון פֿון דאָרפֿישן המון; ער שטייט אין פֿאָלק, לײַדט פֿון זײַנע לײַדן, דעקט אויף זײַנע וואונדן און זוכט אַ לײַזונג פֿאַר זײַנע לעבנס־פֿראַגן. אמת, זײַן אַרט באַלײַכטן די סאָציאַלע פֿראַגן איז, ווי בײַ אַלע אָריענטאַלישע דענקער, אַ רעליגיעזע, פֿון גאָט קומט גוטס און שלעכטס, רײַכקייט און נויט, אָבער גאָט גופֿא איז אין דער נבֿיאישער ליטעראַטור שוין מערניט בלויז אַ בלינדע סטיכישע קראַפֿט, ער איז אַ סאָציאַלער כּוח, וועלכער ווירקט לויט באַשטימטע עטישע געזעצן און וועלכער שטעלט פֿעסט דידאָזיקע געזעצן לטובֿת דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט גופֿא.

די לעצטע צײַט, ווען עס זײַנען אויפֿגעדעקט געוואָרן אַזעלכע רײַכע דענקמעלער פֿון דער אַלטער אַשורישער, בבֿלישער און מצרישער קולטור, ווען די כּתבֿים, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן מיטן בבֿלישן פֿלעקל־כּתבֿ און מיט העראָגליפֿן־כּתבֿ, האָט יעדער פֿרײַ באַקומען צום לייענען, איז קלאָר געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די קולטור־סבֿיבֿה, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געפּרעדיקט זייערע אידעען די ישׂראלישע נבֿיאים. אַדאַנק דעם גלענצנדיקן ערפֿאָלג פֿון די אויסגראָבונגען אין די מזרח־לענדער, זײַנען אונדז פֿאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן קלאָר געוואָרן די פֿאַרשיידענע פּאָליטישע געשעענישן, אויף וועלכע עס האָבן אָנגעוויזן די נבֿיאים, עס איז קלאָר געוואָרן די רעכטלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג, וואָס זיי האָבן קריטיקירט. אַלע מלכים און הערשער, שטעט און לאַנד־טיילן, וועלכע זײַנען געווען פֿריער ניט מער ווי טויטע נעמען, האָבן באַקומען אַ ממשותדיקן אינהאַלט. די נבֿיאישע ספֿרים האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעזולטאַטן פֿון די נײַע אויסגראָבונגען, מען האָט אין זיי געפֿונען די כאַראַקטעריסטיק פֿון פּערזאָנען און פֿון פּאָליטישע דערשײַנונגען, וואָס זײַנען דער וועלט ערשט איצט

אַקאָנט געוואָרן. דאָס האָט אָבער צום טייל געבראַכט, מען זאָל זיך בעת דער באַטראַכטונג פֿון דער נבֿיאישער ליטעראַטור הערהויפּט אָפּשטעלן אויף די נבֿיאות, וואָס זיינען נוגע אַנדערע פֿעלקער, אויף זייערע פּראָבלעמען פֿון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, — און עס איז אָפֿט פֿאַרגעסן געוואָרן, אַז אין צענטער פֿון דעם נבֿיאס וועלט־אָנשויאונג שטייט די געזעלשאַפֿטלעכע ווירקלעכקייט פֿון ישראל, וועלכער דאַרף אין שטורעם־גאַנג פֿון קעמפֿנדן אימפּעריאַליזם געפֿינען זיין געשיכטלעכן וועג. ישראל דאַרף ווערן דער מוסטער פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכקייט און זיין קליין פֿאָטערלאַנד — די היים פֿון פֿרייהייט און ברידערלעכקייט פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. די אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אָנשויאונגען פֿאַרלירן אַזוי אַרום זייערע חשיבֿות, ווען עס פֿעלט אין זיי די צענטראַלע פֿיגור, ישראל, דער רעוואָלוציאָנערער נעסט פֿון נייע געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן.

וויכטיקער פֿון אַלץ זיינען פֿאַר אונז דעריבער די אויסגראָבונגען אין די מזרח־לענדער, ווייל זיי האָבן אויפֿגעדעקט מן־הצד פֿיל איינצלהייטן פֿון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן אין יהודה און ישראל גופֿא און מעגלעך געמאַכט קאָנקרעט צו פֿאַרשטיין די נבֿיאישע אַרויסטרעטונגען.

עס האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט ברייטע האָריזאָנטן פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער אַלטער יידישער געזעלשאַפֿטלעכער קולטור בכלל, און פֿון די נבֿיאישע אידעען בפֿרט, עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ באָדן פֿאַר אַן ערנסטער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. איצט איז נאָר געבליבן, אַז אין די וויסנשאַפֿטלעכע קרייזן זאָל מען זיך אויך אַן אמת פֿאַראינטערעסירן מיט די סאָציאַלע אידעען פֿון אַלטן ישראל אין אָן רעליגיעזע אָדער אַנדערע פֿאָראורטיילן צוטרעטן צו זייער גרינדלעכער אויספֿאָרשונג.

אָבער קודם־כל דאַרף געמאַכט ווערן אַ סוף צו יענער אין

גרונד פֿאַלשער הנחה, אַז די יידישע קולטור געפֿינט זיך אין אַ לאַנג פֿאַרענדיקטן צושטאַנד פֿון אַנטוויקלונג, און אַז די יידישע קולטור איז שוין אַ ירושה פֿון אַן אונטערגייענדיקן פֿאָלק. די סאָציאַלע געשיכטע פֿון ישראל, זיינע סאָציאַלע דענקער און קעמפֿער, די אַנטוויקלונג פֿון זיין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן — דאָס אַלץ, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם תּמצית פֿון פֿאָלקס־שאַפֿן אויפֿן שטח פֿון דורות, די גאָלדענע קייט, וואָס פֿאַרבינדט צו־זאַמען די פֿאַרשיידענע תּקופֿות אין זיין לעבן — דאָס קאָן ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ טויטער פֿאַרמעגן. די פֿאָרשונג קאָן ציען איר יניקה נאָר פֿון אַ לעבעדיקער סאָציאַלער באַוועגונג אין היינטיקן יידנטום.

און דעריבער איז איצט די מאָדערנע יידישע וויסנשאַפֿט, דאָס ניי־געבאָרענע קינד פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג, מסוגל געוואָרן צו עפֿענען דעם וועג פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון יידישן סאָציאַלן לעבן בכלל און פֿון די נביאישע אידעען בפֿרט.

ביי אַזאַ צוגאַנג זיינען מיר אויך פֿאָראויס זיכער, אַז דער רעליגיעזער מאָמענט ביי די נביאים וועט דורך אונז ריכטיק אָפּ־געשאַצט ווערן, ווייל אין דער עצם אמונה זעען מיר אַ סאָציאַלע ערשיינונג, אַ פּראָדוקט פֿון אַ באַשטימטער עקאָנאָמישער סבֿיבֿה.

אין אונזער צייט מיט אירע ראַדיקאַלסטע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע שטרעבונגען דאַרפֿן די סאָציאַלע אידעען פֿון די נביאים באַגעגענען אַ לעבעדיקן אינטערעס אין די ברייטע קרייזן פֿון פֿאָלק. עס איז נאָר נייטיק צו גובֿר זיין די גלייכגילטיקע באַציאונג, וועלכע עס האָט געשאַפֿן צו זיי די אַלטע טראַדיציאָנעלע שול מיט דעם, וואָס זי האָט אינגאַנצן פֿאַרשוויגן דעם סאָציאַלן אינהאַלט פֿון די נבֿואה־ספֿרים.

ליידער, איז שוין אויפֿגעקומען ביי אונז אַ דור, וואָס האָט ניט געלערנט די אַלטע יידישע ליטעראַטור ניט אין חדר, ניט

און שול. אַזוי איז עס אין דער האַלב־אַסימילירטער אינטעליגענץ, אַזוי אויך אין די ברייטע קרייזן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. אין דיזאָזיקע קרייזן נעמט זיך שוין די גלייכגילטיקייט צו די נביאים פשוט פון אומוויסנהייט.

באַקאַנען די ברייטע קרייזן אין אַ פּאָפּולערער און אַלגעמיין פאַרשטענדלעכער שפּראַך מיט די נביאים, זייער צייט און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידעען — דאָס איז די כוונה פון דערזאָזיקער אַרבעט.

מיר ווילן נאָר וואָרענען אונזערע לעזער, אויף דעם שטח פון דריטהאַלבן טויזנט יאָר, וואָס ליגט צווישן דער תקופה פון די נביאים און זייער צייט. אונטערן רושם פון די מעכטיקע געשעענישן פון אונזער יאָרהונדערט קאָן אָפט ניט גענוג קלאָר פאַרשטאַנען ווערן די נייקייט און די גרויס פון די נביאישע אידעען אין זייער צייט. דער לעזער דאַרף זיך דעריבער אַריבערטראָגן אין יענער צייט מיט אירע לפי־ערך פּרימיטיווע ווירטשאַפטלעכע פאָרמען און מיט איר יונגער און אייגנאַרטיקער קולטור. נאָר דאַן וועט ער זיין אימשטאַנד ריכטיק אָפּצושאַצן די נביאים און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידעען.

ד״ר ש. איזענשטאַדט.

די נביאים

1. וואָס איז אַזוינס אַ נבֿיא?

נאָך איצט באַנוצט זיך דאָס פֿאָלק אין זיין אומגאַנגס־שפּראַך מיטן וואָרט „„נבֿיא“, „נבֿיאות זאָגן“. עס האָט זיך, ווייזט אויס, אין פֿאָלקס־שפּראַך נאָך עד־היום דערהאַלטן אַ באַשטימטער באַגריף וועגן דעם אַרט טראַכטן און דענקען, וועלכער ליגט אין דער נאַטור פֿון דער נבֿואה. און עס קאָן דעריבער אין פֿלוג ניט זיין קיין גרינגערע זאַך, ווי צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, וואָס איז אַזוינס אַ נבֿיא. מען דאַרף זיך נאָר ווענדן צום פֿאָלק, צוהערן זיך, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן ער באַנוצט זיך מיט דעמדאָזיקן באַגריף.

אין דער אמתן אָבער איז עס אַ גרויסער טעות. עס ליגט שוין אין טבֿע פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע אָפּצושטעלן זיך דערהויפּט אויף יענעם שטריך פֿון אַ גרויסער, פּילדיימיקער ערשיינונג, וואָס וואַרפֿט זיך איר מער אין די אויגן, וועלכן עס איז איר גרינגער צו פֿאַרשטיין. דעמדאָזיקן איינציקן שטריך נעמט זי אָן פֿאַר דער גאַנצער ערשיינונג גופֿא, פּונקט ווי דאָס קינד, וועלכעס, באַ־טראַכטנדיק דעם אַרויסגעפֿאַלענעם שניי, באַמערקט צוערשט זיין ווייסקייט און איז נאָך ניט ביכולת תופֿס צו זיין אַנדערע, ניט ווייניקער וויכטיקע איינגנשאַפֿטן זיינע, וואָס וואַרפֿן זיך ווייניקער אין די אויגן פֿון אָנהייב אָן.

אין יענער ווייטער היסטאָרישער תקופֿה, אין וועלכער עס זיינען צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן די נבֿיאים, האָט אין דער פֿאָלקס־אמונה פֿאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט דאָס פֿאָראויסזאָגן פֿון דער

צוקונפֿט. ניט האָבנדיק נאָך קיין השגה פֿון די סאָציאַלע און נאַטור-געזעצן, האָט דער מענטש געגלויבט בלינד, אַז זיין לעבנס-גורל, זיין גליק און אומגליק, זיין נצחון און זיין מפלה זיינען שוין פֿאָראויס באַשטימט; ניט האָבנדיק קיין אייגענעם געזעלשאַפֿטלעכן באַוואוסטזיין, האָט ער זיך יעדעס מאָל ביי אַ פֿאַרלעגנהייט געווענדט צו די, וועמען עס זיינען געווען, נאָך זיין פֿאָרשטעלונג, פֿאַרטרויט די שליסלען צו די געטלעכע סודות.

דיזאָזיקע אויפֿגאַבע האָט אויף זיך צום ערשטן מאָל גענומען די אמונה אין בבל, וואו די כהנים פֿלעגן באַשטימען דעם גורל פֿון מענטשן, פֿון גאַנצע שטעט, פֿעלקער און מלוכות נאָך דעם גאַנג פֿון די שטערן, וועלכע זיי פֿלעגן באַטראַכטן פֿון זייערע הויכע טורעמס. פֿון בבל איז דאָס דאָזיקע פֿאָראויסזאָגן די צוקונפֿט אַריבערגעגאַנגען, ווי די בבלישע רעליגיעזע קולטור בכלל, קיין כנען, און דאָ, אין די אַלטע פֿאַרצייטיקע הייליקע שטעט, האָט דער כהן געהאַט פֿאַר זיין אויפֿגאַבע פֿאָראויסצוזאָגן די מענטשן פֿון פֿאָלק, וואָס פֿלעגן זיך צו אים ווענדן, זייער גורל און זייער צוקונפֿט. אַהער פֿלעגן קומען די עלטסטע פֿון די שבטים צו פֿרעגן, צי וועט זיי גאָט צושיקן אַ נצחון אין דער מלחמה מיטן שונא, אַהערצו פֿלעגט די דאָרפֿס-קהלה קומען פֿרעגן, וועמען זי זאָל אויסקלייבן (אָדער ריכטיקער געזאָגט: וועמען האָט שוין גאָט פֿאַר איר אויסגעקליבן) פֿאַר אַן אָנפֿירער, אַהערצו פֿלעגט קומען אויך דער פּאַשטוך פֿרעגן וועגן זיין פֿאַרלוירענעם שאָף. בשעת די שבטים פֿון ישראל האָבן איינגענומען דאָס לאַנד, האָבן זיי איבערגענומען ביי די כנענים אויך די הייליקע שטעט מיט זייער רעליגיעזן קולט, וועלכער איז געווען דאַמאָלסט ענג פֿאַרבונדן מיטן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און מיט דער ערד-אַרבעט 1). אויך דער ישראלישער

---

1) זע ווייטער, זייט 18.

כּהן האָט געדאַרפֿט אויף זיין שטייגער פֿאָראויסזאָגן די צוקונפֿט
די מענטשן פֿון פֿאָלק, וואָס פֿלעגן זיך צו אים ווענדן. האָט
ער דען געקאָנט זיי אָפּזאָגן אין זייער פֿרומען וואונטש? וואָלט
דאָס דען ניט געהייסן דערנידעריקן גאָט אין די אויגן פֿון פֿאָלק?
אָדער אַרויסווייזן זיין אייגענע שוואַכקייט, אַז ער איז ניט בּיכולת
משיג צו זיין דעם געטלעכן ווילן? אַזוי איז אויפֿגעקומען אין די
הייליקע שטעט דער אַלטער אורים־ותומים, דער פֿאַרצייטיקער ישראל־
שער אָראַקול, נאָך וועלכן דער כּהן פֿלעגט פֿאָראויסזאָגן דעם
גורל פֿון יחיד און פֿון כּלל.

אויך דער נבֿיא האָט אין אַ געוויסן פּרט פֿאָראויסגעזאָגט די
צוקונפֿט; ער איז אָבער ניט געווען קיין בּלינדער טרעפֿער פֿון
אַ העכערן ווילן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אים אין ריין־אויסווייניקסטע
מעכאַנישע סמנים. דער נבֿיא האָט, פֿאַרקערט, אָפּגעוואָרפֿן דעם
שטרענגן פֿאַטאַליזם, וואָס פֿאַרצוימט דעם מענטשנס וועג און לערנט
אים מוטלאָז נאָכשלעפּן זיך נאָך אומפֿאַרשטענדלעכע בּאַפֿעלן פֿון
אויבן; ער האָט געגלייבּט אין דעם פֿרייען ווילן פֿון מענטשן,
וואָס איז לכתּחילה אַוועקגעשטעלט פֿאַר צוויי וועגן, דעם וועג פֿון
גוטס און שלעכטס, גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט, גליק און
אומגליק, ליבע און האַס, און ער אַליין האָט די בּרירה אויסצו־
קלייבּן זיך זיין לעבנס־וועג, לויט זיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בּאַ־
דערפֿענישן און מעגלעכקייטן. נאָר יעדער פֿעלער, וואָס עס בּאַגייט
דער יחיד און דאָס פֿאָלק, יעדע זינד קעגן די געזעצן פֿון דער
נאַטור און פֿון סאָציאַלן יושר גייען ניט אַריבּער אומבּאַצאָלט,
די צוקונפֿט בּאַווייזט שטענדיק בּאַשיינפּערלעך, צו וואָס עס פֿירן
דעם מענטשנס גוטע און שלעכטע מעשים. דידאָזיקע צוקונפֿטיקע
רעזולטאַטן זעט דער נבֿיא פֿאָראויס, ווייל ער ווייס קלאָר די
שאָטנזייטן פֿון דעם עקסיסטירנדיקן געזעלשאַפֿטלעכן סדר, ווייל
ער זעט פֿאַר זיך אין אידעאַל אַן אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדע־

נונג, וואָס איז געבויט אויף די יסודות פֿון גלייכהייט און גערעכטיקייט. דער נביא זעט פֿאָראויס די צוקונפֿט, ווייל ער שאַצט אָפּ ריכטיק די געגנוואַרט. ער שיידט זיך ניט אונטער פֿון אַ רעאַלן פּאָליטיקער פֿון אונזער צייט, וועלכער האָט, אַ שטייגער, געקאָנט פֿאָראויסזען און פֿאָראויסזאָגן די מפּלה פֿון דייטשלאַנד אין דער וועלט־מלחמה און אָנווייזן דעם דייטשן פֿאָלק אויף די גרויסע קרבנות, וועלכע עס וועט אים אויסקומען צו ברענגען, אויף דער עקאָנאָמישער נויט און פּאָליטישער ירידה, צו וועלכער עס וועט דערגרייכן. דער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס דער נביא פֿלעגט אויפֿן אַלט־אָריענטאַלישן אופֿן אַרויסטרעטן פֿאַרן פּאָלק אויפֿן מאַרק־פּלאַץ אָדער ביים טויער פֿון שטאָט און ניט אין פּאַרלאַמענט, אין אַ געשלאָסענער פּאָליטישער פֿאַרזאַמלונג אָדער אין אַ צייטונגס־אַרטיקל.

וויבאַלד אָבער דעם נביאס פּאָליטישע וואָרענישן און פֿאָראויסזאָגן פֿלעגן דערפֿילט ווערן און זיין היסטאָרישער פּראָגנאָז פֿלעגט זיך אַרויסווייזן פֿאַר גערעכט, האָט דאָס פֿאָלק אָנגעהויבן צו גלייבן בכלל אין זיין קראַפֿט און פֿעאיקייט צו טרעפֿן און צו פֿאָראויסזען, און האָט זיך אָנגעהויבן צו באַציען מיט מער פֿאַרטרויען צו זיינע עצות, ווי צו די קאַלטע, בלינד און מעכאַניש געגעבענע ענטפֿערס פֿון אורים ותומים.

אין יענער אַלטער צייט פֿלעגט דאָס פֿאָלק שוין אָנרופֿן דעם נביא „רואה“ — „זעער“ און דערמיט אונטערשטרייכן דעם פֿאַקט, אַז דער נביא זעט פֿאָראויס די צוקונפֿט. אין דעמדאָזיקן זין באַנוצט אויך אין אונזער צייט דאָס פֿאָלק דעם וואָרט „נביא“ און, איבערפֿראַזירנדיק דעם תלמודישן אַפֿאָריזם. „מיום שחרב בית־המקדש נמסרה נבואה לשוטים“ („זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז די נבואה אַריבער צו די נאַראָנים“), זאָגט דאָס פֿאָלק יעדער מאָל, ווען עמיצער וויל טרעפֿן דאָס, וואָס וועט געשען—„אַ נאַר איז

אַ נביא". דער עצם באַגריף פון נביא איז אין דער אמתן פיל מיפער, דער נביא איז דער פאָלקס-רעדנער און פאָלקס-קעמפער, וועלכער קריטיקירט עפנטלעך די עקסיסטירנדיקע אָרדענונג, אַנט-וויקלט דעם געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין פון דער פאָלקס-מאַסע און גיט דורך זיינע פשוטע און קלאָרע רייד, בילד-רייכע אויס-דרוקן און משלים דעם פאָלק די מעגלעכקייט צו אָריענטירן זיך אין די געשעענישן און צו באַטייליקן זיך אַליין אין פאָליטישן לעבן. — דאָס זיינען די גרונד-יסודות פון דער נבואה אַלס אַ גע-זעלשאַפטלעכע ערשיינונג.

דאָס עצם-וואָרט „נביא" איז אַ האַרבער און שווער-פאַרשטענד-לעכער. נאָך זיין שורש און גראַמאַטיקאַלישער פאָרם איז עס אַן אַלט-שמיש וואָרט, דאָס הייסט עס געהערט נאָך צו יענער תקופה, אין וועלכער די אַלט-שמישע מוטערשפּראַך האָט זיך נאָך ניט צעצווייגט אויף איינצלנע טעכטער-שפּראַכן. אַזוי אַרום איז דער באַגריף נביא ניט אויפגעקומען ערשט אין דער ישראלשער געשיכטע, נאָר אויך אַנדערע שמישע פעלקער האָבן געברויכט דאָס דאָזיקע וואָרט, ווייל זיי האָבן געהאַט זייערע נביאים.

ווען מיר זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף משלים פון דער שפּע-טערדיקער צייט, אין וועלכער עס איז אויפגעקומען ביי די אַראַבער מיט דער סטיכישער און טעמפּעראַמענטפולער קראַפט פון אַ נביא אַ רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר ווי מחמד, באַגעגענען מיר אין דער פריער תנ"ך-תקופה נאָר איין איינציקן ביישפּיל פון אַ נביא ביי אַ צווייטן שמישן פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין שכנות פון ישראלן, ביי די מואבים. דאָס איז בלעם. הגם ער ווערט אָנגערופן דורך דעם שרייבער פון דער תורה, מיט אַ גאַנץ באַשטימטער כוונה ניט נביא נאָר כישוף-מאַכער, אָבער נאָך זיין גאַנצן אַרט אַרויסטרעטן קאָנען מיר זען, ווי גייסטיק נאָענט ער שטייט צו די ערשטע ישראלישע נביאים: דיזעלביקע התלהבות און טעמפּעראַמענט, דיזעלביקע

אָפּגהערציקע עפּנטלעכע אָרויסטרעטונג פאַרן פאָלק, דאָס זעלביקע פרייע און זעלבשטענדיקע האַלטן זיך קעגן די הערשער פון לאַנד. פונקט ווי די נביאים פון ישראל האָט ער ברייטע פּאָליטישע האָריזאָנטן, וואַרפט זיין בליק אויף די פאַרשיידענע פעלקער און מלוכות פון דאַמאָלסדיקן מזרח. אַ גאַנצע שורה פון אַזעלכע נביאות האָבן מיר אין דעם ספר בלק. די זיינען געשריבן אין אַ שיינער בילדער־רייכער שפּראַך און שטאַמען נאָך אפשר פון דער אַלטער מואב־שפּראַך, וועלכע איז (ווי מיר וויסן פון דעם דענקמאָל פון קיניג מישע) זייער נאָענט צו דער העברעאישער.

דאָס וואָרט „נביא", ווי עס ווייזן אויף די פאָרשער פון שמישע שפּראַכן, האָט באַדייט אין דער אַלט־אַראַבישער שפּראַך דעם, וואָס רעדט אין עמיצנס שליחות. אין דעם זין קומט דאָס וואָרט פאָר אויך איינמאָל אין דער ביבל. בשעת משה קלאָגט זיך פאַר גאָט, אַז ער איז אַ שטאַמלער און קאָן ניט גיין צו פרעהן איבערצורײדן מיט אים, ער זאָל באַפרייען די ישראלישע שבטים, דאַן ווייזט אים גאָט אָן אויף אהרנען זיין ברודער און זאָגט אים, ער זאָל איבערגעבן זיינע רייד דורך אים און ער וועט זיין זיין נביא, דאָס הייסט, ער וועט ריידן אין זיין נאָמען, אין זיין שליחות.

דער נביא איז ניט מער ווי אַ שליח, אַ פאַרמיטלער. דורך זיינע ליפּן רעדט די געטלעכקייט, די לאָגיק, די געשיכטע. גאָט, — וועלכן דער מזרח־מענטש פאַרשטייט אַלס סימבאָל פון דידאָזיקע באַגריפן — רעדט דורך זיינע ליפּן.

און דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער מאָמענט אין דער נבואה, וועלכער האָט געבראַכט צו זייער פיל טעותן וועגן דעם וועלטלעכן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער אירן. די געלערנטע טעאָלאָגן און דאָס פאָלק האָבן אין אַ גלייכער מאָס פאַרפלאַכט די פאָרשטעלונג וועגן דער געטלעכער התגלות ביי די נביאים, וואָס איז ניט מער ווי די אינעווייניקסטע אַנטפּלעקונג פון זיין

עטישן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין, וועלכער קומט אין רעזולטאַט פון זיין גייסטיקער פאַרטיפן זיך אין דעם פּראָבלעם, וואָס מאַטערט זיין מוח. ער זוכט אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס קומען אויף פאַר אים, וואָס לאָזן אים ניט רוען, כדי דערמאָזיקן ענטפער צו ברענגען דערנאָך דעם פאָלק. ניט שטענדיק גיט זיך אים אָבער איין דעם ענטפער צו געפינען. ער האָט אים ניט קיין גרייטן, ער ווענדט זיך אַליין צו גאָט מיט אַ רייע האַרבע פראַגן. אין דעם קריטישן מאָמענט, ווען עס קומען אויף פאַר אים ספקות, ווען זיין האַרץ איז צעריסן און זיין גלויבן איז פאַרסמט, גייט ער, דער מענטש מיטן געזעלשאַפטלעכן טעמפעראַמענט, אַוועק אָן אַ זייט, זוכט זיך די איינזאַמקייט, וואַנדערט ווייט פון מענטש-לעכן ישוב צווישן מדבריות, ניט ווייל ער איז אַ נזיר, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון דער וועלט, נאָר כדי צו בלייבן מיט זיך אַליין און אָפּגעבן זיך אַ חשבון אין די האַרבע פראַגן, וואָס זיינען פאַר אים אויפגעקומען. און פּלוצלונג באַלייכט זיין גייסטיקן „א יך“ אַ העלער באַוואוסטזיין, ניט שטענדיק אַ לאָגיש-דורכגעטראַכטער, גי-כער אַ אינטואיטיוו-אַנטפּלעקטער; און זיין געפיל דערהויבט זיך, זיינע ספקות פאַרשווינדן, זיין רצון ווערט פעסטער, ער איז משיג די קראַפט פון די געזעצן, וואָס ווירקן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

די גייסטיקע פרייהייט פון דעם נביא, דער געזעלשאַפט-לעך-רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון זיין גייסט, זיין כוח צו רייסן מיט די טראַדיציעס און פאָראורטיילן פון זיין צייט, דערקלערן זיך דערמיט, וואָס דער נביא האָט זיך קיינמאָל ניט באַטראַכט אַלס אַ קנעכט פון גאָט, וועלכער דערפילט בלינד דעם פאַרזאָג פון דעם, וואָס שטייט איבער אים, איבער אים, וואָס דערפילט מעכאַניש אייזערנע געזעצן, ערפונדענע, פאַרשריבענע און גע-חתמעטע דורך אַנדערע. נאָר ער איז דער שליח פון גאָט, וועלכער

לעבט אין אים, און וועלכן ער האט זיך באהעפט פון דער יוגנט און אן ווענעס שליחות ער האט איבערגענומען לויט זיין פרייען ווילן און פרייער איבערציגונג.

דערדאזיקער רעליגיעז־פסיכאלאגישער מאמענט אין דער נבואה האט געגעבן א נייע קראפט די נביאים אין זייערע סאציאלע ארויס־טרעטונגען. אין די קריטישע מאמענטן פון זייער גרויסער אפטלעכער טעטיקייט, ווען דאס פאלק האט זיי ניט פארשטאנען, און די הערשער פון לאנד האבן קעגן זיי פארגענומען בלוטיקע רדיפות האבן זיי געפונען די גייסטיקע קראפט און טרייסט אין דער טיפער איבערציגונג זייערער, אז דער מקור פון סאציאלער גערעכטיקייט, פון וועלכן זיי שעפן, איז אן אייביקער און גרויסער, וועלכן עס איז ניט בכוח צוצעשטערן ניט די גלייכגילטיקייט פון די מאסן, ניט די אכזריות פון די דעספאטישע מלכים. גאט איז פאר זיי געווען דער קוואל פון סאציאלן אמת און יושר, דער שיצער פון די אָרעמע און שוואכע, דער שטראפער פון יעדער אונטערדריקער און געוואלדטוער, און עס איז א באזונדער שטאלץ און ערע צו דערפילן זיין שליחות, ניט געקוקט אויף אלע שטורעמס פון דעם טאג, וועלכער איז ניט מער ווי א קליינער אייגנבליק אין פארגלייך מיט דער אייביקייט, ניט געקוקט אויף אלע יסורים און פיין פון דעם שליח, ווענען עס איז כדאי מקריב צו זיין זיין לעבן און גליק פארן נצחון פון גערעכטיקייט און אמת.

---

2. דער אָנהייב פֿון דער נבֿואה.

די נבֿואה איז אַ געזעלשאַפֿטלעכע ערשיינונג, וואָס איז געבונדן מיט די טאָג־טעגלעכע באַדערפֿענישן פֿון דער מאַסע און דעריבער האָט זי ניט געקאָנט צופֿעליק אויפֿקומען. אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן גופֿא, אין דעם גאַנג פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג מוזן ליגן די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן די נבֿואה. ווײַבאַלד אַז דער עיקר־געדאַנק פֿון נבֿואה באַשטייט אין קריטיקירן די עקסיסטירנדיקע אָרדענונג, אין קעמפֿן קעגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אומגלייכקייט, איז במילא קלאָר, אַז די נבֿואה האָט ניט געקאָנט אויפֿקומען אַלס אַ רעאַלע געזעלשאַפֿטלעכע ערשיינונג, איידער עס איז בכלל געווען אַן אָרגאַניזירט געזעלשאַפֿטלעך לעבן אין פֿאָלק און איידער עס האָט זיך ווייניקסטנס אין אַ שוואַכער געשטאַלט אַרויסגעוויזן די אומגלייכקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, די אונטערדריקונג פֿון איין מענטשן דורך דעם צווייטן.

אַזאַ תּקופֿה האָט געקאָנט אָנקומען ניט פֿריער, איידער די וואַנדער־שבֿטים זיינען אַריבער צו ערד־אַרבעט און האָבן זיך קאָלאָניזירט אין לאַנד כּנען.

בשעת דער וואַנדער־צייט האָט נאָך קיין פֿאָלק אין פּאָליטישן זין פֿון וואָרט ניט עקסיסטירט. די איינצלנע שבֿטים זיינען ניט געווען פֿאַראייניקט ניט דורך איין טעריטאָריע, ניט דורך איין פּאָליטישן כּח. יעדער שבֿט האָט זיך צעפֿאַלן אויף איינצלנע געזינדן (בתּי־אָבֿות), און יעדע האָט באַזונדער געפֿיטערט איר שאָף.

די געזינד איז געווען די איינציקע פֿאָרם פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און איז געבויט געווען אויף די יסודות פֿון פּאַרצייטיקן נאַטור-קאָמוניזם. די איז געווען זייער פּשוט געבויט, איר גאַנצע האָב און גוטס איז געווען פֿאַמיליען-אייגנטום, געהערט אַלעמען גלייך, אַלע האָבן גלייך געאַרבעט און גלייך גענאָסן פֿון די פּראָדוקטן פֿון דער אַרבעט. אַפֿילו די קנעכט און פֿרעמדע, וואָס פֿלעגן צושטיין צו דער וואַנדערנדיקער געזינד, פֿלעגן זיך זייער ווייניק אונטערשיידן פֿון אַנדערע. אַדאַנק דעם, וואָס די הצטרכות פֿון יעדער געזינד איז געווען נאָך אַ קליינע און פֿלעגט באַפֿרידיקט ווערן דאָס רובֿ דורך די פּראָדוקטן פֿון דער מילך-ווירטשאַפֿט און פֿון דער אַרומיקער מדבר-נאַטור, זיינען נאָך ניט אויסגעוואַקסן קיין סתירות צווישן די איינצלנע מיטגלידער.

ערשט ווען די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון די שבֿטים און די פֿאַרמערונג פֿון דער צאָל נפֿשות האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זאָלן זיי ענג ווערן די גרענעצן פֿון די מדבר-אָאַזיסן און זיי זאָלן דאַרפֿן אָקופּירן דאָס קולטור-לאַנד אין צפֿון און מערבֿ פֿון מדבר און איבערגיין פֿון פֿי-צוכט צו ערד-אַרבעט, איז אויפֿגעקומען די דאָרפֿישע געמיינדע, אַלס דער פֿונדאַמענט פֿון אַ נייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. אָנשטאָט די קליינע גרופּעס פּאַסטוכער, וואָס ווינען אין זייערע געצעלטן אָדער ביידלעך (סוכּות) און זיינען געצוואונגען אָפֿט פֿונאַנדערצוגיין זיך אין די פֿאַרשיידענע זייטן פֿון מדבר, כּדי צו געפֿינען שפּייז פֿאַר זייער פֿי, זיינען איצט אויסגעוואַקסן גאַנצע ישובֿים פֿון ערד-אַרבעטער, צוגעבונדן צו זייער ערד. די ישובֿים זיינען געוואַקסן מיט יעדן טאָג אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן. אָבער איצט האָבן די נייע תּנאים פֿון עקאָנאָמישן לעבן געפֿאָדערט אַ מער אינטענסיווע און אָרגאַניזירטע פֿיזישע אַרבעט. אַזוי ווי דאָס לאַנד איז ניט געווען איבעריק גרויס און האָט ניט געהאַט גענוג פֿרייע ערד, אויף וועלכער עס

זאָל זיך קאָנען באַזעצן דער נייער צוואוקס, האָט די האָפּישע געמיינדע געהאַט נאָר צוויי מעגלעכקייטן ווי צו באַפֿרידיקן אירע באַדערפֿענישן אין ערד: אָדער צו פֿירן מלחמה מיט דער שכנותדיקער עלטערער כנענישער באַפֿעלקערונג, אָדער אָפּצוקעמפֿן ביי דעם ים און מדבר אָדער ביי די שפּועים פֿון די בערג נייע שטחים ערד, פֿאַרבעסערן די מיטלען פֿון ערד־אַרבעט און אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרמערן די צאָל פֿון תּבֿואה און פּרות. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די באַפֿעלקערונג, וואָס פֿלעגט זיך פֿריער אין דער וואַנדערצייט לעבן אָפּגעזונדערט מיט איר פֿי, זאָל זיך איצט אָרגאַניזירן און פֿאַראייניקן אויף אַ מיליטערישן אופֿן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די דאָרפֿס־עלטסטע אָדער פֿון די קצינים, כּדי אַרויסצושטויסן פֿון דער געגנט די כנענישע שבֿטים אָדער זיך אָנשליסן אין אַן אינטענסיווער אַרבעטס־געמיינדע, כּדי דורך מי און פּראַצע גובֿר צו זיין די שטערונגען פֿון דער נאַטור. אויף אַזאַ אופֿן האָבן די פּאָליטישע לאַגע פֿון לאַנד און די עקאָנאָמישע באַדערפֿענישן פֿונם ישובֿ מיטגעהאָלפֿן, עס זאָל אויסוואַקסן אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפֿט מיט אַ באַשטימטער פֿירונג און מיט אַ קלאָרן באַוואוסטזיין פֿון אירע שותּפֿישע אינטערעסן. און וואָס אָפֿטער און נעענטער די באַפֿעלקערונג פֿלעגט זיך צוזאַמענקומען, אַלץ מער האָבן זיך אויסגעאַרבעט ביי איר פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע מנהגים אין אַלע ענינים צווישן שכנים, צווישן פֿעלד און ווייַנגאָרטן, עס זיינען פֿעסטגעשטעלט געוואָרן באַשטימטע באַציאונגען צווישן די פֿאַמיליעס, צווישן איין דאָרף און צווייטן, עס זיינען באַשטימט געוואָרן די פּריווילעגיעס און חובֿות פֿון יעדער פּויער־הויז.

באַזונדער זיינען אין יענער צייט אויסגעוואַקסן גרויסע ישובֿים אין די פֿרוכטבאַרע טאָלן, וועלכע זיינען געווען מסוגל צו דער זריעה פֿון תּבֿואות, אין ירדן־טאָל, אין יזרעאל־טאָל און אין דער שפֿלה. אין דעם טבֿע פֿון דער ווייַנגערטנעריי און פֿון דער גערט־

נעריי בכּלל ליגט צו אינדיווידואַליזירן די ווירטשאַפֿט און צו צווינ־
גען יעדן יחיד צו פֿאַרטיפֿן זיך אין די אינטערעסן פֿון זיין
אייגענער נחלה. יעדער ווייגאָרטן איז אַרומגעצוימט, איזאָלירט;
דער געדיכטער גערט פֿון ביימער, צווישן וועלכע עס איז פֿאַרשטעקט
דער גערטנער, שיידט אים אויס אינגאַנצן פֿון דער אַרומיקער וועלט.
אַנדערש איז בײַ פֿעלד־אַרבעט. אויפֿן ברייטן, אָפֿענעם שטח דער־
נענטערן זיך די פּויערים איינער צום צווייטן. בײַם זייען, בײַם
אַקערן און בײַם שנײַדן באַגעגענען זיי זיך איינע מיט די אַנדערע.
אויפֿן וועג צום שייער און מיל שמועסן זיי אַרום זייערע אַלגע־
מיינע אינטערעסן, דאָרטן שמידט זיך אויס זייער געזעלשאַפֿטלע־
כער באַוואוסטזיין. יעדער נאַטור־אומגליק טרעפֿט זיי אַלעמען גלייך.
אונטערן פֿרייען הימל, אין שיים פֿון דער נאַטור אַרבעטן זיך בײַ
זיי אויס באַשטימטע רעליגיעזע אָנשויאונגען, און זייער אמונה טראָגט
אויך אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, זי בויט זיך ניט אויף די באַציאונגען
פֿונם יחיד צו זיין פּערזענלעכן גאָט, נאָר פֿון דעם כּלל צו זיין
אַלגעמיינעם גאָט.

פֿון דעם אַלעמען ווערט אונז קלאָר, קודם־כּל, אַז די נבֿואה
האָט ניט געקאָנט אויפֿקומען פֿאַר דער אַזוי גערופֿענער שופֿטים־
צייט און אַז משה, ווי עס שילדערט אים די מסורה, האָט נאָך
ניט געקאָנט געהערן צו די נבֿיאים און אַז פֿיל שטריכן פֿון זיין
גייסטיקן פּרצוף האָט אים צוגעגעבן ערשט די שפּעטערדיקע נבֿיאישע
לעגענדע, וועלכע האָט אים געמאָלט לויט איר אייגענער געשטאַלט
און פֿאַנטאַזיע.

די גרויסע לעגענדן־רייכע פּערזענלעכקייט פֿון משה שטייט
אויפֿן גרענעץ צווישן וואַנדער־לעבן און ערד־אַרבעט. ער אַליין
האָט נאָך ניט געפֿירט מיט זיין יהאַנט קיין אַקער, האָט ניט
געלעבט אין דער סבֿיבֿה פֿון פֿעלדער און ווייגערטנער; ער האָט
זיין גאַנצן לעבן פֿאַרבראַכט אין דער וואַנדערשאַפֿט און איז פֿון

זיין יוגנט געווען א פאסטוך אין אראבישן מדבר. די געזעלשאפטלעכע פארם, וועלכע איז געווען אים באקאנט, איז געווען די וואנדערנדיקע ישראלשע געזינד, וואס האט געוואוינט אין אירע געצעלטן, — אזעלכע וואנדערנדיקע געזינדן האט ער געזען פיל אין מדבר, וואס ביי די גרענעצן פון מצרים. אזא געזינד האט מיט זיך פארגעשטעלט אויך די מדינישע פאמיליע פון זיין שווער יתרו. אבער עס איז, פון צווייטן זייט, קיין ספק ניט, אז משה איז געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון ישראלס שטאם, וועלכער האט זיך דערהויבן פערזענליך איבער די פרימיטיווע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן פון זיינע ברידער און האט זיך נאענט באקאנט מיט דער מצרישער קולטור און מיט דער ארגאניזירטער מצרישער געזעלשאפט. דארטן האט ער געקאנט זיך פראקטיש צוזען, ווי גרויס עס איז די קראפט פון אן ארגאניזירטן מענטשלעכן קאלעקטיוו, ווי ניט אין ערך גרינגער איז אים מיט פאראייניקטע כוחות צו פארגרעסערן זיין וואוילשטאנד און צו באזייטיקן די שטערונגען, וועלכע עס שטעלט אים די נאטור, דארטן האט ער געזען, ווי די ערד־ארבעט, אפילו (און אפשר דווקא) ביי אזעלכע שווערע און אומגעוויינלעכע באדינגונגען, ווי אין מצרים, איז בכוח צו בארייכערן די געזעלשאפט, צו דערהויבן זי פון איר שפלן צושטאנד. ער האט געזען אויף די ברעגן פון נילוס פראכטיקע געביידעס, פאלאצן און טעמפלען, וועלכע קוקן ארויס פון צווישן די פעטע פעלדער און געדיכטע גערטנער; און ווען ער האט דאס אלץ פארגליכן מיט דעם לעבן פון זיינע פאסטוכער־ברידער, וואס לעבן אין זייערע געצעלטן אויף די גרענעצן פון מדבר אדער וואס ארבעטן אלס טאג־ארבעטער אויף די מויערן פון פיתום און רעמסס, וואס האבן ניט מער ווי אליינענעם העמד אויף זייער לייב און הונגערן אפט נאך ברויט, און וואס וואנדערן פון ארט צו ארט קליינע משפחותווייז, — איז אים קלאר געווארן, אז דער מקור פון

וואוילשטאַנד ליגט אין דער ערד־אַרבעט און אַז אין מצרים, אַלס אַן אַלטן קולטור־לאַנד, איז ניטאָ קיין אָרט פאַר נייע קאָלאָניסטן.

ער האָט אָבער געקאָנט שוין צוזען דאָן אויך די שאָטן־זייטן פון דער מצרישער קולטור־וועלט. ער האָט געזען, אַז די ערד געהערט ניט מער צו פרייע פויערים, וועלכע אַרבעטן יעדערער אויף זיין נחלה, נאָר צום גרעסטן טייל איז די פרוכטבאַרע ערד קאָנצענטרירט אין די הענט פון קיניג, זיינע דינער און כהנים און אַז דאָס פאָלק אַליין אַרבעט פאַר אַנדערע, אויסדערוויילטע. ער האָט אין מצרים שוין געזען אַ געזעלשאַפט, וואָס ביי דער גאַנצער הויכער מאָס פון איר ציוויליזאַציע, איז זי געווען געבויט אויף די יסודות פון סאָציאַלער אומגלייכקייט און אומגערעכטיקייט און זיין געזונטער יושר־געפיל, ווי ער קומט פאָר ביי אַ זון פון אַ פרימי־טיווער מדבר־קולטור, האָט אין אים דערוועקט דער געדאַנק צו בויען אַ יאַדעלשע געזעלשאַפט אויף יסודות פון סאָציאַלער גע־רעכטיקייט.

דער גרעסטער טייל פון יענע געזעלשאַפטלעכע אידעען, וועל־כע אַפילו די קריטישע שול פאַרבינדט מיט משהס נאָמען, האָבן אָבער געמוזט בלייבן נאָר אידעען. דער יסוד פאַר אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס קאָנען בכלל געפריידיקט ווערן וועלכע ניט איז אידעען, איז געלייגט געוואָרן ערשט שפּעטער.

משה געהערט דעריבער נאָך צו דעם כלל פון די געזעלשאַפט־לעכע אוטאָפּיסטן, וואָס גיבן זיך ניט אָפּ קיין דין־וחשבון, אויף וועלכן וועג עס וועלן זיך פאַרווירקלעכן זיינע אידעען, וואָס נעמט זיך צו הילף גאָט, בשעת ער געפינט ניט קיין הילף ביי מענטשן און וועלכער מוז אָבער גאַניץ גיך זיך אַרומזען, אַז דאָס פאָלק איז אַזוי ווייניק דערוואַקסן נאָך צו זיין גאָט, ווי צו זיינע אידעען.

בשעת מיר באַטראַכטן דעריבער די נביאים אין זייער רעאַלער געזעלשאַפטלעכער קריטיק און זייער געזעלשאַפטלעכן קאַמף, בשעת

מיר מיען זיך צו געפינען ביי זיי א באשטימטע אפשאצונג פון דער עקסיסטירנדיקער געזעלשאפט, באשטימטע רעאלע טריט צו פארבעסערן און רעפארמירן די ארדענונג, ווערט פאר אונז קלאר, אז משה דארף גערעכנט ווערן צווישן די אוטאפיסטישע מלוכה־גרינדער, אבער ניט צו די נביאים אין דעם אויבן אנגעצייכנטן זין. ריכטיקער איז דעריבער יענער ארט, וואו ער ווערט אנגערופן ניט „נביא", נאר „אדון הנביאים". ער איז דער „האר" און פארלויפער פון די נביאים. אין זיינע אוטאפיסטישע, געזעלשאפט־לעכע אידעען, דורך וועלכע ער האט זיך אויפגעהויבן ביז צו די הויכענישן פון מענטשלעכן גייסט, האבן זיי דערנאך געפונען יענעם לעבעדיקן קוואל, פון וועלכן זיי האבן געשעפט און געשפייזט די לעבעדיקע געזעלשאפט פון זייער צייט 1). ווי אמאל, אין מדבר, האט משה, לויט דער לעגענדע, ארויסגעשלאגן פון פעלז וואסער פארן דארשטיקן פאלק, אזוי זיינען זיינע אידעען שפעטער פארוואנדלט געווארן אין יענעם פעלז, פון וועלכן די נביאים האבן אויפגעעפנט קוואלן פאר זייער תקופה.

אין יענער צייט, וועגן וועלכער מיר ריידן, אין דער אזוי גערופענער שופטים־צייט, האט אין דארף נאך געהערשט די סאציאלע גלייכקייט. די ערד, וואס איז איינגענומען געווארן דורך די אנגעקומענע שבטים הן דורכן שווערד, הן אויפן וועג פון לאנגזאמער קאלאניזאציע, איז איינגעטיילט געווארן צווישן די מנצחים, ווי שפעטער בשעתן גרינדן פון דער שטאט רוים, אזוי אז די ערד איז געבליבן אין די הענט פון די ערשטע אקופירנדיקע פאמיליעס

1) די ג׳שטאלט פון משה אלס אוטאפיסטישן מלוכה־גרינדער איז צום בעסטן טייל אויסגעארבעט געווארן בכלל שפעטער און איז, ווי מיר מיינען, א לבוש פאר די פאליטישע אידעען פון די שפעטערדיקע נביאים, זע אונטן זייט 129—133.

און האָט, נאָך דעם אַלטן מנהג, ניט געקאָנט איבערגיין פֿון איין פֿאַמיליע צו אַן אַנדערער. „די גרעסערע פֿאַמיליע האָט באַקומען אַ גרעסערע נחלה, די קלענערע — אַ קלענערע“, אָבער ווי ביי יעדן פֿאָלק, וואָס איז ניט לאַנג אַריבער פֿון אַ וואַנדער־לעבן צו ערד־אַרבעט, האָבן די מיטלען צו באַאַרבעטן די ערד געמוזט נאָך זיין פּרימיטיווע; דערצו האָבן די דאָרפֿס־לייט נאָך ניט געוואוסט גוט די תּנאים פֿון לאַנד, זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט זיין קלימאַט. אויך די ערד, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן צו זיי אין די הענט, איז ניט שטענדיק געווען פֿון די בעסטע, ווייל אין די פֿרוכטבאַרע ערטער איז אין משך פֿון די פֿריערדיקע דורות אויסגעוואַקסן און האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט דער כּנענישער ישוב. דערצו פֿלעגט אין יענער צייט, ווען די שבֿטים האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט איינער פֿון צווייטן, אויסקומען צו יעדער מלחמה אָפּרייסן די קריגספֿעאיקע באַפֿעלקערונג פֿון די פֿעלדער, אַפֿילו אין מיטן פֿון זייען און שניידן, און אָפֿט פֿלעגט געשען, אַז וואַנדער־שבֿטים, וואָס אויף די גרענעצן פֿון מדבר, פֿלעגן זיך באַנוצן מיט אַזעלכע קריטישע מאָמענטן, בשעת אין דאָרף בלייבן נאָר פֿרויען און קינדער, כּדי צו צעראַבירן די פֿעלדער און אַוועקצוטראָגן מיט זיך אַלץ וואָס נאָר מעגלעך. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געמוזט ברענגען דערצו, אַז דעם ישׂראלשן ערד־אַרבעטער זאָל פֿון צייט צו צייט אויסקומען צו ליידן הונגער, ניט געקוקט אויף זיין אַרבעט און אַז יעדנפֿאַלס זאָלן זעלטן־ווען בלייבן ביי אים מותרות, וועלכע ער זאָל קאָנען אויסביטן אויף אַנדערע נייטיקע פּראָדוקטן און חפֿצים.

דאָך זיינען שוין אין יענער צייט געווען ביים ישׂראלשן ערד־אַרבעטער געזעלשאַפֿטלעכע חובֿות, פֿון וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן; דאָס איז געווען קודם־כּל זיין חובֿ צו די הייליקע שטעט, צו גאָט און צו זיינע כּהנים. נאָך פֿאַר דער ישׂראלשער אָקופּאַציע פֿונעם לאַנד האָבן דאָרטן פֿון פֿאַרצייטן עקסיסטירט היי־

ליקע שטעט מיט טעמפלען, וואָס זיינען געווידמעט געווען די פאַר־שיידענע נאַטור־געטער פון לאַנד. דידאָזיקע שטעט זיינען שוין, ראָנטיק, געווען עקאָנאָמישע צענטרען איידער זיי זיינען געוואָרן רעליגיעזע צענטרען. זיי זיינען געלעגן דאָס רוב ניט ווייט פון די גרויסע קאַראַוואַנען־וועגן, וועלכע האָבן פון די עלטסטע צייטן פאַראייניקט פיניקיע (דאָס אייגנטלעכע כנען) מיט אשור, בבל און מצרים. דידאָזיקע שטעט זיינען געווען פון אַלטע צייטן סחורה־לאַגערס און כטאַנציעס פאַר די קאַראַוואַנען און מיט דער צייט זיינען די אויסגעוואַקסן אין מאַרק־פלעצער, וואוהין עס פלעגן זיך אין באַשטימטע צייטן אויפקלייבן די פויערים פון די דערפער, וואָס אין דער גאַנצער אומגעגנט. פון אַלטע צייטן אָן זיינען דעריבער צו די־דאָזיקע שטעט געווען דורכגעלייגט וועגן פון די דערפער, און צונויפגעקומען זיך אַהערצו איז די דאָרפס־לייט געווען באַקוועמער ווידער אַנדערש וואוהין 1). דאָ זיינען צוערשט אויסגעבויט געוואָרן מויערן מיט אייזערנע טויערן, כדי צו פאַרהיטן די סחורות, וואָס פלעגן ווערן אַריינגעפירט דורך די פאַרביי־גייענדיקע קאַראַוואַנען; אין דידאָזיקע מויערן האָט די אמונה פון לאַנד שפּעטער פאַרהיי־ליגט און פאַרוואַנדלט די עקאָנאָמישע צענטרען אין רעליגיעזע.

דידאָזיקע הייליקע שטעט זיינען נאָך דער ישראלשער אָקופּאַציע געווים געקומען אויף אַ צייט צו אַן עקאָנאָמישער ירידה, אָבער זייערע טעמפלען זיינען איצט אַריבער אין רשות פון ישראלס אמונה.

---

1) דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס אַ גרויסער טייל פון די דאָזי־קע אַלטע הייליקע שטעדט איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן אַלס ערי מקלט פאַר אומשולדיקע פאַרברעכער, ווייל איבער די באַקוועמע וועגן איז זיי געווען גרינגער צו ראַטעווען זיך אַהער פון דעם „גואל־הדם” (נקמה־נעמער), וואָס האָט זיי נאָכגעיאָגט, און מער ווי מיט אַ האַלבן יאָר־טויזנט שפּעטער זען מיר נאָך, ווי דער סנהדרין זאָרגט, אַז דידאָזיקע וועגן זאָלן אויפגעהאַלטן ווערן אין דער בעסטער אָרדענונג.

זיין גאָט האָט אין זיי איצט פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון די באַזיגטע כנענישע געטער. עס האָבן זיך געביטן אָפֿשר די געטער־נעמען, אָבער אין תּוך האָט זיך כּמעט גאָרנישט ניט געביטן. די אַלטע מנהגים, וועלכע זיינען געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער נאַטור פֿון לאַנד און מיט דער אַרט באַשעפֿטיקונג פֿון דער באַפֿעלקערונג, זיינען געבליבן עקסיסטירן אויך ווייטער און די הייליקייט פֿון די שטעט האָט זיך לגמרי ניט געמינדערט. ווי דער כנענישער ערד־אַרבעטער פֿריער, אַזוי האָט איצט דער ישׂראלישער ערד־אַרבעטער געפֿילט זיך צוגעבונדן צו די הייליקע שטעט דורך זיינע טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדערפֿענישן. ער האָט, אמת, ניט געהאַט קיין מותרות, וועלכע ער האָט געקאָנט פֿירן אין שטאָט, כּדי אויסצובייטן זיי אויף די סחורות פֿון די בבלישע, מצרישע אָדער כנענישע סוחרים, ער האָט נאָך אין די עצם סחורות,—פֿערד, בשׂמים, פֿאַרביקע קליידער — זיך ניט גענייטיקט. ער האָט זיך אָבער גענייטיקט אין דער הילף פֿון כּהן. ווען עס פֿלעגט אָנקומען, נאָכן הייסן זוניקן זומער, די רעגנס־צייט און אויפֿן ריינעם הימל פֿלעגט זיך אַ צייט נאָך ניט ווייזן דער מינדסטער וואָלקן, פֿלעגט דער דאָרפֿס־מאַן אומרואיק ווערן און איילן אין דער הייליקער שטאָט מיט אַ קרבן צו גאָט און מיט אַ מתּנה פֿאַר די כּהנים. ווען, פֿאַרקערט, עס פֿלעגט זיין אַ גערעטעניש אין זיין פֿעלד און וויינגאָרטן, פֿלעגט ער מיט פֿרייד אָפּריכטן דעם יום־טובֿ פֿון שניט, קומען מיט זיין משפּחה אין דער הייליקער שטאָט, עסן פֿאַר גאָט, רייכערן דעם חלבֿ אויפֿן מזבח און פֿרייען זיך אין טעמפּל. ביי יעדער פֿאַמיליע־פֿרייד אָדער צער פֿלעגט זיך דער ערד־אַרבעטער ווענדן צום כּהן. אין אַ שווערער פֿאַרלעגנהייט פֿלעגט ער צו אים קומען נאָך אַן עצה, אַרויסטרעטנדיק אויף אַ מלחמה, פֿלעגן די עלטסטע פֿון די שבֿטים פֿריער קומען אין דער הייליקער שטאָט, אָנפֿרעגן ביי גאָט,

דורך דעם הייליקן אָראַקל, דעם אורים ותומים, וואָס ביים כהן, צי וועט זיי גאָט שיקן אַ נצחון.

אַז צו גאָט קאָן מען אָבער ניט קומען מיט ליידיקע הענט איז געווען אַן אַלטער כּלל. וועט דען ווער עס איז זיך דערלויבן צו קומען צו אַ קיניג אָן אַ פּאַסנדיקער מתנה? וועט דען גאָט מוחל זיין דעם, וואָס וועט ניט ברענגען אין זיין טעמפּל פון די פּרוכט פון זיין פעלד און וויינגאָרטן, פון זיינע בעסטע שאָף, מיט וועלכע גאָט האָט אים געבענטשט? און דער ערד-אַרבעטער פלעגט זיין בעכטן האָב און גוטס, אָפט אפשר פון זיינע לעצטע אָפּשפּאָרן, ברענגען פאַר גאָט אַ מעסטל מעל, אַ געשטאָפּטן קאַלב אָדער אַ לאָגל וויין און בוימל. דיזאָזיקע האָב איז געווען גאָר צום האַרצן די כּהנים פון די הייליקע שטעט, וועלכע האָבן פרי זיך אָפּגעוויינט פון יעדער פּראָדוקטיווער אַרבעט און, וויסנדיק ווי ווייט דאָס פאָלק מוז צו זיי אָנקומען, זיך אויסגעלערנט צו לעבן אויפן חשבון פון פאָלק און אַרויסציִען ביי אים וואָס מער פון די פּרוכט פון זיין אַרבעט.

דיזאָזיקע סתירה צווישן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די עקספּלואַטירטע פאָלקס-מאַסן און די עקספּלואַטירנדיקע כּהנים האָט געדינט פאַר אַ יסוד דעם ערשטן אויפקומען פון דער נבֿואה. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דיזאָזיקע סתירה האָט זיך פריער פון אַלץ אַרויסגעוויזן אין די אפרים-בערג, וואָס זיינען אָרימער אין פּי און ברויט, ווידער דאָס טאָל-לאַנד און וואו די מאַטעריעלע עקספּלואַטאַציע פון פאָלק מצד די כּהנים האָט זיך געמוזט דערייבער לאָזן פילן שטאַרקער ווי אַנדערשוואו. קיין שילה, — דער הייליקער שטאָט פון דעראָזיקער געגנט, פלעגן די ערד-אַרבעטער קומען אין די גרויסע יאָריקע יום-טובֿים, „כּדי צו בוקן זיך און צו שעכטן פאַר יהוה, דעם גאָט פון די הימל-חילות“, צו עסן פלייש און צו פרייען זיך אין דעם הייליקן אָרט. פון דיזאָזיקע יום-טובֿים

האָבן די כּהנים פֿון שילה געמאַכט זיך אַ גוטע פּרנסה. זיי האָבן זיך ניט נאָר געלאָזט ברענגען פֿון פֿאָלק מתּנות, נאָר זיי האָבן זיך געמאַכט פֿאַר אַ מנהג צונעמען פֿאַר זיך דעם פֿעטסטן חלק פֿון די געשאָכטענע פֿלייש.

„אַזוי האָבן זיך — דערציילט די געשיכטע — די כּהנים געפֿירט מיטן פֿאָלק. בשעת איינער שעכט אַ קרבן, קומט אָן דער כּהן־יונג, ווען עס קאָכט זיך דאָס פֿלייש, און אַ דריישפּיציקער גאָפּל איז אין זיין האַנט; ער טוט אַ שלאָג אין דער וואַש־כּלי אָדער אין קעסל, אין שיסל אָדער אין טאָפּ — אַלץ וואָס עס נעמט אָן דער גאָפּל נעמט צו דער כּהן זיך. אַזוי פֿלעגן זיי באַגיין זיך מיט גאַנץ ישׂראל, וואָס קומען אַהינצו קיין שילה. און דאָסגלייכן, איידער מען פֿלעגט רויכערן דעם חלב פֿלעגט קומען דער כּהן־יונג און פֿלעגט זאָגן צו דעם וואָס שעכט: גיב דעם כּהן פֿלייש צום בראָטן, ער וועט ביי דיר ניט נעמען קיין געקאָכטע פֿלייש, נאָר רויע, און ווען יענער זאָל זאָגן צו אים: „איצט רויכערט מען דעם חלב, נעם וויפֿל דיין האַרץ געלוסט“, פֿלעגט יענער ענטפֿערן: „דווקא איצט זאָלסטו מיר געבן, ווען ניט נעם איך מיט געוואַלד“. —

דער דאָרפֿס־מאַן האָט אין יענער צייט בדרך־כּלל קיין סך פֿי ניט פֿאַרמאָגט, ווי אַמאָל אין דער וואַנדער־צייט. ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט פֿעלד־אַרבעט, און מיט די בהמות און אָקסן האָט ער זיך באַנוצט דאָס רובֿ נאָר צום אַקערן און צום דרעשן, צו פֿירן די תּבֿואה פֿון שייער קיין מיל, די וויינטרויבן און איילבערטן פֿון גאָרטן צום קעלטער. זעלטן ווען ער פֿלעגט שעכטן פֿון זיין פֿי צום עסן און פֿלעגט ערלויבן זיך דאָס רובֿ אַזאַ פֿאַרגעניגן נאָר אין די גרויסע יום־טובֿים, בשעת ער פֿלעגט גיין אין דער הייליקער שטאָט „צו בוקן זיך און צו שעכטן“. דעמדאָזיקן זעלטענעם פֿאַרגעניגן האָבן אויך ביי אים געוואָלט אָפּרויבן די כּהנים.

דאָס פֿאָלק איז אָבער ניט אין שטאַנד געווען אַרויסצוטרעטן קעגן די כּהנים. די יונגע פֿויערים־מאַסע איז געווען צוגעבונדן צו די הייליקע שטעט דורך איר גאַנצן לעבנס־שטייגער און דורך אירע, — הגם פֿאַלש פֿאַרשטאַנענע — עקאָנאָמישע אינטערעסן. אין יענער ווייטער צייט, — ווען עס איז באַזונדער שווער תּופֿס צו זיין אין אונזער דור, מיט זיין שנעלן פּראָגרעס פֿון דער וויסנשאַפֿט און זיין ראַדיקאַלער איבערשאַצונג פֿון די רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען, — האָט די אמונה מיט איר פּרימיטיווער קראַפֿט באַהערשט אַלע גייסטער. און אַרויסצוטרעטן קעגן די כּהנים, די פֿאַרמיטלער צווישן גאָט און פֿאָלק, איז געווען גלייך ווי אַרויסצוטרעטן קעגן דער אמונה גופֿא.

עס האָט געמוזט אויפֿקומען אַ רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייט מיט אַ טיפֿן געזעלשאַפֿטלעכן באַוואוסטזיין, וואָס זאָל פֿילן די אינערווייניקסטע סתירה, וואָס באַשטייט צווישן דער סאָציאַלער גערעכטיקייט און צווישן דער פֿאָלקס־גזלה פֿון די כּהנים, — און ניט נאָר פֿילן אַליין, נאָר זאָל זי ניט קאָנען גלייכגילטיק פֿאַרטראָגן און זאָל מיט אַ טיפֿער רעוואָלוציאָנערער קראַפֿט פֿון כאַראַקטער קאָנען אָפֿן אַרויסטרעטן מיט זיין מיינונג און נעמען אויף זיך דעם ניט גלייכן קאַמף מיט די אָנערקענטע אויטאָריטעטן.

דאָס איז געווען שמואל, — אַ מענטש פֿון דער פּויערים־מאַסע פֿון די אפֿרים־בערג. זיין פֿאָטער אלקנה איז געווען אַ פּויער פֿון דעם באַרג־דאָרף צוף, האָט געהאַט צוויי ווייבער און האָט זיך אייגנטלעך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט פֿון אַלע אַנדערע ישׂראלשע פּויערים פֿון זיין צייט. ווי זיי אַלע איז ער אויך געווען צוגעבונדן צום הייליקן שילה און פֿלעגט קומען אַהינצו יעדן יאָר, אין די גרויסע יאָריקע יום־טובֿים, צו שעכטן און צו פֿרייען זיך פֿאַר גאָט. האָט אָבער גאָט ביי אים צוגענומען די פֿרייד. אין זיין משפּחה האָט געהערשט אַן אינעווייניקסטע טראַגעדיע. זיין

ווייב פנינה איז געווען געבענטשט פון גאָט מיט פיל קינדער, די האָבן געפּקערט, געזייט און געשניטן אין פעלד פון אלקנה און האָבן געדאַרפט זיין דערנאָך די יורשים פון אלקנהס נחלה. און די איידעלע, געליבטע חנה איז געווען אַן עקרה. אלקנה ווייזט צו איר, אמת, אַרויס דערפאַר נאָך מער ליבשאַפט. ער וויל שטילן איר צער און איבערווייזן איר, אַז זי איז אים „ליבער פון צען קינדער". אָבער זי פילט, אַז זי איז אַ פרוכטלאָזער בוים, אַז די אמתע אלקנהס יורשים וועלן זיין פנינהס קינדער און אַז זי וועט נאָך זיך קיין זכר ניט איבערלאָזן. און בשעת איר בענקען און גאַרן נאָך אַ קינד, בשעת זי צעגיסט זיך אין אַ ביטערן געוויין און תפילה פאַר גאָט און שילה, ווערט ביי איר צייטיק אַ געדאַנק, וועלכער גיסט זיך אויס אין דער געשטאַלט פון אַ נדר: זאָל איר גאָט נאָר בענטשן מיט אַ זון, וועט זי אים אויף זיין גאַנצן לעבן אַוועקשענקען גאָט, ער זאָל דינען אין היליקן שילה און „גאָט זאָל זיין זיין נחלה".

ווי פאַר אַ פרומער יידישער מוטער אין אונזער דור איז אַן אידעאַל, אַז איר זון זאָל זיין אַ רב, איז פאַר דער פרומער חנה געווען אַן אידעאַל, אַז איר זון זאָל זיין אַ כהן פאַר גאָט. דאָס איז נאָך געווען יענע צייט, ווען די כהונה איז נאָך ניט געווען נאָר אַ פריווילעגיע פון איין־איינציקער פאַמיליע אין שבט לוי, ווען יעדערער, וועלכער האָט מקדיש געווען זיין לעבן דעם גאָטעס־דינסט, האָט זיך געקאָנט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ כהן.

שמואל האָט געזאָלט זיין אַ כהן אין שילה, איינער צווישן יענע פילע יונגע לייט, וואָס דערפילן טאָג־טעגלעך די אַרבעט אין געטלעכן הויז אונטער דער השגחה פון אַלטן עלי, וואָס צינדן אָן און פאַרלעשן די הייליקע לייכטער, עפענען און שליסן די טויערן פון טעמפל. אזוי האָט געטראַכט זיין מוטער, באַגלייטנדיק אים מיט פרומע ברכות און מיט מתנות פאַר די כהנים.

שמואל איז אָבער געווען באַשאַפֿן צו עפּעס גרעסערס, ווי צו דער שוואַרצער, מעכאַנישער אַרבעט אין טעמפּל. זיין מוטער האָט אים איבערגעגעבן איר ריינע און האַרציקע נאַטור. פֿון די היימישע פֿעלזן און הויכע שטאָלצע בערג האָט ער איבערגענומען די פֿעסטקייט און קראַפֿט פֿון כאַראַקטער. ער איז געקומען קיין שילה פֿון זיין היימישן דאָרף, אַ ריינער און שטאַרקער. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן קיין אומרעכט און איז ניט געווען געבאָרן צו דינען גאָט אַלס אַ קנעכט פֿון עלי. ער האָט מיט גאָט געהאַט אַ מער אינטימע און נאָענטע פֿאַרבינדונג, וועלכע האָט זיך ניט געקאָנט באַגרענעצן מיט דער ענגער מחיצה פֿון שילה און פֿון איר טעמפּל. ער איז געווען געבענטשט מיט אַן אָפֿענער און דרייסטער נאַטור, פֿאַר וועלכער דער אמת און גערעכטיקייט איז די איינציקע פֿאָן אין שווערן קאַמף.

דער קאַמף פֿאַרן אמת, פֿאַר די אינטערעסן פֿון באַרויבטן פֿאָלק, קעגן דער משפּחה פֿון עלי — דאָס איז געווען דער אינהאַלט פֿון דער ערשטער נביאישער אַרויסטרעטונג ביי שמואלן. טאָג־איין טאָג־אויס דערפֿילט ער די אַרבעט אין טעמפּל, אָבער אין די שלאָפֿלאָזע נעכט צערייסט זיין האַרץ אַלץ שטאַרקער די שרעקלעכע סתירה; דער שקר פֿון די כהנים, וואָס רויבן דאָס פֿאָלק מיט אַ פֿרומען פּנים, לאָזט אים זיך ניט באַרואיקן. ער פֿילט, אַז די הייליקייט פֿון דער פֿאָלקס־אמונה איז פֿאַרשוועכט דורך דער גזלה פֿון די כהנים, דורך זייער זנות און אויסגעלאַסענע אָרגיען; וואָס זיי פֿירן אויפֿן כנענישן שטייגער. — און אין איינער פֿון אַזעלכע נעכט ווערט אין אים צייטיק דער געפֿיל פֿון געטלעכער גערעכטיקייט און געטלעכער שטראָף. עס פֿאַלט אַראָפּ דער שטעמפּל פֿון שווייגן פֿון זיינע יונגע, נאָך קינדישע ליפּן. ער פֿלאַטערט־אויף אויף גייסטיקע פֿליגלען. עפּעס רופֿט אים און ציט, עפּעס האָט ווער ווערטער, ווי גליענדיקע פֿלאַמען און שטעכעדיקע עקדעשן

אַריינגעלייגט אין זיין מויל; גאָט אַלס אידעאַל פֿון גערעכטיקייט, דערהויבט זיך אין זיין געדאַנק איבערן טעמפּל פֿון שילה, ער עמאַנסיפּירט זיך פֿון דער אַפּוטרופּסות פֿון די כּהנים, ער רייסט איבער זיין אויפֿבּונד מיט דער עבֿודה, וועלכע ווערט געטאָן מיט אומריינע הענט: גאָט אַליין וועט צעשטערן שילה, וועט בּאַזייטיקן און אומבּרענגען די זינדיקע כּהנים; אויפֿן שלאַכט-פֿעלד וועלן זיי פֿאַלן און דער ארון, הינטער וועלכן זיי בּאַהאַלטן זיך, וועט זיך אַרויסגליטשן פֿון זייערע אומריינע הענט...

הידאָזיקע נבֿיאישע אַנטפּלעקונגען בּאַהאַלט ניט שמואל פֿון עלין. אָפֿן און ניט צווייִדייטיק טרעט אַרויס דער ערשטער נבֿיא מיט זיין בּאַשולדיקונגס-אַקט, און ביזן לעצטן לעבנס-טאָג האָט דער זקן עלי געפֿילט דעם שווערד פֿון שטראָף, וועלכן דאָס נבֿיאישע וואָרט האָט אויפֿגעהאַנגען איבער זיין משפּחה.

פֿון דאַן אָן זעען מיר מער ניט שמואלן, צינדנדיק די לייכטער און שליסנדיק די טירן אין שילה-טעמפּל, זיין שטורמישע אַנטפּלעקונג האָט אים אַרויסגעטראָגן אויף אַ בּרייטערער אַרענע; זיין מוטער האָט אים געוואָלט שענקען דעם טעמפּל פֿון שילה, פֿון איצט אָן האָט ער שוין געהערט זיין פֿאָלק. ער האָט געוויס זיך ניט בּאַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט אַריינגערימט זיין סוד עלין, ווי עס ווילן אונז בּאַרואיקן די רעליגיעזע געשיכטע-שרייבער. ער איז געוויס אַרויסגעטראָטן אָפֿן און אויסגעדריקט זיין אויפֿגעבראַכטקייט פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, וואָס קומט קיין שילה און איז מיט צער און פֿאַראַכטונג אַרויס פֿון דאָרטן נאָך איידער די פּלשתים האָבן אים פֿונאַנדערגעטראָגן אויף אייניציקע שטיינער.

נאָר די צייט פֿאַר אַ פֿאָלקס-בּאַוועגונג איז נאָך דעמאָלסט ניט געווען אָנגעקומען, און בּפֿרט פֿאַר אַ בּאַוועגונג קעגן דער אָפֿיציעלער אמונה, וועלכע האָט געהאַט אירע טיפֿע וואָרצלען אין לעבנס-שטייגער פֿון יעדן פּויער אין ישׂראל און פֿון יעדער מוטער, וואָס בּיים שפּינדל.

---

3. די נביאים און דער אָנהייב פֿון פֿאָלקס־קיניגטום.

אין שמואלס צייט זיינען שוין די שבֿטים כּמעט ווי צייטיק געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער פֿאַראייניקונג. בשעת זייערע מלחמות מיט די שכנים זיינען זיי ניט איינמאָל אַרויסגעטראָטן מיט פֿאַראייניקטע כּוחות אַנטקעגן זייערע שותּפֿישע שונאים, האָבן צוזאַמען פֿאַרגאָסן זייער בלוט אויפֿן שלאַכט־פֿעלד און האָבן אָפֿט, ווי אַ שטייגער בײַ דער גרויסער שלאַכט בײַם קישון־טייך, זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז נאָר אַדאַנק זייער פֿאַראייניקונג זיינען זיי אין שטאַנד אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבער דעם שטאַרקן שונא.

אָבער די מלחמות פֿון די פֿאַראייניקטע שבֿטים האָבן געפֿירט אויך דערצו, אַז די איינצלנע באַטייליקטע שבֿטים, — וואָס, יעדער פֿון זיי האָט געהאַט זיינע באַזונדערע מלחמה־אָנפֿירער, די קצינים, — זאָלן זיך אויסקלייבן איין אַלגעמיינעם קצין, אָדער פֿאַרטרויען זיך איין איינציקן פֿאָלקס־העלד (שופֿט), וועלכער פֿלעגט אין אַ קריטישן מאָמענט צונויפֿקלייבן די פּויערים־מאַסן פֿון אַ גאַנצער געגנט און אַרויסטרעטן מיט זיי צו באַשיצן די פֿעלדער און גערטנער, דאָס אָקופּירטע לאַנד, און פֿלעגט אויך דערנאָך, אין דער צייט פֿון שלום, ניט פֿאַרלירן זיין השפּעה אויף די פֿאַראייניקטע שבֿטים.

אין דעם פּרט האָבן ווידער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די הייליקע שטעט; אין זיי פֿלעגן זיך צונויפֿגיין, דערהויפּט יום־טובֿים־צייט, איינוואוינער פֿון פֿאַרשיידענע דערפֿער און פֿאַרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע שבֿטים און דערנענטערן זיך אויף אַזאַ אופֿן

איינע צו די אַנדערע, צונויפֿריידן זיך וועגן זייערע אַלגעמיינע באַדערפֿעניש. לאַנגזאַם איז אויפֿגעקומען ביי די אָרגאַניזירטע פּויערים־געמיינדעס די באַדערפֿעניש אין אַ צענטראַלער מאַכט, אין אַ צענטראַלער פֿירונג. די איניציאַטיוו האָט געהערט דעם פֿאָלק גופֿא, וועלכער האָט אויף אַ פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג אין דער הייליקער שטאָט מצפּה געפֿאָדערט זיך „אַ קיניג ווי ביי אַלע פֿעלקער, וואָס זאָל גיין אונדז פֿאָראויס און פֿירן אונדזערע מלחמות". און עס איז קיין זאַך ניט געשטאַנען אויפֿן וועג דעם ווילן פֿון פֿאָלק, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון זיינע ווירקלעכע עקאָנאָמישע אינטערעסן. עס איז געגרינדעט געוואָרן דאָס פֿאָלקס־קיניגטום.

ביי שמואלס לעבן און ביי זיין נאָענטסטער מיטווירקונג איז פֿאָרגעקומען די דאָזיקע וויכטיקע פּאָליטישע געשעעניש, מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן די אייגנטלעכע פּאָליטישע געשיכטע פֿון ישראל. אָבער די מקורים, וועלכע דערציילן אונדז וועגן דעם נביאס באַטייליקונג אין די געשעענישן און וועלכע זיינען געשריבן אין פֿאַרשיידענע צייטן און פֿון פֿאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, גיבן אונדז איבער אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים די באַציאונג פֿון דעם ערשטן נביא צו דעם פֿאָלקס־קיניגטום אַלס אַ פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטלעכער אַנשטאַלט.

לויט איין נוסח, איז שמואל געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פֿון פֿאָלקס־קיניגטום און אָנגעוויזן דעם פֿאָלק אויף אַלע נעגאַטיווע זייטן פֿון קיניגטום, האָט ער פּראָקלאַמירט דעם פֿאָלק, אַז „זיין קיניג איז גאָט". און ערשט ווען דאָס פֿאָלק איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט דער נביא נאָכגעגעבן און קעגן דעם אייגענעם ווילן אויסגעקליבן דעם פֿאָלק אַ קיניג.

דער דאָזיקער נוסח איז פֿאַלש. ער שטאַמט ערשט פֿון שפּעטערדיקע צייטן, ווען די שאָטן־זייטן פֿון קיניגטום האָבן זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן, און די מחברים פֿון דעם דאָזיקן נוסח זיינען

די כהנים, די מסדרים פון דער תורה, וועלכע האָבן געשטרעבט צו בויען אויף די רואינעס פון וועלטלעכן קיניגטום אַ טעאָקראַטישע מלוכה מיטן כהן גדול אין דער שפּיץ. דען וואָס הייסט די פאָרמולע „גאָט איז אייער קיניג“, אויב ניט — די גאַנצע מאַכט די כהנים, ווייל ווער אויסער זיי קאָן אַרויסטרעטן אַלס פאַרמיטלער פון געטלעכן ווילן. דאָס איז אָבער די גרעסטע באַליידיקונג פאַרן ערשטן יידישן נביא, ווען מען זאָל אים חושד זיין אין דעם ווילן איבערצוגעבן די גאַנצע פּאָליטישע פירונג אין די הענט פון די כהנים.

לויט אַ צווייטן נוסח, האָט דער הייליקער אָראַקל, דער אורים־ותומים, — וועלכער פלעגט, ווי מיר האָבן געזען, פאָראויסזאָגן דעם גורל פון יחיד און פון כלל, — אָנגעוויזן אויף שאולן, אַלס דעם קומענדיקן פאָלקס־קיניג. דאָס איז אָבער נאָר איין זייט פון דער דערשיינונג. דער ריכטיקער און טיפער היסטאָרישער קערן ליגט אָבער אין יענעם נוסח, לויט וועלכן שאול איז געווען אַ שופט, ווי אַלע אַנדערע שופטים, וואָס פאַר אים; אַז ער האָט זיך אַלס פאָלקס־העלד, מיט ענטוזיאַזם און טעמפּעראַמענט געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער מלחמה אַנטקעגן עמון און אַז זיין גלענצנדיקער נצחון, וועלכער האָט אָנגעפילט מיט טרייסט און שטאָלץ אַלע הערצער, האָט גורם געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל אים אויסקלייבן אויף דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג (אין מצפה אָדער אין גלגל) פאַר אַ קיניג און אַז דער אָראַקל זאָל באַשטעטיקן זיין אויסוואַל.

און דאָ ווערט שוין במילא אויך קלאָר די באַציאונג פון די נביאים און פון שמואלן בפרט צום פאָלקס־קיניגטום.

די שופטים זיינען געווען פרייע פאָלקס־העלדן, וועלכע האָבן פיזיש געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון דער מאַסע אויף דעמזעלבן שטייגער, ווי די נביאים האָבן פאַר זיי געקעמפט גייסטיק. דער נביא און דער שופט האָבן דערגאַנצט איינער דעם

צווייטן. ווי דער נביא אזוי האט אויך דער שופט זיך ניט איינגעשלאסן אין די ענגע ראמען פון זיין קליינער דארף-געמיינדע אדער פון זיין שבט, ער האט געהאט פאר זיך ברייטערע געזעלשאפטלעכע האריזאנטן. ווי דער נביא האט ארגאניזירט און פאראייניקט גרויסע פאלקס-מאסן דורך דיינע געזעלשאפטלעכע אידעען און געזעלשאפטלעכן קאמף, אזוי האט דער שופט ארגאניזירט און פאראייניקט די פאלקס-מאסן פון די פארשיידענע שבטים דורך פרייהייטס-מלחמות קעגן די שותפישע שונאים. ווי דער נביא אזוי איז אויך דער שופט פון קיינעם ניט געווען באפולמעכטיקט און אויסגעקליבן צו זיין טעטיקייט. זיין אייגענער באוואוסטזיין, זיין טעמפעראמענט און טיפער דעמאקראטישער כאראקטער האבן אים געטריבן צו נעמען אין האנט די פיזישע כלי-זיין, ווי דעם נביא די גייסטיקע. די גרענעצן צווישן נביא און שופט פארלירן זיך אפט אינגאנצן, ווייל דער העלד, וואס פירט דאס פאלק באגייסטערט אויפן שלאכט-פעלד, פארוואנדלט זיך אפט ניט באמערקט אין זיין גייסטיקן פירער. אזוי קרוינט, א שטייגער, די געשיכטע מיטן נאמען נביאה דבורהן די פאלקס-העלדין פון דער קישון-שלאכט; און ווען דער פאלקס-העלד שאול טרעט ארויס, נאך דער פאלקס-מאלצייט אין רמה מיט באגייסטערטע רייד, שרייט אים דאס פאלק נאך: „איז דען אויך שאול אין כלל פון די נביאים!?“

א שופט ווי אלע אנדערע איז שאול געווען פון אנהייב. ער איז געווען א פשוטער יונגער ערד-ארבעטער אין גבעה, אין א בארגדארף פון בנימין-לאנד. די איינוואוינער פון די יהודה-בערג האבן זיך פון פארצייטן אויסגעצייכנט מיט זייער גבורה און דרייסטקייט, (זיי זיינען געווען אויסגעצייכנטע שטיין- און פיילן-ווארפער), און בפרט אין יענער צייט, ווען פון מערב-זייט, פון ים, איז אנגעקומען א נייער שונא, וועלכער האט פארנומען די פרוכטבארע טאלן ביים

ים און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו די בערג. יעדער באַרג־דאָרף האָט זיך דאַן פֿאַרוואַנדלט אין אַ נאַטירלעכער פֿעסטונג, אין אַ לייבן־גרוב. דרייסט און מוטיק האָבן די בערג־לייט געשלאָגן דעם שונא אין די משופּעדיקע בערג און אין די שמאָלע טאָלן, וואו ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכן מיט זיינע שאַרפֿע שפּיזן און זיינע מלחמה־רייטוואָגן, וועלכע זיינען געווען אַ שרעקלעכער כּלי־זיין אויפֿן פֿלאַכן לאַנד. אַזאַ לייבן־גרוב, אַזאַ העלדן־לאַגער איז געווען דער באַרג־דאָרף גבֿעה. און „פֿון אַקסל אָן העכער פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק", איז אין אים געווען דער יונגער שאול, דער זון פֿון קיש. זיין קאָפּ האָט ער אָפּגעגעבן אין שלום־צייט זיין פֿאָטערס ערד און פֿי, ביז דעם אָנפֿאַל פֿון נחש, דעם קיניג פֿון עמון, אויף דאָס גלעד־לאַנד. די שרעקלעכע באַליידיקונג, וואָס יענער האָט אָנגעטאָן די בירגער פֿון גלעד, האָט אין אים אויפֿגעוועקט דאָס נקמה־געפֿיל; און ער איז פֿון הינטערן אַקער, פֿון פֿאַסטוכער־געצעלט אַרויס, כּדי צו העלפֿן זיין פֿאָלק. ער האָט מיט התלהבֿות צעשניטן איינעם פֿון זיינע אַקער־אָקסן, האָט די שטיקער פֿונאַנדערגעשיקט איבערן גאַנצן לאַנד און האָט אָנגעזאָגט, אַז „ווער עס וועט ניט אַרויסגיין נאָך שאולן, וועט אַזוי געשען מיט זיינע אָקסן". און בעת דאָס פֿאָלק האָט זיך מיט נצחון אומגעקערט פֿון גלעד־לאַנד, איז שאול צוריק אַוועק אין זיין היימישן דאָרף לויטן שטייגער פֿון די פֿריערדיקע שופֿטים. אָבער דאָס פֿאָלק האָט אים פֿון הינטער די שאָף גערופֿן, האָט אים מיט כּבֿוד געפֿירט אין דער אַלטער הייליקער שטאָט גלגל און אים אויסגעקליבן פֿאַר אַ פֿאָלקס־קיניג איבער ישׂראל.

דער פֿאָלקס־קיניג איז אַזוי אַרום געווען איינגנטלעך אַ קריגס־העלד, אַ שופֿט, נאָר אַ שופֿט פֿון גאַנצן פֿאָלק, וועמען עס ווערט פֿאַרטרויט די פֿאַרטיידיקונג פֿון דער ערד־אַרבעטער־באַפֿעלקערונג. „עס זאָל זיין אַ קיניג איבער אונז — זאָגט דאָס פֿאָלק — און לאָמיר

זײַן ווי אַלע פֿעלקער: זאָל אונז ריכטן אונזער קיניג און אַרויסגײן פֿאַר אונז פֿאָרויס און פֿירן אונזערע מלחמות".

בלײַבנדיק טרײַ דער פֿאָלקס-טראַדיציע און דעם פּויערים-לעבן, האָט דער קיניג, ווי פֿריער די שופֿטים, געוואָלט פֿירן אַ באַשיידענעם לעבן און מיט זײַן קלײנעם שטענדיקן חיל פֿון אויסדערווײלטע העלדן האָט ער געדאַרפֿט שטײן אויף דער וואַך און אָפּטאַ פֿאַרטײדיקן דאָס לאַנד פֿון אַ פֿײנטלעכן אָנפֿאַל. די פּויערים-מאַסע האָט געדאַרפֿט דינען אַלס רעזערוו און נאָר בײַ דער גרעסטער געפֿאַר און נויט זיך אָפּרײַסן פֿון איר פֿרידלעכער אַרבעט.

דאָס פֿאָלקס-קיניגטום מיט זײַן שטענדיקער אַרמײ איז געווען באַזונדער אַ נײטיקע באַדערפֿעניש פֿאַר דעם קלײנעם פּויער, וואָס פֿלעגט באַאַרבעטן די ערד אַלײן מיט זײַן פֿאַמיליע, אָן געדונגענע אַרבעטער. דער רײַכער פּויער, וועלכער האָט געהאַט אַ שטוב מיט קנעכט, האָט געקאָנט לאָזן באַאַרבעטן זײַן ערד דורך אַנדערע, פֿלעגט זיך אַלײן באַוואָפֿענען אויף זײַנע אײגענע מיטלען אויפֿן כנעניִשן אופֿן מיט פּאַנצער און שפּיז, פֿלעגט פֿאַרנעמען אין חיל אַ בכבודיקן אָרט, פֿלעגט פֿאַרקלענערן זײַן לעבנס-געפֿאַר און ווען די מלחמה פֿלעגט זיך ענדיקן מיט אַ נצחון, פֿלעגט ער ברענגען אַהײם אַ סך רויב און נײַע קנעכט צו דער אַרבעט. אַנדערש איז דאָס געווען בײַם קלײנעם פּויער. ווען ער זאָל דאַרפֿן אַוועקגײן אויף אַ מלחמה, בלײַבט זײַן פֿעלד דאָס רוב ניט באַאַרבעט, זײַן דאָב און גוטס פֿאַרלאָזן; זײַן האַק און גראָב-אײַזן זײַנען זײַנע אײנציקע געווער, אויפֿן מלחמה-פֿעלד פֿאַרנעמט ער דעם אָרט פֿון אַ געוויינלעכן סאָלדאַט, וועלכער איז ווייניק-וואָס געשיצט פֿון סכנה אַדאַנק זײַן שלעכטער באַוואָפֿנונג. פֿאַלט ער אין שלאַכט, בלײַבן זײַן אַלמנה און יתומים אָרעם און עלנט, קומט ער בשלום אַהײם נאָך אַ לאַנגער מלחמה-צײַט געפֿינט ער אַ צעשטערטע, פֿאַרלאָ-

זענע ווירטשאַפֿט. די גרינדונג פֿון פֿאָלקס־קיניגטום און פֿון אַ שטענדיקן פֿאָלקס־חיל איז דעריבער געווען באַזונדער נייטיק אין זיינע אינטערעסן, און דער נבֿיא, וועלכער האָט פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון דעמאָקראַטיע, האָט ניט געקאָנט ניט באַגריסן דאָס פֿאָלקס־קיניגטום אַלס געזעלשאַפֿטלעכע ערשיינונג.

ערשט די שפּעטערדיקע מסורה האָט דעריבער אַריינגעלייגט שמואלן אין מויל יענע שאַרפֿע קריטיק פֿון קיניגטום, וואָס דריקט זיך אויס אין פֿאָלגנדיקע ווערטער:

„אַזוי וועט זיין דער מנהג פֿון קיניג, וואָס וועט געוועלטיקן איבער אייך. אייערע זין וועט ער נעמען און באַשטימען איבער זיין רייטוואָגן און פֿאַר זיינע רייטער, און זיי וועלן לויפֿן פֿאַר זיין רייטוואָגן. ער וועט זיי מאַכן פֿאַר אויפֿזעער איבער טויזנט און איבער פֿופֿציק ביים אַקערן זיין פֿעלד און ביים שניידן זיין שניט, ביים צוגרייטן זיינע מלחמה־כּלי־זיין און זיינע רייט־מכשירים. אייערע טעכטער וועט ער מאַכן פֿאַר פּרעגלערקעס, קעכינס און בעקערינס, און אייערע בעסטע פֿעלדער און ווייגערטנער און איילבערט־סעדער וועט ער ביי אייך אָפּנעמען און אָפּגעבן זיינע דינער. און פֿון אייער זייאונג און פֿון אייערע ווייגערטנער וועט ער זיך נעמען מעשׂר און וועט אים אָפּגעבן זיינע סריסים און דינער. און אייערע קנעכט און דינסטן און אייערע בעסטע יוגנט און אייערע אייזלען וועט ער צונעמען און אָפּגעבן אויף זיין אַרבעט. פֿון אייערע שאָף וועט ער נעמען מעשׂר און איר וועט זיין זיינע קנעכט“.

אַלס אַזעלכע עקספּלואַטאַטאָרן און פֿאָלקס־רויבער האָבן ניט געקאָנט אויסזען ביים נבֿיא די באַשיידענע פֿויערים־מלכים פֿון דער אַלטער צייט, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט ניט קיין הויף, ניט קיין קנעכט, ניט קיין פֿאַרשיידנאַרטיקע באַדערפֿענישן. דיזאָויקע

קריטיק געהערט צו אַ פֿיל שפּעטערדיקער צייט. מען זעט, אַז דער שרייבער איז דאָ גוט באַהאַוונט מיט דעם נעגאַטיוון כאַראַקטער פֿון דעם שפּעטערדיקן קיניגטום. דאָ פֿילט זיך דיזעלביקע שול, דערזעלביקער שטרעבן צו דער באַגרענעצונג פֿון די קיניגלעכע רעכט, וועלכער האָט אין די טעג פֿון יאשיהו (621 יאָר פֿאַר דעם קריסטלעכן צייט־חשבון) אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און זיך פֿאַראייביקט אין דער געזעצגעבונג פֿון ספֿר דבֿרים.

אַנדערש האָט זיך אין דער אמתן באַצויגן שמואל צום פֿאָלקס־קיניגטום. ער האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו דעם פֿאָלקס־ווילן, וועלכער פֿלעגט זיך אָפֿט לאָזן הערן, זינט די צייטן פֿון גדעון אויף די פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען אין גלגל און אין מצפּה און אין אַנדערע הייליקע ערטער. ער איז גיכער פֿון אַלץ אַליין אַרויסגעטראָטן אויף אַזעלכע פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען, און די איניציאַטיוו פֿונם גרינדן דאָס פֿאָלקס־קיניגטום געהערט אים. דאָס קאָן אַפֿילו ניט פֿאַרבאָרגן אויך דער שרייבער פֿון ספֿר שמואל, וועלכער גיט אונז אַ שוואַכן אָפּקלאַנג פֿון דער פֿאָלקס־מאָלצייט אין צוף און פֿון דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג אין מצפּה.

שאול איז געווען, ווי עס כאַראַקטעריזירט אים דער געשיכטע־שרייבער, ניט קיין הערשער־כאַראַקטער, נאָר אַ באַשיידענער ערד־אַרבעטער און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם כּבֿוד, וועלכן דאָס פֿאָלק האָט אים אַרויסגעוויזן נאָך זיין גלענצנדיקן נצחון איבער עמון. ער האָט געוואָלט רואיק ווייטער באַאַרבעטן די ערד פֿון זיין פֿאָטער קיש און פֿיטערן זיינע מויל־אייזלען אין די בערג. האָט אָבער געטראָפֿן אַ צופֿאַל און עס זיינען פֿאַרלאָרן געגאַנגען די מויל־אייזלען ביי זיין פֿאָטער און דער יונגער העלדישער פּויער האָט זיך געלאָזן זיי זוכן איבער דער גאַנצער געגנט. און „זוכנדיק די מויל־אייזלען, האָט ער געפֿונען די מלוכה“. דער צופֿאַל האָט אים געבראַכט אין דער היים פֿון נבֿיא, ביי וועלכן ער האָט

געוואָלט. פרעגן אַן עצה וועגן די פאַרלוירענע מויל־אייזלען. עס איז גראָד געווען אַ פאָלקס־יום־טוב אין שטאָט און אויף דער גרינער, בליענדיקער במה, דעם נאַטור־טעמפל פון דער פאַרצייטיקער פאָלקס־אמונה, האָבן זיך די בירגער געדאַרפט צונויפקומען צו עסן און צו פרייען זיך פאַר גאָט. אַהערצו איז געקומען אויך שאול צו זען דעם נביא, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן פאָלק. דער נביא איז אַרויס צו דעם פאָלקס־העלד פון גבעה, וועמעס לויב איז געווען פול אין מויל פון יונג און אַלט אין די בערג און טאָלן פון לאַנד און האָט אים געזאַלבט, לויט דעם ווילן פון פאָלק, פאַר אַ קיניג, און האָט די באַשיידענע פראָווינציעלע פאָלקס־שמחה און פאָלקס־מאָלצייט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער היסטאָרישער געשעעניש: דער נביא האָט צוזאַמען מיטן פאָלק געיום־טובט די געבורט פון פאָלקס־קיניגטום אין ישראל.

4. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿונם לאַנד און איר השפּעה אויף דער נבואה.

אָבער ניט לאַנג האָט דאָס פֿאָלקס-קיניגטום געקאָנט בלייבן ביי זיין פּשוטן פּרימיטיוון געשטאַלט. מיטן קיניגטום האָט זיך געעפֿנט אַ נייע תּקופֿה אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער געשיכטע פֿונם לאַנד. אַלץ האָט זיך איצט שנעל געביטן אַרום. און אין דעם כּלל אויך די פֿיזיאָנאָמיע פֿונם קיניג גופֿא. קודם-כּל האָט דער קיניג געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון זיינע טאָג-טעגלעכע באַשעפֿטיקונגען אַלס בירגער און ערד-אַרבעטער און אָפּגעבן זיך אינגאַנצן דער פֿירונג פֿונם לאַנד. אין די אינטערעסן פֿון דער ניי-געגרינדעטער מלוכה האָבן זיך מיט אים צוזאַמען געמוזט אָפּרייסן פֿון דער אַרבעט אין פֿעלד און גאָרטן אויך איינצלנע פֿאָלקס-העלדן, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסגעצייכנט אין די פֿריערדיקע מלחמות און וואָס האָבן געבילדעט איצט דעם ערשטן שטענדיקן גאַרניזאָן (מצב), דעם קערן פֿון אַ שטענדיקער פֿאָלקס-אַרמיי. דורך דער הילף פֿון דעמדאָזיקן גאַרניזאָן האָט דער קיניג געדאַרפֿט דערפֿילן די התחייבות פֿון נאַציאָנאַלן שוץ, וואָס די פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט, מיט זיין אָנפֿירער דעם קיניג בראש האָט דער גאַרניזאָן געדאַרפֿט האַלטן וואַך אויף די גרענעצן פֿון לאַנד, צוקוקן זיך מיט אַ שאַרפֿן בליק צו די אַרומיקע פֿעלקער, וועלכע האָבן זיך ביז דאַן אָפֿט געהאַט באַנוצט מיט דער צעשפּליטערטקייט פֿון די שבֿטים און דאָרפֿס-געמיינדעס, כּדי אָפּצורייסן ביי די יונגע קאָלאָניסטן פֿרוכטבאַרע שטיקער ערד

פֿון מזרח־זײַט און פֿון מערבֿ־זײַט. אויך דער מדבר, די װיג פֿון שבֿטים און פֿעלקער, װאָס האָט מיט עטלעכע הונדערט יאָר פֿריער אַרױסגעשטױסן פֿון זיך די ישׂראלישע שבֿטים, האָט געדינט איצט פֿאַר אַ װאַנדער־פּלאַץ און פֿאַר אַ ליטער־קעסל פֿאַר אַנדערע ייִנגערע שבֿטים. די פֿון זײ, װעלכע זײַנען שױן מער צײַטיק געװען צו אַ קולטור־לעבן און פֿאַר װעלכע דער מדבר איז שױן ענג געװאָרן, האָבן זיך געשטױסן בײַ די גרענעצן, האָבן זיך װי װילדע כװאַליעס פֿון אַ ים אַרײַנגעריסן פֿאַראײנס אין די דאָרפֿישע־געמײנדעס, האָבן אַװעקגעפֿירט נאָך זיך דעם שאָף און דעם אָפּגעשניטענעם ברױט. די דאָזיקע װאַנדערער און האַלב־װאַנדערער, װי די מדינים און עמלקים, זײַנען דעריבער געװען פֿאַרן עקאָנאָמישן לעבן פֿונם פּױער נאָך געפֿערלעכער װי די קולטורעלע כּנענים און פּלשתּים. אין דער צײַט װען די כּנענים און פּלשתּים פֿלעגן אין די פֿאַרנומענע געגנטן אַװעקזעצן זײערע נציבֿים און בײַ דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג צונעמען אַלס צינז אַ באַשטימטן טײל פֿון אירע תּבֿואות און שאָף, פֿלעגן די װאַנדער־שבֿטים פּשוט צעראַבירן אַלץ, װאָס זײ פֿלעגן נאָר געפֿינען, און די דאָרפֿס־לײַט האָבן ניט געהאַט קײן מיטלען צו פֿאַרהיטן זיך פֿון זײ.

דער הױבֿ פֿונם קיניג און פֿון זײַן גאַרניזאָן איז איצט באַשטאַנען אין שיצן די דאָרפֿס־לײַט פֿון אַזעלכע אָנפֿאַלן. צוליב דעם אַלײן האָט ער שױן ניט געקאָנט בלײַבן זיצן אין זײַן הײמישן דאָרף. ער האָט געמוזט שטענדיק זײַן אין װעג, אין באַװעגונג. כּדי אָבער בײַצושטײן אַנטקעגן די מדבר־שבֿטים און צו זײַן אומשטאַנד פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנצוטרעטן אין קאַמף מיט די פּלשתּים און אָפּצוהאַלטן זײ פֿון דער װײַטערדיקער אָקופּאַציע פֿון דעם הױכלאַנד, האָט דער קיניג געמוזט זאָרגן װעגן בעסערע און זיכערערע כּלי־זײַן פֿאַר זיך און פֿאַר זײַנע העלדן.

אין דער שופֿטים־צײַט האָבן די ישׂראלישע שבֿטים, דערהױפּט

אין דרום, געלעבט נאָך אין דער אַזוי גערופֿענער שטיין־תּקופֿה. ווי די כּלים פֿון זייער ווירטשאַפֿט, אַזוי זיינען אויך זייערע כּלי־זיין באַשטאַנען דערהויפּט פֿון שטיינער. וואַרף־שטיינער, שטיינערנע פֿיילן און מעסערס זיינען געווען זייערע געברויך־כּלי־זיין; אַחוץ דעם פֿלעגן זיי זיך אין דער צייט פֿון סכּנה באַנוצן זיך מיט אַלע מכשירים פֿון דער ערד־אַרבעט (דעם יאָך, וואָס אויף די אָקסן, דעם שטיינערנעם האַק, גראָב־אייזן און דאָס גלייכן) אויף צו פֿאַרטרייבן דעם שונא.

דער נאַציאָנאַלער שוך, וועלכן דאָס קיניגטום האָט אויף זיך גענומען, האָט געמוזט ברענגען צו דעם איבערגאַנג פֿון דער שטיין־תּקופֿה צו דער תּקופֿה פֿון אייזן, קופּער און אַנדערע מעטאַלן, פֿריער בנוגע צו כּלי־זיין און מיט אַ דור שפּעטער אויך בנוגע צו אַלע מכשירים פֿון הויז און ווירטשאַפֿט. עס איז נאָך אין יענער צייט ניט געווען אין ישׂראל קיין אייזן־שמיד און קיין גאָלד־שמיד און אויך די פֿאָלקס־אמונה, וועלכע האָט שפּעטער אַרויסגערופֿן אַ באַדערפֿעניש אין געגאָסענע געטער־בילדער פֿון מעטאַל, האָט זיך נאָך געפֿונען אין דער שטיין־תּקופֿה, האָט זיך געהאַט באַנוצט דאָס רובֿ מיט שטיינערנע מצבֿות און אשרות. די מעטאַל־כּלים פֿלעגן קומען פֿון אויסלאַנד, דערהויפּט פֿון די כּנענים, וועלכע פֿלעגן באַאַרבעטן די רויע מעטאַלן, וועלכע זיי פֿלעגן געפֿינען אויף די אינזלען פֿון מיטללענדישן און עגעאישן ים. אויך די נייע אָקופּאַנטן פֿון מערבֿ־לאַנד, די פּלשתּים, וועלכע זיינען געווען נאָך זייער גאַנצער נאַטור און זייער קולטור־געשיכטע אַ ים־פֿאָלק, האָבן פֿון די כּנענים אָדער פֿון די מצרים איבערגענומען די אויסאַרבעטונג פֿון מעטאַלן. פֿון זיי האָט ישׂראל געהאַט איבערצונעמען איצט די קונסט פֿון צוגרייטן די נייטיקע כּלים און הפֿצים, וועלכע ער האָט געדאַרפֿט, כּדי צו דערהייבן זיך צו אַ העכערער מדרגה פֿון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד.

שוין בשעת די מלחמות האָט אַ טייל פֿון דעם שונאס כּלי־זיין געהאַט אַריינגעפֿאַלן, ווי דער שטייגער איז, אין די הענט פֿון ישׂראל, וועלכע פֿלעגן פֿון די הויכֿענישן און באַרג־טאָלן שטורמיש און אומגעריכֿט באַפֿאַלן דעם לאַגער. אַזוי זעען מיר דאָך מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, ווי דער שווערד און דער פּאַנצער פֿון דעם פּלשתּישן העלד גלית זיינען אַריבער צו דודן, וועלכער האָט ביז דאַן געקעמפֿט נאָר מיט זיינע וואַרף־שטיינער און פֿיילן. כּדי צו פֿאַרשאַפֿן זיך, ווי געהעריק, די נייטיקע געווער, האָט מען געמוזט אויף אַ פֿרידלעכֿן אופֿן זיך צונויפֿריידן מיט די שכֿנישע פֿעלקער, מיט די קאַנאַאַנער־הענדלער און אַפֿילו אונטערבייגן זיך אויף אַ צייט אונטערן יאָך פֿון די פּלשתּים, כּדי צו באַקומען די מעגלעכֿקייט אויסצובייטן ביי זיי די פּראָדוקטן פֿון דער ערד־אַרבעט אויף כּלי־זיין, אָדער אויסצולערנען זיך ביי זיי דיזאָיקע כּלי־זיין אַליין צוצוגרייטן.

דיזאָיקע דערנענטערונג צו די אַרומיקע פֿעלקער און דאָס איבערנעמען פֿון זיי די נייטיקע קולטור־מכשירים האָט ווידער אַמאָל געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פֿון דער ווייטערדיקער קולטור־אַנטוויקלונג פֿון ישׂראל. קודם־כּל האָט מען פֿאַר די כּלי־זיין געדאַרפֿט באַצאָלן, און גיכער פֿון אַלץ מיט תּבֿואה און פּרות, וועלכע זיינען געווען נייטיק דער כּנענישער און פּלשתּישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אויף די שמאָלע ערד־פּאַסן צווישן ים און צווישן די בערג און וואָס איז דאָס רובֿ באַשטאַנען פֿון מענטשן מיט אַ שטאָטישער קולטור.

אויסצוהאַלטן דעם קיניג מיט זיין חיל און געבן זיי די מיטלען אויף צו פֿאַרשאַפֿן די נייטיקע כּלי־זיין איז איצט געווען דער חובֿ פֿונם פֿאָלק, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט די אַרמיי געקאָנט שיצן די פּויערים־באַפֿעלקערונג פֿון אַן איבערפֿאַל און געבן איר די מעגלעכֿקייט רואיק צו פֿאַרנעמען זיך מיטן באַאַרבעטן איר ערד.

די הוצאות פֿון דער מלוכה און דער אַרמיי זײַנען נאָך צום אָנהייב ניט געווען איבעריק גרויס, אויפֿן אַלט־כּנענישן אופֿן פֿלעגט דער פּויער אָפּגעבן דעם פֿאָלקס־קיניג העכסטנס אַ צענטל פֿון זײַן תּבֿואה. בײַ זײַנע אייגענע קליינע באַדערפֿענישן אין דאָרף און בײַ דער גרעסערער זיכערקייט פֿון לעבן, וועלכע ער האָט דערגרייכט בײַ דער נײַער לאַגע, האָבן בײַם פּויער נאָך געדאַרפֿט בלײַבן אַפֿילו מותרות פֿון תּבֿואה און פֿון פּרות, בפֿרט אין די פֿרוכטבאַרע טאָלן, ווי אויך אין די באַרג־דערפֿער, וואָס זײַנען דורך דער נאַטור גופֿא געווען באַשיצט פֿון אָפֿטע פֿײַנטלעכע אָנפֿאַלן.

דער פּויער האָט זיך אָנגעהויבן נויטיקן צו ביסלעכווײַז אין אַ מאַרק פֿאַר זײַנע תּבֿואות. ער האָט געזען בײַ זײַנע שכנים די כּנענים פֿיל הויז־כּלים, געצײַג און געווער, וועלכע האָבן אויך אים געקאָנט צונוץ קומען, ער האָט געזען אויך אַ ריי שפּײַז־פּראָדוקטן, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט אויסאַרבעטן אין זײַן אייגענער ווירטשאַפֿט. אויף די אַלע נייטיקע חפֿצים האָט ער געקאָנט אויסבײַטן זײַנע תּבֿואה און פּרות. און די אַלטע הייליקע שטעט, וועלכע זײַנען אין דער כּנענישער תּקופֿה געווען ווירטשאַפֿטלעכע צענטרן, הייבן לאַנגזאַם ווידער אָן אויפֿצולעבן. די ישׂראלישע פּויערים פֿון דער סבֿיבֿה הייבן אָן צונויפֿצופֿירן אַהין זייערע מותרות און פֿירן אַ בײַט־האַנדל מיט זייערע ברידער און לאַנדס־לײַט. אַזוי ווי פּאַלעסטינע האָט די נאַטור־אייגנשאַפֿט, אַז אויף אַ קליינעם געאָגראַפֿישן שטח אַנטוויקלען זיך אין איר פֿאַרשיידנאַרטיקע תּבֿואות און נטיעות און אַז דער קלימאַט און די פֿלאַנצונגען אויף די באַרג־שטחים זײַנען לגמרי אַנדערע ווי אין די טאָלן, וואָס בײַם ים אָדער בײַם ירדן, האָט געקאָנט געמאָלט זײַן, אַז פּויערים פֿון ניט ווײַטע דערפֿער זאָלן גראָד האָבן פֿאַר־

שיידענע מותרות און זאָלן קאָנען פֿירן אַ בית־האַנדל איינע מיט די אַנדערע.

אַחוץ דעם זיינען די אַלטע היילקע שטעט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, געלעגן דאָס רובֿ אויף די גרויסע קאַראַוואַנען־וועגן, און אין זיי פֿלעגן זיך אָפּשטעלן די בבֿלישע, מצרישע און כנענישע סוחרים. דאָ האָבן זיך אויך פֿרי געבילדעט לאַגערס פֿון אויסלענדישע סחורות. דאָ האָט געקאָנט אויסגעביטן ווערן די היימישע תּבֿואה אויף כנענישע קליידער און כּלים, דער היימישער לײַן, בוימאייל און בשׂמים אויף אויסלענדישע מעטאַלן און פֿערד און אַזוי כּסדר. די אויסלענדישע סחורות וואָלטן אָבער ניט געפֿונען קיין פֿאַרשפּרייטונג אין לאַנד, ווען עס וואָלט ניט פֿאָרגעקומען פֿאַראיינס אויך אַ קולטורעלע השפּעה אויף דער ישׂראלשער באַפֿעלקערונג מצד די שכנים און אויסלענדישע קאַראַוואַנען־סוחרים[1]. איבערנעמענדיק די קולטור און לעבנס־געוויינהייטן פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, האָבן זיי לאַנגזאַם אַנטוויקלט בײַ זיך די באַדערפֿענישן אין פֿאַרשיידענע כּלים און חפֿצים, וועלכע יענע האָבן באַנוצט אין טאָג־טעגלעכן לעבן און האָבן שוין במילא געשאַפֿן פֿאַר זיי אַ באַדאַרף בײַ זיך אין לאַנד.

עס איז וויכטיק אָבער אויך צו געדענקען, אַז די היילקע שטעט זיינען געווען אויך באַפֿעסטיקטע שטעט. ווייל נאָך פֿאַרצייטיקן מנהג פֿלעגט דער שונא, וועלכער האָט געשטרעבט מנצח צו זיין דאָס פֿאָלק, ניט נאָר זוכן צו צעשטערן זיינע ווירטשאַפֿטלעכע, נאָר דערהויפּט אויך זיינע רעליגיעזע צענטערס. מנצח זיין דאָס פֿאָלק, הייסט קודם־כּל מנצח־זיין פֿאָלקס־גאָט, אַראָפּזעצן

---

1) בשעת די אויסגראָבונגען אין תּענך, מגדו און גזר זיינען געפֿונען געוואָרן פֿיין אויסגעאַרבעטע געפֿעס פֿון דער כנענישער (פֿאַר ישׂראלשער) תּקופֿה.

אים פֿון זיין טראָן, פֿאַרנעמען זיינע טעמפּלען און מזבחות און איבערגעבן זיי אין רשות פֿון אייגענעם גאָט. דאָס פֿאָלק, וואָס זיין גאָט האָט געליטן אַ מפּלה, קאָן שוין מער ניט געהאָלפֿן ווערן דורך כּלי-זיין. דער נאַציאָנאַלער אומגליק, וועלכער איז, אַ שטייגער, געשען ישׂראלן ביי אבן-העזר, איז ניט באַשטאַנען דערהויפּט אין דעם, וואָס עס זיינען אומגעקומען פֿיל מענטשן און פֿאַרכאַפּט געוואָרן שטעט און דערפֿער, נאָר וואָס דער הייליקער אָרון איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן, און ישׂראלס גאָט איז גענומען געוואָרן געפֿאַנגען. עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז ווי פֿאַר זיינעווירטשאַפֿטלעכע אַזוי אויך פֿאַר זיינע רעליגיעזע צענטערס, האָט דאָס פֿאָלק געזען אָדער אויסצוקלייבן ערטער, וועלכע זיינען שוין לכתּחילה געווען באַפֿעסטיקט דורך דער נאַטור אַליין אָדער אַרומרינגלען זיי ספּעציעל מיט פֿעסטע הויכע מויערן, מיט אייזערנע טויערן און ריגלען.

אויך דאָס פֿאָלקס-קיניגטום האָט געמוזט אויפֿבויען זיין צענטער אין שטאָט. דער דאָרף, אַפֿילו דאָרטן, וואו די ערד געהערט שוין ניט די מיטגלידער פֿון איין משפּחה, איז אַ פֿאַרשלאָסענע געמיינדע. ווער עס האָט נאָך ניט אין דאָרף קיין ערד, האָט דאָרטן ניט וואָס צו טאָן. אַ וואַנדערער, וואָס גייט פֿאַרביי, קאָן העכסטנס אויפֿגענומען ווערן אויף אַ באַשטימטער צייט פֿאַר אַן אורח, לענגער האָט ער ניט וואָס צו טאָן אין דאָרף, אויב ער באַקומט ניט פֿאַר זיך קיין נחלה אָדער ער שטייט ניט צו אויף אַ וועלכן ניט איז אופֿן צו אַן עקסיסטירנדיקער פּויערים-פֿאַמיליע. אַחוץ דעם האָט דער פֿאַרצייטיקער דאָרף ניט געדאַט דאָס רוב קיין באַקוועמע וועגן, וואָס זאָלן אים פֿאַראייניקן מיט די איבעריקע טיילן פֿון לאַנד. ווען דאָס פֿאָלקס-קיניגטום וואָלט בלייבן צוגעבונדן צום דאָרף אַפֿילו נאָר אין געאָגראַפֿישן זין, וואָלט פֿאַר אים זיין אוממעגלעך צו פֿאַראייניקן אַרום זיך דאָס גאַנצע

לאַנד און צו שטיין אויף דער וואַך פון די פאָלקס-אינטערעסן. די לעבנסנויטן האָבן אַזוי אַרום געשטויסן דאָס קיניגטום אין שטאָט אַריין, האָבן צוגעגעבן דעם שטאָטישן לעבן אַ פּאָליטישן פּרצוף און אינהאַלט.

די כהנים און די דינער פון די טעמפּלען, און דער קיניג מיט זיין אַרמיי און זיינע באַאַמטע — דאָס זיינען געווען די ערשטע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם אָרגאַנישן צובונה מיט דער ערד. פון איצט אָן איז די שטאָט געוואָרן אַ צענטער פאַר אַלע די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין ערד אָדער וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פון איר מיטן אייגענעם אָדער פרעמדן ווילן.

עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן נאָך עפּעס לענגער אויף דעם פּראָצעס פון איבערגאַנג פון דאָרף אין שטאָט, ווייל דאָ וועלן מיר זיך אָנשטויסן אויף די ערשטע סיבות פון דער סאָציאַלער אומגלייכקייט און פון דער דיפערענצירונג פון די קלאַסן אין ישראל, וועלכע האָבן געשאַפן דעם באָדן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרויסטרעטונג פון די נביאים.

נאָכן אַלטן ישראלישן מנהג פלעגט דאָס פעלד אָדער דער וויין-גאָרטן אַריבערגיין נאָכן טויט פונם פאָטער צו די זין, וועלכע פלעגן אָדער בשותפות באַאַרבעטן די ערד, אָדער צעטיילן זי אויף גלייכע חלקים, לויט דעם באַשטימען פון די דאָרפס-זקנים. ווען עס פלעגן אָבער ניט בלייבן קיין קינדער נאָכן טויט פון דעם ערד-אַרבעטער, פלעגן אַרויסטרעטן אַלס קאָנקורענטן די אלמנה פון דעם פאַרשטאָרבענעם און זיינע ברידער. כדי ניט צו דערלאָזן צו אַ פאַמיליען-קאָנפליקט און כדי צו באַוואָרנען, אַז דאָס פעלד פון דעם פאַרשטאָרבענעם זאָל ניט אַריבערגיין צו אַ פרעמדן, צו אַן אַנדער משפחה, האָט דער מנהג פעסטגעשטעלט, אַז דעם מאַנס ברודער, וועלכער נעמט די אלמנה פאַר אַ ווייב, באַקומט

מיט דעם צוזאַמען אויך די נחלה פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן. ביזװאַנען אָבער די ברידער ספֿקן זיך און באַשליסן ניט דעם גורל פֿון דער אלמנה, האָט זי קיין רעכט ניט איינצואָרדענען איר לעבן לויטן אייגענעם װילן. אָפֿט פֿלעגט דער פֿאַמיליען־מצבֿ פֿון דעם מאַנס ברידער זיין אַזאַ, אַז זיי פֿלעגן ניט קאָנען נעמען זיך נאָך אַ פּרוי אין שטוב אַריין און זיי פֿלעגן דערבער זען צו באַפֿרייען זיך פֿון דערדאָזיקער התחייבות, צו אונטערדריקן די רעכט פֿון דער אלמנה און אַרויסצושטויסן זי מיט געװאַלד פֿון דער נחלה פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן. צייטנװייז פֿלעגן דעם פֿאַרשטאָרבענעמס ברידער דערװייטערן פֿון דער נחלה די אלמנה צוזאַמען מיט אירע קליינע יתומים, װעלכע האָבן ניט געהאַט געװוינהייטס־רעכט צו פֿאַרטיידיקן זייער רעכט פֿאַרן משפּט פֿון די דאָרפֿס־עלטסטע, װעלכע פֿלעגן זיך לאָזן אונטערקויפֿן דורך די ברידער.

נאָך שאַרפֿער פֿלעגט זיך אָבער פֿונאַנדערפֿלאַקערן דער קאָנפֿליקט צװישן די יורשים, װען עס פֿלעגן נאָכן פֿאַרשטאָרבענעם בלייבן קינדער פֿון פֿאַרשײדענע װייבער, װעלכע האָבן ביי זיין לעבן פֿאַרנומען אַ פֿאַרשײדענע געזעלשאַפֿטלעכע לאַגע. אויב איינע פֿון די פֿרויען איז געװען אַ געװעזענע דינסט, אָדער אַ קריגס־געפֿאַנגענע, אָדער װען זי איז געװען אַ זונה, װאָס פֿלעגט זיך פֿריער פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט, — פֿלעגט אָפֿט פֿאָרקומען אַ מחלוקת צװישן די יורשים, און די װייניקער יחסנדיקע זין, הגם זיי האָבן ביים פֿאָטערס לעבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע אין פֿעלד, פֿלעגן אָפֿט אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן װערן פֿון זייער נחלה. — און װאָס װייטער עס זיינען געװאָקסן די דאָרפֿישע מאַסן, װאָס געדיכטער עס איז געװאָרן די באַפֿעלקערונג אין קלענער דער שטח פֿון פֿעלד ביי יעדן פּויער, אַלץ אָפֿטער און ליידנשאַפֿטלעכער האָבן געמוזט פֿאָרקומען דידאָזיקע קאָנפֿליקטן, און די קרבנות

זייערע פּלעגן אַרויסגעשטויסן ווערן פון דאָרף אין שטאָט, ווייל ווער עס האָט פאַרלאָרן זיין ערד, אַלס דעם עקאָנאָמישן יסוד פון זיין קיום, האָט מער ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין דאָרף.

אָבער אויך אַחוץ דער אינעווייניקסטער לאַגע פון די פּויערים-פאַמיליען זיינען געווען נאָך סיבות, וועלכע האָבן זינט דעם אָנהייב פון דער מלכים-צייט צעשטערט די פריערדיקע פּשוטע באַציאונגען און די פּרימיטיווע סאָציאַלע גלייכקייט אין דאָרף. די ווייכטיקסטע פון דידאָזיקע סיבות זיינען געווען די מלחמות. אין אַלטע צייטן, ווען די ישראלשע שבטים זיינען נאָר-וואָס אָנגעקומען קיין לאַנד, האָבן זיי אומעטום פאַרוויסט שטעט און דערפער און דורכאויס אומגעבראַכט די כנענישע באַפעלקערונג, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. אַלס מדבר-וואַנדערער, וואָס זיינען ניט געוואוינט געווען צו שעצן דעם ווערט פון דער מענטשלעכער אַרבעטס-קראַפט, האָבן זיי זיך ניט אָפּגעגעבן קיין דין-וחשבון אין די מענטשלעכע לעבנס, וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט. ערשט די ערד-אַרבעט האָט זיי אויסגעלערנט צו שעצן דעם ווערט פון דער מענטשלעכער אַרבעט, ווייל יעדער האָט זיך געקאָנט צוקוקן אין זיין היימישן האָרף, ווי יענע משפחה, וואָס האָט מער אַרבעטנדיקע נפשות, לעבט בעסער און זאַטער און האָט אַ בעסער איינגעאָרדנטע ווירטשאַפט, דעריבער האָבן די ישראלשע קריגס-לייט אָנגעהויבן שוין אין דער פריער מלכים-צייט צו נעמען זייערע שונאים געפאַנגען און צו באַנוצן זיך מיט זיי צו פאַרשיידענע אַרבעטן, מאַכן זיי פאַר זייערע קנעכט.

מיר ווייסן אויך, אַז נאָך דעם אַלטן מנהג פון יענער צייט פלעגן די קריגס-לייט טיילן צווישן זיך די מלחמה-רויב אין גלייכע חלקים. בשעת די אומאויפהערלעכע מלחמות פון דער פריער מלכים-צייט האָבן זיך די מיליטעריש-אַקטיווע פאָלקס-טיילן, דערהויפּט אָבער די דאָרפס-עלטסטע און קריג-פירער, וועלכע פלעגן גיין

בּראש, זיך באַרייכערט מיט האָב און גוטס, אַזוי אַז זיי האָבן געקאָנט אויפקויפן זיך נחלאות און לאָזן זיי באַאַרבעטן דורך זייערע קנעכט און קריגס־געפאַנגענע. באַאַרבעטנדיק די ערד דורך אַנדערע, האָבן זיי זיך געקאָנט לאַנגזאַם באַפרייען אינגאַנצן פון דעם אויפבונד מיטן דאָרף, האָבן איבערגעלאָזט דאָרטן זייערע משגיחים און די עצם־אַרבעט האָט זיך בּיי זיי פאַרוואַנדלט אין אַ באַשעפטיקונג, וועלכע פּאַסט נאָר פאַר קנעכט און אָרעמע פּויערים. אַליין האָבן זיי זיך איצט גרופּירט אַרום דעם קיניג, האָבן זיך באַוואָופנט אויפן אייגענעם חשבון נאָכן מוסטער פון די העכערע באַאַמטע, האָבן זיך געבויט הייזער און פּאַלאַצן אין דער הויפּט־שטאָט און פון זיי האָט זיך, זינט דודס מלוכה־צייט, אָנגעהויבן אויסצובילדן די שטאָטישע אַריסטאָקראַטיע.

אַזוי ווי בּיי די אָפטע און גרויסע מלחמות פון דער ערשטער מלכים־צייט איז שטענדיק אויסגעקומען צוצוציען רעזערוון פון דאָרף אויף צו פאַרשטאַרקן די שטענדיקע אַרמיי, זיינען פיל פּויערים אומגעקומען אין די מלחמות פון יענע יאָרן, זייערע פעלדער און גערטנער זיינען פאַרוויסט געוואָרן, זייערע משפּחות זיינען פאַראָרעמט געוואָרן און געצוואונגען געווען אַריינצופאַלן אין חובות, פאַרמשכּנען זייער ערד און די דערנאָך איבערלאָזן דעם בעל־חוב פאַר זיין חוב, וועלכן זיי זיינען ניט אימשטאַנד געווען צו באַצאָלן.

אַזוי האָבן די מלחמות פון איין זייט געבראַכט דערצו, עס זאָל אין דאָרף אויפקומען אַ בּאַזיצלאָזע, עלנטע מאַסע, און פון צווייטן זייט, — זאָל געשאַפן ווערן אַ גינסטיקער באָדן פאַר די, וואָס זיינען רייך געוואָרן פון דעם מלחמה־רויב, צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט גרויסע ערד־שטחים און באַאַרבעטן זיי דורך די קנעכט און קריגס־געפאַנגענע. — די עצם עבודה אָבער, אַז די ערד קאָן באַאַרבעט ווערן דורך אַ קנעכט, וואָס באַקומט ניט דעם פולן

פּראָדוקט פֿון זיין אַרבעט, ווי עס האָבן אים, אַ שטייגער, די זין וואָס אַרבעטן אין דער נחלה פֿון זייער פֿאָטער, — די דאָזיקע עבֿודה האָט געמוזט בכלל פֿאַרקלענערן דעם ווערט פֿון פֿרייער מענטשלעכער אַרבעט, אָפּרייסן דעם פֿרייען מענטשן פֿון דער ערד און געוויינען אים קוקן אויף דער אַרבעט ווי אויף אַ יאָך, אויף אַ קללה. פֿון דעם שווייס און פּראַצע פֿון קנעכט און אָרעמע פּויערים אין דאָרף איז געוואַקסן דער לוקסוס און פּיץ אין שטאָט. פֿון עלפֿאַנט-ביין און צעדער-האָלץ האָבן זיך געבויט לוסטיקע הייזער, מיט די טייערסטע בוימלען האָבן זיך געלאָזט שמירן זייער לייב די פֿאַ־אידלטע שטאָטישע אַריסטאָקראַטן, וויין און געזאַנג און מאָלצייטן האָבן ניט אויפֿגעהערט ביי זיי, און אַ גרויסע מאַסע עלנטע קנעכט האָט אַרום זיי עקסיסטירט, נאָר כּדי צו דערפֿילן זייערע תּאוות און מאַכן זייער לעבן באַקוועמער און לייכטער און פֿאַרוואַנדלען זיי אין פֿולשטענדיקע פּאַראַזיטן.

די דאָזיקע סאָציאַלע אומגלייכקייט, דער קאָנטראַסט פֿון קלאַסן, וואָס האָט זיך אָנגעצייכנט אין פֿאָלק אין אַזעלכע העסלעכע און טונקעלע פֿאַרבן, איז אָבער פֿון דער אַנדערער זייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויף אַ צייט דורך דער ווירקונג פֿון אַ צווייטן עקאָנאָמישן פֿאַקטאָר.

מיר האָבן שוין געזען, אַז די היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿון פֿאָלקס-קיניגטום האָט געקאָנט דערגרייכט ווערן נאָר דאַן, ווען די שטעט זאָלן זיך אויסבילדן אין באַפֿעסטיקטע מיליטערישע צענטרען, ווען עס זאָלן איבערן לאַנד דורכגעלייגט ווערן וועגן פֿאַרן היל, ווען עס זאָלן פֿאַרשאַפֿן ווערן די נייטיקע מלחמה-מכשירים. דאָס אַלץ האָט אָבער געפֿאָדערט פֿיל טאַלאַנט און ענערגיע און ניט ווייניקער פּראָפֿעסיאָנעלע צוגרייטונג. די דאָזיקע מלוכה-אויפֿגאַבע, וועלכע איז געשטאַנען אויפֿן טאָג-סדר, האָט געמוזט אַרויסרופֿן אין לאַנד אַ באַדייטנדיקע ווירטשאַפֿטלעכע אויפֿלעבונג. מיט

גרויס התמדה איז דאָס פֿאָלקס־קיניגטום צוגעטראָטן אויסצופֿירן זײַן גרויסע בוי־אַרבעט: בויען נײַע שטעט, קאָלאָניזירן גאַנצע געגנטן, דורכהאַקן טונעלן אין די בערג, אַרײַנפֿירן וואַסער אין שטאָט פֿון די אַרומיקע באַרג־קוואַלן פֿאַר די באַדערפֿעניש פֿון פֿאָלק און חיל, באַפֿעסטיקן די שטעט מיט הויכע מויערן, באַזאָרגן זיי מיט אײַזערנע טויערן און ריגלען, בויען אַרסענאַלן און האַפֿנס, טעמפּלען און פּאַלאַצן.

כּדי צו פֿאַרשאַפֿן און צו באַאַרבעטן די רוי־שטאָפֿן, וואָס זײַנען געווען נייטיק צו די אַלע מלוכה־אונטערנעמונגען, האָט מען געמוזט שיקן טויזנטער מענטשן אין די בערג, אויסצוהאַקן די גראַניט־שטיינער און די מעכטיקע צעדער־ביימער פֿון לבֿנון און דערנאָך עפֿענען פֿאַרשיידענע וואַרשטאַטן, כּדי צו באַאַרבעטן דידאָזיקע רוי־שטאָפֿן. די מלוכה האָט ניט געהאַט אָבער קיין פּראָפֿעסיאָנעל־אויסגעבילדעטע האַנטווערקער, אין וועלכע זי האָט זיך איצט אַזוי שטאַרק גענייטיקט. זי איז דעריבער געווען פֿאַראינטערעסירט צו געבן פֿאַרשיידענע פּריווילעגיעס די אויסלענדישע, דערהויפּט די צורישע און צידונישע מײַסטערס, באַזעצן אין די שטעט, דערהויפּט אין דער הויפּט־שטאָט גאַנצע צעכן פֿון האַנטווערקער, און פֿון דער צווייטער זײַט, מאָביליזירן פֿון פֿאָלק (דערהויפּט, מן־הסתּם, פֿון די אָרעמע און באָדנלאָזע פּויערים) גרויסע אַרבעטס־אַרמייען, וואָס זאָלן אויספֿירן די שווערע פֿיזישע אַרבעטן אין די בערג און וועלדער, און וואָס זאָלן דערפֿאַר ווידער באַקומען געוויסע הנחות מצד דער מלוכה.

ניט אַלע מאַטעריאַלן און רוי־שטאָפֿן האָט מען אָבער פֿאַרמאָגט צו באַקומען אין לאַנד גופֿא אָדער אין די שכנישע לענדער. איידעלע מעטאַלן, העלפֿאַנט־ביין איז אויסגעקומען צו ברענגען פֿון ווײַטע לענדער און עס איז אויסגעקומען צו שליסן צו דעם צוועק אַ בונד מיט די צורים און צידונים, וואָס זײַנען געווען באַרימט

ווי אַ האַנדלס־פֿאָלק און אַ ים־פֿאָלק, און פֿאַרצוונעמען מיט זיי צוזאַמען פֿאַרשיידענע מסחר־נסיעות אין די ווייטע לענדער און בויען פֿאַר די דאָזיקע נסיעות ספּעציעלע שיפֿן. דער דאָזיקער בונה און די דאָזיקע נסיעות האָבן געבראַכט ישראל צום ערשטן מאָל אין אַן ענגער עקאָנאָמישער באַרירונג מיטן וועלט־האַנדל און דער וועלט־קולטור, האָבן פֿאַרברייטערט די פּאָליטישע האָריזאָנטן פֿון זיין לעבן, פֿאַרגרעסערט די קולטור־באַדערפֿענישן פֿון דער באַפֿעלקערונג און צעשטערט די תמימותדיקע צופֿרידנקייט, וואָס האָט נאָך געהערשט אין דער פּראָווינץ. ווער עס איז נאָר איינמאָל אַרויס פֿון זיין אָרעמען דאָרפֿישן קרייז און געזען די פּראַכט פֿון די שטעט און בפֿרט פֿון די עקזאָטישע לענדער אויפֿן ברעג פֿון אינדישן ים און די קולטור־צענטרען פֿון דער מצרישער און אשורישער וועלט, האָט איצט באַקומען פֿאַר זיך נייע צילן און שטרעבונגען. די שטעט מיט זייער שנעל־וואַקסנדיקער קולטור, מיט זייער אויפֿבליענדיקן האַנטווערק און מלאכות האָבן איצט צו זיך צוגעצויגן אַלע עלנטע און באַרנלאָזע עלעמענטן פֿון דאָרף, אַהין פֿלעגן אויך לויפֿן די קנעכט, וואָס האָבן געשטרעבט אויסצובייטן זייער שקלאַפֿן־לעבן אין דאָרף אויף אַ פֿרייער שטאָטישער באַשעפֿטיקונג. די פֿאַרביטערטקייט, וועלכע האָט זיך געהאַט אויפֿגעקליבן ביי די רואינירטע פֿאָלקס־עלעמענטן אין דאָרף איז אויף אַזאַ אופֿן אויך אַ צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד פֿון שטאָט האָט געהיילט זייערע וואונדן.

וואָס גרעסער עס איז געוואָרן די באַפֿעלקערונג אין די שטעט, אַלץ גרעסער איז אין זיי געוואָרן אויך דער אינעווייניקסטער האַנדל. אָנשטאָט די וואַנדער־סוחרים, וואָס פֿאָרן אַריין אין אַ מאַרק־טאָג אין די טויערן פֿון שטאָט מיט זייער סחורה, האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובילדן אַ שטענדיקער האַנדלס־קלאַס. די מערקדיינען געוואָרן שטענדיקע, עס האָבן זיך געעפֿנט געוועלבן, און הערדויפֿט אין ירושלים

האָט זיך געמוזט וואַקסן דער וואוילשטאַנד פֿון האַנדלס־קלאַס. האַנט בײַ האַנט מיט דער מיליטערישער אַריסטאָקראַטיע האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם אויסוואַקסן אויך אַ האַנדלס־אַריסטאָקראַטיע.

בשעת אָבער אין אָנהייב פֿון דער מלכים־צײַט זײַנען די סחורות באַשטאַנען אָדער פֿון נאַטור־פּראָדוקטן אָדער פֿון אויסלענדישע אויסאַרבעטונגען, האָט די אויפֿבליאונג פֿון אינעווייניקסטן מאַרק געמוזט אַרויסרופֿן די באַדערפֿענישן אין אַן אייגענעם האַנטווערקער־קלאַס, וועלכער זאָל קאָנען קאָנקורירן מיט די אויסלענדישע האַנט־ווערקער. און ווען מיט דער אַרט פֿון אויסאַרבעטונג האָבן די ירושלימער האַנטווערקער פֿון יענער צײַט געמוזט נאָך בלײַבן שטיין אַ לאַנגע צײַט הינטער זייערע צורישע חברים, האָבן זיי דערפֿאַר אָבער געקאָנט ניט אין ערגן ביליקער פֿאַרקויפֿן זייערע סחורות, ווײַל זייערע הוצאות און באַדערפֿענישן זײַנען נאָך געווען פֿיל קלענערע און ווײַל צווישן זיי און צווישן דעם קונה איז נאָך קיינער ניט געשטאַנען. זיי פֿלעגן אין זייערע אָפֿענע קליינע ווערק־שטאַטן אויפֿן מאַרק־פּלאַץ אויסאַרבעטן די פֿאַרשיידענע קליידער און כלים און דאָ אויפֿן אָרט זיי פֿאַרקויפֿן, אָדער לכתחילה אַרבעטן פֿון די רוי־שטאָפֿן, וועלכע עס פֿלעגן זיי ברענגען די דאָרפֿס־לײַט.

די ערשטע האַנטווערקער פֿון ירושלים זײַנען, קאָנטיק, אויך געווען אויסלענדער און אין יענער תקופֿה, ווען דאָס האַנטווערקערײַ האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, זײַנען, ווי עס זעט אויס, אָנגעקומען קיין ירושלים פֿיל געניטע האַנטווערקער פֿון גליל, דער־הויפּט פֿון דן, נפֿתלי און זבולון, — די שבֿטים, וואָס האָבן גע־לעבט אין שכנות מיט די צורים און צידונים און וועלכע האָבן פֿריער פֿון אַנדערע איבערגענומען בײַ זיי פֿאַרשיידענע מלאָכות אין האַנטווערקן. (טעפּערײַ, וועבערײַ, שמידערײַ, שלײַפֿערײַ, בוי־קונסט). אָבער אויך די טויזנטער שטיינהאַקער, וועלכע שלמה האָט

מאָביליזירט פֿון דער פּויערים-מאַסע און געשיקט אין די לבנון-בערג, האָבן זיך אויסגעלערנט דאָרטן ביי די צורים און צידונים די קונסט פֿון שטיינהאַקן און שטיין-שלייפֿן, דאָרטן האָבן זיך די מאַכן-אַרבעטער אויסגעלערנט צו באַאַרבעטן די צעדער-װעלדער, װעלכע פֿלעגן געהאַקט װערן אין לבנון, צוגרייטן געװער פֿון מעטאַל אין די ספּעציעלע װערקשטאַטן, װאָס שלמה האָט דאָרטן געעפֿנט; אין אילת און עציון-גבר, װאָס ביים ברעג פֿון רויטן-ים, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט די קונסט צו בויען שיפֿן און אין משך פֿון די זעקס-חדשים, אויף װעלכע מען פֿלעגט זיי פֿונאַנדערלאָזן יעדער יאָר פֿון די מלוכה-אַרבעטן אַהיים, פֿלעגן זיי געװיס מיטװירקן, אַז דידאָזיקע קונסט-אַרבעטן זאָלן אַריבער-געטראָגן װערן אויפֿן היימישן באָדן.

אין סוף פֿון שלמהס מלוכה האָט זיך אָבער פֿאַרענדיקט די תקופה פֿון אינטענסיװן מלוכה-בנין, װעלכער האָט דערגרייכט די העכסטע עקאָנאָמישע מדרגה. עס איז פֿריי געװאָרן פֿון איר מלוכה-אַרבעט אַ גרויסע מאַסע קינסטלער, האַנטװערקער און אַרבעטער, װעלכע האָבן ניט אַלע געקאָנט שוין מער, ביי זייער פּראָפֿעסיאָנעלער אויסבילדונג, אומקערן זיך צוריק צום פּרימיטיװן דאָרפֿישן לעבן. זיי האָבן זיך נאַטירלעך געמוזט לאָזן אין שטאָט אַריין, אין די מלוכה-צענטרען, װעלכע האָבן בכלל, נאָך דער קורצער תקופה פֿון עקאָנאָמישן אויפֿבליען, געמוזט איבערלעבן אַ װירטשאַפֿטלעכן קריזיס. עס האָט זיך געמוזט אין שטאָט פֿאַרשפּרייטן אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. מענטשן, װאָס זיינען געװיינט געװאָרן פֿריער צו לעבן פֿון דער ערד און געהאַט אַריינגעצויגן געװאָרן אין דער קינסטלעך-אַנטװיקלטער האַנטװערקעריי, האָבן איצט געמוזט פֿאַרלירן דעם מאַרק פֿון ירושלים און פֿון אַנדערע שטעט מיט זייער ביליקער אַרבעטס-קראַפֿט און ניט געפֿינען פֿאַר איר די פּאַסיקע אָנװענדונג. די הוצאות פֿון דער מלוכה זיינען אָבער

אין משך פֿון דער גלאַנץ-תּקופֿה דערגאַנגען צו אַ געוויסער הויך, פֿון וועלכער זיי האָבן שוין ניט געקאָנט אַרונטערגיין אַזוי גרינג. די מלוכה-שטיערן איז שווער געווען צו פֿאַרקלענערן, אָבער דאָס פֿאָלק איז ניט אין שטאַנד געווען זיי איצט צו צאָלן ווי פֿריער; די מלוכה-שטייערן איז שווער געווען צו פֿאַרקלענערן, אָבער דאָס פֿון פֿאָלק, און די מלוכה-באַאַמטע, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן איינמאָנען די שטייערן, זיינען פֿאַרהאַסט געווען אין פֿאָלק צוליב זייער שטרענגקייט און אכזריות.

די מלוכה האָט זיך שוין ניט געקאָנט שטיצן אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאָלקס-עלטסטע, וועלכע פֿלעגט נאָך אויפֿגערופֿן ווערן אָפֿט אין דודס מלוכה-צייט, איר אָרט האָבן שוין אינגאַנצן פֿאַרנומען די קיניגלעכע הויף-יועצים.

עס האָט זיך אויפֿגעדעקט די געזעלשאַפֿטלעכע סתּירה, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן פֿאָלקס-קיניגטום און צווישן די אינטע-רעסן פֿון פֿאָלק. אָנשטאָט אַ פֿאָלקס-רעטער און פֿאָלקס-העלד, וועל-כער גייט אין דער שפּיץ פֿון דער פּויערים-מאַסע, איז דער קיניג געוואָרן אַ פֿאָלקס-פֿאַרטעטער, וואָס בויט זיין פּערזענלעכן גליק און דעם גליק פֿון אַ קליין הייפֿעלע באַאַמטע אויף דעם עקאָנאָמישן עלנט פֿון די, וועלכע האָבן אים פֿאַרטרויט די פּאָליטישע מאַכט.

שוין אין אָנהייב אָן האָט מען געקאָנט פֿאָראויסזען, וואָס פֿאַר אַ פּאָזיציע די נביאים וועלן פֿאַרנעמען אין דעם אויפֿקומענדיקן סאָציאַלן קאַמף, — אויף וועמעס זייט זיי וועלן שטיין, אין אַוואַנ-גאַרד פֿון וועלכן געזעלשאַפֿטלעכן קלאַס זיי וועלן גיין. בעת די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע האָריזאָנטן פֿון לאַנד האָבן זיך פֿאַר-ברייטערט, בעת די געזעלשאַפֿטלעכע סתּירות זיינען געוואַקסן, איז געוואַקסן און האָט זיך פֿאַרברייטערט אויך דער סאָציאַלער מהות פֿון די נביאישע אידעען.

איצט האָט שמואלס אַרויסטרעטונג וועגן דער פֿאָלקס-גולה פֿון די כהנים דעם כאַראַקטער פֿון אַ קליינער דעטאַל-ערשיינונג. זי איז געווען גרויס און באַדייטנד נאָר אין יענער צייט מיט אירע פּרימיטיווע באַציאונגען, מיט איר אומבאַוועגלעכער געזעלשאַפֿטלעכקייט, איידער נאָך די שטאָט און דער דאָרף, דער מאַגנאַט און דער באָרגלאָזער פּויער אָדער אָרעמער האַנטווערקער זיינען געשטאַנען איינע אַנטקעגן די אַנדערע, ווי בולטע קאָנטראַסטן, און איידער די כהנים, פֿון וועמעס מעשים שמואל האָט זיך אַזוי געווערט, האָבן אויף אַ פּשוטן און אָפֿענעם אופֿן זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון דער רייכער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע מיטן קיניג בראש.

איצט, בשעת דאָס קיניגטום, וואָס האָט געהאַט זיין שורש הינטערן „שאָף-שטאַל און אַקער“, האָט שוין געהאַט פֿאַרלאָרן זיין צובונד מיטן דאָרף, זיך אָפּגעריסן פֿון דעם קלאַס, פֿון וועלכן עס איז אַרויס, איז די נבֿואה געבליבן טריי איר נאַטור, זי איז ווי אַ מעכטיקער פֿיל-צעצווייגטער בוים אַריינגעוואָקסן אין דעם דאָרפֿישן באָדן. די וואַקסנדיקע סתירות און דאָס סטיכישע אויפֿקומען פֿון גרויסע פֿאָלקס-מאַסן האָט געשאַפֿן אַ ברייטערן פֿעלד פֿאַר די נבֿיאישע אידעען, האָט זיי געשאַפֿן אַ מעכטיקן רעזאָנאַנס. אויב דער נבֿיא האָט נאָך ניט געקאָנט אָרגאַניזירן די פֿאָלקס-באַוועגונג, האָט ער אָבער סיי אין שטאָט, סיי אין דאָרף געהאַט פֿאַר זיך שוין אַ גרויסע אוידיטאָריע, וועלכע ער האָט געקאָנט פּאָליטיש דערציען, אויף וועלכע ער האָט געקאָנט בויען זיין סאָציאַלע פּערספּעקטיוו, ווייל אירע היסטאָריש-פֿאַרשטאַנענע אינטערעסן זיינען געלעגן אין יסוד פֿון זיינע אידעען.

ווי דער קיניג, אַזוי האָט אויך דער נבֿיא איבערגעטראָגן דעם מיטלפּונקט פֿון זיין טעטיקייט אין שטאָט אַריין. דער נבֿיא איז אָבער ווי פֿריער געבליבן ביי זיין איינציקן געווער, ביי זיין

וואָרט. דאָס נביאישע וואָרט בייט איצט נאָר זיין כאַראַקטער, ווי יעדער כלי־זיין, וועלכער ווערט מאָדיפיצירט און אַנטוויקלט אין משך פון דורות פון קאַמף.

די אַלטע נבואה איז געווען אַ נבואה פון ריינעם עקסטאַז. דער כוח פון דעם נביאס פערזענלעכקייט איז געלעגן דורכאויס אין זיין טעמפּעראַמענט. עס האָט אין אים דאָס געטלעכע וואָרט געברענט ווי אַ פייער, געדריקט אויף זיין געמיט, ער איז אומגעגאַנגען צעדולט און „גייסטיק משוגע", ביז ער האָט פון זיך ניט אויסגעגאָסן דאָס פלאַמענדיקע וואָרט. ער האָט איבער זיך ניט געקאָנט געוועלטיקן, ער איז געווען אין געפאַנגענשאַפט ביי זיך אַליין.

די שטאָטישע קולטור און די וועלטלעכע פּאָליטיק האָבן געלאָזן זייער גרינדלעכע ווירקונג אויף די פאָרמען פון דער נבואה. דער נביא איז עטיש געבליבן דערזועלביקער, פּאָליטיש איז ער אָבער אויסגעוואַקסן, די אידעען, וועלכע ער האָט פריער תופס געווען בחוש, דינען איצט אַריינגעדרונגען אין דער טיף פון זיין פּאָליטישן באַוואוסטזיין. ווי דער קאַראַוואַנען־האַנדל און די מסחר־נסיעות קיין אופיר האָבן צעבראָכן די ווענט צווישן פּאַלעסטינע און דער אַרומיקער קולטור־וועלט, אַזוי האָבן אויך די נביאישע אידעען פון לאָקאַלע און ציטיקע, אַלץ מער דערהויבן צו דער מדרגה פון אַלגעמיין־מענטשלעכע, אוניווערסאַלע. די אַרענע פון קאַמף האָט זיך ביסלעכווייז איבערגעטראָגן פון דעם קליינעם פּאַלעסטינע מיט איר באַנקראָטירטן פאָלקס־קיניגטום אויף דער אַרומיקער וועלט בכלל, אויף דעם הערשנדיקן מצריש־אשורישן אימפּעריאַליזם.

איצט איז אָבער דער קאַמף אויסגעקומען פיל שווערער. יעדער קריטיק פון סאָציאַלן סדר האָט אַרויסגערופן אַ צערייצונג אין די הערשנדיקע קרייזן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זייער האַנט די פירונג און האָבן געקאָנט צווינגען צו שווייגן יעדערן, וואָס האָט נאָר געפּרוּווט אַרויסטרעטן אַנטקעגן זיי.

ווען שמואל איז אין גאַנצן נאָמען אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן די כהנים פֿון שילה, איז דעם פֿרומען זקן עלי קיינזאַך ניט געבליבן, ווי צו בייגן זיין אַלטן קאָפּ פֿאַרן געטלעכן אורטייל, און דער טעמפּער ניט אַנטוויקלטער מאַסע — צו אָפּוואַרטן און זען, צי וועט דער נביא אויף דער אמתן „טרעפֿן" דאָס, וואָס דאַרף געשען. איצט האָט דאָס קיניגטום ביי זיין פּאָליטישער מאַכט און גרויסקייט גאָרניט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז צווישן אים און גאָט זיינען מעגלעך וועלכע ניט איז סתירות, ווייל די מלוכה האָט אונטערטעניק געמאַכט די אמונה צו אירע פּאָליטישע צוועקן, האָט צוגענומען דעם אויטאָריטעט ביי די כהנים, האָט זיי פֿאַרוואַנדלט אין מלוכה־באַאַמטע און קיניגס־קנעכט, און די טעמפּלען — אין קיניגס־טעמפּלען. פֿאַרשטומט געוואָרן איז דער אַלטער אָראַקל. דער קיניג האָט געהאַט זיינע אַנדערע אָפֿיציעלע עצה־געבער. פֿאָלגן אָבער איז דער קיניג ניט געווען מחויב, אַליין האָט זיך געווענדט אָן זיין פֿרייען ווילן, ווייל נאָר ער אַליין איז געווען געזאַלבט מיטן הייליקן ביימאייל, און ווער האָט געקאָנט אויסער אים דערפֿילן די געטלעכע שליחות?

דער נביא האָט זיך דער ערשטער עמאַנציפּירט פֿון דער הכנעה פֿאַר דער פּאָליטישער אויטאָריטעט פֿון קיניג. דאָס קיניגטום האָט פֿאַר אים געהאַט זיין עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג נאָר אויף וויפֿל עס האָט געשטימט מיט די אינטערעסן פֿון פֿאָלק, דאָס פֿאָלק, וואָס האָט צום ערשטן לויט זיין אייגענעם ווילן אויסגעוויילט דעם קיניג, קאָן אים אין יעדן מאָמענט אַראָפּזעצן פֿון זיין טראָן און נעמען זיך צוריק די פּאָליטישע מאַכט. דאָס פֿאָלק איז דער טרעגער פֿון סוווערעניטעט, און דער נביא איז דער אויסדריקער פֿון זיינע אינטערעסן, וועלכע דאָס פֿאָלק האָט אַליין נאָך ניט תופֿס געווען.

דער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד פֿון דער מאַסע און די סאָ-

ציאַלע גלייכקייט און מעכטיקייט דאַרף זיין דער לאָזונג פֿון דעם אמתן פֿאָלקס־קיניגטום. ווען ניט דאַרף עס פֿאַרניכטעט ווערן, אומגעבראַכט ווערן פֿון דער וועלט דורכן צאָרן פֿון פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד, און דער הייליקער בוימאייל וועט טריפֿן אויפֿן קאָפּ פֿון דעם, וואָס וועט אַראָפּשליידערן פֿון טראָן די פֿאַררעטער פֿון פֿאָלק.

דער נביא האָט נאָך ניט תופֿס געווען דעם געזעץ פֿון סאָציאַלער נויטווענדיקייט, וואָס האָט געמוזט מאַכן פֿון דעם קיניגטום דאָס, וואָס עס איז געווען. ווי משה האָט, לויט דער לעגענדע, גערעדט צום פֿעלז, ער זאָל פֿון זיך לאָזן רינען וואַסער, אַזוי האָט דער נביא נאָך געפּרוווט דורך זיינע רייד איבערמאַכן די פּאָליטישער נאַטור פֿון קיניגטום. אַזוי האָבן די נביאים פֿון דודס צייט, ווי נתן און גד, געפּרוווט פֿאַרבעסערן דאָס קיניגטום דורך זייער פּערזענלעכער השפּעה אויפֿן קיניג. און ערשט די צייט האָט געוויזן, אַז די פּאָליטישע רעדעס פֿון די נביאים דאַרפֿן זיין געווענדט ניט צו די מלכים נאָר צום פֿאָלק, וועלכער האָט צו זאָגן זיין אייגן וואָרט אין דער מלוכה־פּאָליטיק.

און ווי משה האָט סוף־כל־סוף געשלאָגן דעם פֿעלז, ביז ער וועט לאָזן רינען וואַסער פֿאַרן דאָרשטיקן פֿאָלק, אַזוי האָט דאָס קיניגטום געדאַרפֿט געשלאָגן ווערן. דער פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד האָט געדאַרפֿט באַשטימען זיין ווייטערדיקן פּאָליטישן גורל.

---

5. דער פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן דודס דינאַסטיע און די ראָלע פון די נביאים.

אין סוף פון שלמהס מלוכה־צייט האָט זיך אין דער פאָלקס־מאַסע פון ירושלים אויפגעקליבן אַזוי פיל צאָרן און פאַרביטערט־קייט, אַז דאָס פאָלק האָט צום ערשטן מאָל אויף דער אָפענער גאַס פאַרוואָרפן מיט שטיינער דעם שטייער־באַאמטן אדונירם. דערדאָזיקער פאַקט באַווייזט, ווי אין יענער צייט איז שוין צייטיק געוואָרן דער פאָלקס־צאָרן, אַז ער האָט זיך געקאָנט אויסדריקן אין דעם געשטאַלט פון אַ מאַסן־אָנפאַל מצד דעם פאָלק אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מלוכה־באַאמטן 1). דערדאָזיקער פאָליטישער מאָרד האָט געדאַרפט דינען פאַר אַן אַרויסרוף און פאַר אַ התראה דעם קיניג גופא, וועלכער האָט אויסגעגעבן אַ באַדייטנדיקן טייל פון די פאָלקס־שטייערן אויף די באַדערפענישן פון זיין הויף, און אויף זיינע פאַרגעניגנס און פוץ, וועלכן ער האָט איינגעפירט אויפן כנענישן און מצרישן אופן.

צי וויל שלמה האָט געהאַט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער פאָלקס־מאַסע, אַלס ציוויליזאַטאָר און קאָלאָניזאַטאָר, אָדער וויל די באַוועגונג האָט נאָך ניט צייט געהאַט איבערצוואַרפן זיך

1) נאָך אין דודס צייטן האָט זיך געפירט אַ באַוועגונג קעגן דער דינאַסטיע. אין דער שפיץ פון איר איז געשטאַנען שמעי בן גרא און אויך צום אבשלום־אויפשטאַנד זיינען צוגעשטאַנען פיינד פון דער דינאַסטיע. די באַוועגונג האָט אָבער לכתחילה געטראָגן אַ מער דינאַסטישן, ווידער עקאָנאָמישן כאַראַקטער און שלמה האָט זי ליקווידירט אין אָנהייב פון זיין מלוכה.

בײַ זײַן לעבן פֿון מלוכה-צענטער אין די צפֿון-פּראָווינצן — האָט זיך קײנזאַך ניט געביטן ביז זײַן טויט. אפֿשר האָט דאָס פֿאָלק געדולדיק אָפּגעוואַרט דעם טויט פֿון דעם קיניגלעכן זקן, האָפֿנדיק, אַז דער כאַראַקטער-שוואַכער יורש פֿון זײַן מלוכה, רחבעם, וועט זײַן גענייגט דורכפֿירן אין לאַנד באַשטימטע רעפֿאָרמען און „גרינ-גער מאַכן דעם יאָך פֿון זייער האַלדז“.

די באַוועגונג האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך צעשפּרייט דערהויפּט איבער די שטעט און דערפֿער פֿון גליל און איבער די אַרבעטער-קאָלעקטיוון, וואָס האָבן באַזאָרגט די פֿאַר-שיידענע מלוכה-אַרבעטן. אין די דאָזיקע אַרבעטער-קאָלעקטיוון, וועלכע זײַנען מאָביליזירט געוואָרן דורך שלמהן אין די צפֿון-פּראָווינצן און וועלכע האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן בנין פֿון נײַע פֿעסטונגען אין ירושלים און מיטן רעמאָנט פֿון די מויערן פֿון דער דוד-שטאָט, איז געווען מער ווי אַנדערשוואו גרייט דער באָדן פֿאַר אַ מלוכה-אויפֿשטאַנד. דאָס האָט געהאַט זײַנע טיפֿע עקאָנאָמישע סיבות: ווײַל די דאָזיקע אַרבעטער-קאָלעקטיוון האָבן אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן געדאַרפֿט באַשטיין דערהויפּט פֿון יענע גלילשע עלעמענטן, וועלכע זײַנען עקאָנאָמיש רואינירט געוואָרן דורך דער צענטראַליסטישער פּאָליטיק פֿון דער דוד-דינאַסטיע.

וואָס זײַנען געווען די סיבות פֿון דערדאָזיקער צענטראַליסטישער פּאָליטיק, און צו וואָס פֿאַר אַ רעזולטאַטן האָט די געמוזט ברענגען?

אין גליל, אויפֿן גרויסן קאַראַוואַנען-וועג פֿון בבל, אשור, דורכן התים-לאַנד, ארם און פֿיניקיע, קיין יהודה, אַראַביע און מצרים, איז אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן אויסגעוואַקסן פֿון פֿאַרצײַטן אַ גאַנצע רײ האַנדלס-שטעט, וועלכע זײַנען אַלס ווירטשאַפֿטלעכע צענטרען געוואָרן אויך רעליגיעזע צענטרען. אין די דאָזיקע שטעט, — ווי בית-אל, שכם, שילה, וואָס זײַנען געלעגן בײַ דער ברייטער פּרוכט-באַרער טאָלן און בײַם גרויסן יזרעאל-טאָל, דעם קאָרן-קאַמער פֿון

לאַנד, — אין שכנות מיט די ציוויליזירטע פֿיניקיער, האָט זיך פֿריער ווי אַנדערשוואו אַנטוויקלט די השגה פֿון קולטור און פּאָליטישער פֿרייהייט. זייערע באַדערפֿענישן דינען שוין צו יענער צייט געווען פֿיל העכער, ווי די באַדערפֿענישן פֿון די דרום־בירגער. דורך די קאַראַוואַנען האָבן זיי זיך עקאָנאָמיש פֿאַרבונדן מיט די אַרומיקע לענדער; אין די שטעט האָבן זיך פֿרי געמוזט עפֿענען שפּייכלערס און מאַגאַזינען פֿאַר אויסלענדישע טראַנזיט־סחורות, עס האָבן געמוזט אויסוואַקסן מאַרק־פּלעצער און אין באַשטימטע מאַרק־טעג האָבן זיך די פּויערים פֿון דער תּבֿואה־רייכער געגנט געמוזט אַהערצו אויפֿקומען, כּדי אויסצובייטן זייערע פּראָדוקטן אויף אויסלענדישע סחורות.

זינט דער פּאָליטישער צענטער פֿון דער פֿאַראייניקטער מלוכה איז אָבער אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין ירושלים, וועלכע איז נאָך איר געאָגראַפֿישער לאַגע ווייניק־וואָס פּעאיק געווען פֿאַר אַווירט־שאַפֿטלעכן צענטער, האָט די דוד־דינאַסטיע זיך געמיט ווירטשאַפֿט־לעך צו דערהויבן די אויף אַ קינסטלעכן אופֿן, קאָלאָניזירנדיק דאָ האַנטווערקער־צעכן, צוציענדיק אַהער די אויסלענדישע סוחרים און בילדנדיק אין אילת און עציון גבֿר (אויפֿן רויטן ים) אַ האַפֿן פֿאַר סחורות, וואָס זיינען געווען באַשטימט פֿאַר די לענדער פֿון אינדישן ים.

דאָ איז אויפֿגעזאַמלט געוואָ־ן אַ גרויסער מלוכה־פֿאַרמעגן, וואָס האָט זיך געבילדעט אַלס רעזולטאַט פֿון די געלונגענע מלחמות און פֿון די פֿאָלקס־אָפּצאָלונגען, דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט פֿון גאַנצן לאַנד מיליטער, אַהערצו זיינען דורכגעלייגט געוואָרן וועגן דורך די שמאָלע טאָלן, דאָ איז אויפֿגעבויט געוואָרן דער בית־המקדש. וועלכער האָט געדאַרפֿט דורך זיין פּראַכט און הייליקייט דערני־דערן די באַדייטונג פֿון די הייליקע שטעט אין צפֿון — און דורך אַ ריי קיניגלעכע באַפֿעלן אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַ באַזונדער פּריווילעגירטער לאַגע, אַלס קיניגלעכער טעמפּל.

דאָס אַלץ האָט געמוזט לאַנגזאַם אונטערגראָבן דעם עקאָנאָמישן וווילשטאַנד פֿון די גלילשע שטעט, אָפּציִען פֿון דאָרטן די קאַראַוואַנען, פֿאַרטרײַבן פֿון דאָרטן די גרויסע פּויערים־מאַסן, בײַ וועלכע עס פֿלעגן זיך דאָ פֿאַרבינדן זייערע ווירטשאַפֿטלעכע אינטערעסן מיט די רעליגיעזע. די ירידה פֿון האַנדל אין די גלילשע שטעט האָט געמוזט ברענגען צו אַ עקאָנאָמישער רואינירונג פֿון די אַרומיקע פּויערים, וועלכע האָבן ניט געהאַט מער וואָס צו טאָן מיט די מותרות פֿון זייערע תּבֿואות. אָט די רואינירטע פּויערים האָט די צענטראַלע מלוכה איצט גרינגער ווי אַנדערע געקאָנט צוציִען צו אירע מלוכה־אַרבעטן, צונעמענדיק פֿאַראיינס בײַ די, וואָס זײַנען געבליבן אויף די ערטער, דעם באַדײַטנדיקן טייל פֿון זייערע תּבֿואות אַלס שטײַער אויף אויסצוהאַלטן די אַרמיי און דעם קיניגלעכן הויף.

די אומצופֿרידנקייט איז במילא געוואַקסן. זי האָט, ווי אַ פֿונק וואָס פֿאַלט אַרײַן אין אַ תּבֿואה־שײַער, געגליט איבערן גאַנצן צפֿון, ביז עס האָט זיך ניט געפֿונען דער מענטש מיט דער געהעריקער דרייסטקייט און אָרגאַניזאַציע־קראַפֿט, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון דער באַוועגונג און האָט צוגעגרייט דעם פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד. דאָס איז געווען דער ענערגישער ירבֿעם בן נבֿט פֿון צרדה, אַ בירגער פֿון אפֿרים־לאַנד, וועלכער איז געווען אַן אויפֿזעער איבער די מלוכה־אַרבעטן אין די פֿעסטונגען פֿון ירושלים.

די כּהנים־רעדאַקטאָרן פֿון תּנ״ך, די טרײַע קנעכט פֿון דער דוידישער דינאַסטיע, מאָלן אים אַלס זינדיקן, אַלס טיראַן. די געשיכטע (וואָס איר קול הערט זיך נאָך אין איינצלנע פּסוקים־פֿראַגמענטן) ווייסט אָבער, — ווייניקסטנס די ערשטע צײַט, פֿון ירבֿעם דעם רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געפֿונען גענוג מוט און גײַסטיקע קראַפֿט אויף אַרויסצוטרעטן קעגן דער לאַסט־פּאָליטיק פֿון דער דינאַסטיע.

שלמהס רדיפות אַנטקעגן אים, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן גלייך אין אָנהייב, איידער דיזאָזיקע באַוועגונג האָט צייט געהאַט אָנצונעמען קאָנקרעטע פאָרמען, האָבן זי אויף אַ צייט פאַראַליזירט, און ירבעם האָט געמוזט לויפן קיין מצרים, כדי דאָרטן אָפּצוּוואַרטן ביז אַ גינסטיקער צייט. דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָליטישער עמיגראַנט אין ישראל.

אָבער — אין דאָ קומען מיר צו דעם מאָמענט, וועלכער אינטערעסירט אונז איצט באַזונדער שטאַרק — שוין אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער באַוועגונג שטעלן זיך די נביאים אין איר שפּיץ, אַלס גייסטיקע אָנפירער, אַלס געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגן. נאָך מער — זיי נעמען אין זייער האַנט די איניציאַטיוו, מונטערן אויף דעם פּאַקטישן אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד, זאָגן אים צו גאָטס הילף און גאָטס ברכה, באַטראַכטן אים אַלס דעם געזאַלבטן שליח פון גאָט.

דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט פון אַזאַ גרויסער קראַפט, אַז די שפּעטערדיקע תנ״ך־רעדאַקטאָרן האָבן זי ניט געקאָנט פאַרקלענערן און פאַרטושן.

דער נביא פון הערדאָזיקער קריטישער תקופה איז געווען א ח י ה פ ו ן ש י ל ה. ער איז אַליין געווען אַ בירגער פון צפון, שילה אין אפרים־לאַנד איז זיין היים, און ירבעם איז אים אַ היימישער מענטש נאָך זיין אָפּשטאַמונג. ער האָט במילא דייטלעכער פון אַן אַנדערן תופס געווען די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון זיין היימישן צפון און פאַרשטאַנען די סתירה צווישן די אינטערעסן פון די גלילישע פויערים און ירושלימער הערשער.

בשעת אַנדערע גלויבן נאָך אין דער מעגלעכקייט פון רעפאָרמען, וועלכע זאָלן אויך אויף להבא מאַכן מעגלעך פאַר די צפון־שבטים צו בלייבן אונטער דער הערשאַפט פון דוד׳ס דינאַסטיע, דערגייט ער ביז צו דער לעצטער הנחה: דער צפון מוז זיך אָפּ־

רייסן פון דרום, דאָס לאַנד מוז זיך צעטיילן אויף צוויי פּאָליטיש־אויטאָנאָמע חלקים. דאָס איז דער משפּט פון דער געשיכטע, פון גאָט אַליין; ווי דער נייער בגד אויף ירבעמס לייב ווערט צעריסן דורך דעם נביאס האַנט אויף צוועלף טיילן, אַזוי מוז אויך צעריסן ווערן די מלוכה פון ישראל. די פּאָליטישע מאַכט דאַרף אַריבער־גיין צום צפון, און די דוד־דינאַסטיע, וואָס האָט זיך געבויט אויף דער עקספּלואַטאַציע פון פאָלק, דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מלוכה פון אַ קלייגער לאַנד־געגנט אין דרום.

ווי שפּעטער איז יהוא געבענטשט געוואָרן דורך דעם נביא אלישע צום אויפשטאַנד אַנטקעגן דער דינאַסטיע פון עמרי, אַזוי איז איצט ירבעם באַשטימט געוואָרן דורך דעם נביא אחיה אַלס אָנפירער פון אויפשטאַנד אַנטקעגן דער דינאַסטיע פון דוד. די געשיכטע הערט זיך איבער, די נביאישע אידעען פאַרלירן ניט זייערע באַשטימטע סאָציאַלע טענדענצן.

„אין יענער צייט — דערציילט אונז דער אַלטער כראָניקער — דאָט ירבעם, אַרויסגייענדיק פון ירושלים, געטראָפן אין וועג דעם נביא אחיה פון שילה, און ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם בגד, וואָס אויף אים, און האָט אים צעריסן אויף צוועלף שטיקער און האָט געזאָגט צו ירבעמען: נעם זיך צען שטיקער, דען אַזוי האָט געזאָגט ישראלס גאָט: איך רייס אַרויס די הערשאַפט פון שלמהס האַנט און איך וועל דיר געבן די צען שבטים און נאָך איין שבט וועט בלייבן ביי אים“...

עס בלייבט אָבער פאַר אונז אַן אייביקער סוד, צי האָט דער נביא דערמיט נאָר געגעבן זיין הסכם צו דעם פּאָליטישן אויפשטאַנד, וועלכן עס האָט שוין פריער פאַרטראַכט ירבעם, אָדער צי האָט דעם נביאס אַנטשלאָסענער טריט און זיין גלויבן אין ירבעמס פּאָליטישע פעאיקייטן געגעבן דעם רעוואָלוציאָנער־געשטימטן מאַן דעם מוט צו שטעלן זיך פריער אין דער שפּיץ פון דער באַוועג־

אידישער צענטער
ביבליאָטעק

גינג און דערנאָך אויך אין דער שפּיץ פון דער ניי־געגרינדעטער מלוכה. אָבער אין עיקר בלייבט פאַר אונז קלאָר, אַז די נביאים זיינען געווען די אידעאָלאָגן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע האָט שיעור ניט געקאָסט רחבעמען דעם לעבן און וועלכע האָט ביי אים אָפּגענומען די הערשאַפט איבער די צפון־שבטים.

און ניט נאָר אחיה, וואָס האָט געשטאַמט אַליין פון צפון, נאָר אויך נביאים פון יהודה־לאַנד, ווי שמעיהו, זיינען געווען אויס־געשפּראָכענע אָנהענגער פון דעם אויפשטאַנד. אמת, אין דער ער־שטער סטאַדיע פון אויפשטאַנד הערן מיר ניט אָפן אין דער געזעלשאַפט שמעיהוס קול. אָבער דאָס באַווייזט נאָר, אַז די נביאים זיינען שוין געווען אין פּאָליטישן חשד אין די אויגן פון דודס דינאַסטיע, ווייל אויך אחיה האָט ריזיקירט צו אַרויסווייזן קלאָר זיין שטעלונג צו דער באַוועגונג בלויז בשעת ער איז געווען אונטערן שטאָט, אויפן פעלד, אויג אויף אויג מיט ירבעמען; בפרט איז שוין שווערער געווען אַן אָנגעזעענעם ירושלימער נביא צו אַרויס־טרעטן אָפן.

אָבער ווען די פּאָליטישע איבערקערעניש האָט זיך געהאַט פאַר־ענדיקט, און רחבעם האָט געוואָלט מיט דער הילף פון די צוויי דרום־שבטים, יהודה און בנימין, וועלכע זיינען געבליבן טריי דער דינאַסטיע פון דוד, מיטן שווערד אין האַנט רעסטאַוורירן די פריער־דיקע פּאָליטישע אָרדענונג, איז אַרויסגעטראָטן שמעיהו מיט זיין אויטאָריטעטיש־קלינגענדיקער שטימע, האָט געוואָרנט דאָס פאָלק אָפּצוהאַלטן זיך פון אַ בירגער־קריג און ניט פּרוּוון זיך אָפּשאַפן דאָס, וואָס איז געשען לויטן געטלעכן ווילן: „אזוי האָט גאָט געזאָגט: טרעט ניט אַרויס און פירט ניט קיין מלחמה מיט אייערע ברידער, די איינוואוינער פון ישראל, קערט זיך אום אַהיים, ווייל פון מיר שטאַמט די זאַך“.

ווי אַזוי איז פֿאָרגעקומען די עצם מלוכה־שפּאַלטונג? דאָס איז נאָך געווען יענע תּקופֿה אין דער געשיכטע, ווען דאָס קיניגטום האָט זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט למראית־עין פֿון די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס. דאָס קיניגטום איז געווען פֿאָרמעל אַ וואַל־קיניגטום, הגם פֿאַקטיש איז דאָס שוין לאַנג געווען אַ ירושה־קיניגטום. די פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן אין דער הייליקער שטאָט שכם, האָט געדאַרפֿט ערקלערן רחבֿעמען פֿאַר אַ קיניג. אין שכם, וואָס ליגט אויפֿן וועג צווישן צפֿון און דרום, וואוהין עס האָבן זיך געקאָנט אויפֿקלייבן די פֿאָלקס־עלטסטע פֿון יהודה און גליל, האָט געדאַרפֿט געלייזט ווערן דער גורל פֿון דער דינאַסטיע. מיט אַן אומרואיקן האַרצן איז דאָס מאָל דער יונגער יורש פֿון טראָן געגאַנגען צו דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג; עס איז אים געווען קלאָר, אַז דאָס מאָל האַנדלט זיך ניט מער נאָר וועגן דער פֿאָרמעלער באַשטעטיקונג פֿון זיין מלוכה, אַז די אָנהענגער פֿון דעם אויפֿשטאַנד, וואָס איז קינסטלעך איינגעשטילט געוואָרן דורך שלמהן, וועלן אויפֿהויבן אויף דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג זייער קול קעגן דוִדס משפּחה בכלל און קעגן אים בפֿרט.

די אויפֿשטייענדיקע פּאַרטיי האָט באַצייטנס אַרויסגערופֿן צוריק פֿון מצרים דעם פֿריערדיקן אָנפֿירער פֿון אויפֿשטאַנד ירבֿעמען, כּדי ער זאָל איצט אויף דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג אין שכם אָפֿן אַרויסטרעטן מיט באַשטימטע פֿאָדערונגען.

צי האָבן ירבֿעם און זיין פּאַרטיי ווירקלעך געהאָפֿט צו דערשלאָגן זיך ביי דעם כאַראַקטער־שוואַכן רחבֿעמען גרינדלעכע רעפֿאָרמען, אויף וועלכע עס האָט ניט געקאָנט איינגיין זיין מעכטיקער פֿאָטער, אָדער צי האָט אייגנטלעך דער געשיכטע־שרייבער דערמיט געוואָלט נאָר צוגעבן אַ מער פֿרידלעכן כאַראַקטער די שטורמישע געשעענישן פֿון דערדאָזיקער תּקופֿה, איז שווער צו זאָגן.

עס איז מעגלעך, אַז ירבֿעם איז געגאַנגען צו דער פֿאַרזאַמלונג לכתּחילה מיט דער כּוונה צו אָרגאַנידירן אַרום איר די אויפֿשטיי־ענדיקע עלעמענטן און אַז אויף די פֿאַרהאַנדלונגען צווישן קיניג און פֿאָלק האָט ער ניט געלייגט די מינדסטע האָפֿענונג.

דער גאַנצער קאַמף האָט זיך דאָ אייגנטלעך געפֿירט צווישן צוויי פּאָליטישע גרופּירונגען, צווישן דער קאָנסערוואַטיווער גרופּע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן שטרענגן צענטראַליסטישן מלוכה־סדר פֿון שלמה, בײַ וועלכן דאָס פֿאָלק איז שווער עקספּלואַטירט געוואָרן דורך דעם קיניגטום אין נאָמען פֿון זײַנע פּאָליטישע אינ־טערעסן און פּערזענלעכע פֿאַרגעניגנס, און צווישן דער רעפֿאָר־מיסטישער גרופּע, וועלכע האָט פֿאָרגעלייגט דעם מלוכה־יורש צו־צוזאָגן דעם פֿאָלק רעפֿאָרמען און „גרינגער צו מאַכן דעם יאָך“, וועלכן עס האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט זײַן פֿאָטער. געזיגט האָט אויף דער פֿאַרזאַמלונג די קאָנסערוואַטיווע גרופּע און אַלס רעאַקציע אויף איר זיג האָט מיט אַ מער סטיכישער שטורמישער קראַפֿט אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד. די אויפֿשטייענדיקע פּאַרטײַ האָט אויסגעשריען אירע לאָזונגען:

קיין אָנטייל אָן דודן!
קיין נחלה אין ישיס זון!
צו דײַנע געצעלטן, ישׂראל!
איצט קוק זיך אַרום אויף דײַן דינאַסטיע, דוד!

און די גאַנצע גלילשע פּויערים־מאַסע, וואָס איז געווען פֿאַר־נומען מיט די מלוכה־בנינים אין ירושלים און וואָס האָט זיך אויפֿ־געקליבן איצט אַרום איר אָנפֿירער, האָט זיך געלאָזן מיט אים צוזאַמען אין היימישן גליל, וועלכן זיי האָבן באַפֿרײַט פֿון דער ממשלה פֿון די ירושלימער טיראַנען.

די נביאים, וועלכע זיינען נאָך זייער גאַנצער אידעאָלאָגיע ניט געווען קיין מענטשן פון פשרה, האָבן זיך ניט געשטעלט אויפן וועג פון דער רעפאָרם, וועלכע וואָלט נאָר אָפּגעשוואַכט און פאַרטונקלט די געזעלשאַפטלעכע סתירות, און האָבן זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון די פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן זיך געפירט צווישן די צדדים.

דער אויפשטאַנד איז פאַר זיי געווען אומפאַרמיידלעך און קיינזאַך האָט אים ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

---

6. דער קריזיס פון דער נבואה.

ווייבאלד מיר באטראכטן די נביאישע אידעען פון סאציאלן שטאנדפונקט, איז פארשטענדליך, אז מיר מוזן אין דעם עצם אנטוויקלונגס-גאנג פון דער נבואה-באוועגונג אויפדעקן די סימנים פון א היסטארישער עוואלוציע, יעדן נביא באטראכטן אין צוזאמענהאנג מיט דער עקאנאמישער ווירקלעכקייט פון זיין צייט.

מיר האבן שוין געזען, ווי פון די ערשטע שמואלס פרימיטיווע ארויסטרעטונגען אנטקעגן דער פאלקס-עקספלואטאציע מצד די כהנים פון שילה, ביז די ארויסטרעטונגען פון א נביא ווי אחיה, וועלכער ארגאנידירט דעם אויפשטאנד אנטקעגן דער הערשנדיקער דינאסטיע, איז געלעגן א גרויסער שטח. און וואס קאמפליצירטער עס איז געווארן די עקאנאמישע און פאליטישע ווירקלעכקייט, וואס נעענטער די ניי-געגרינדעטע מלוכה איז געקומען אין בארירונג מיט דער ארומיקער קולטור-וועלט, אלץ ערנסטער האבן געמוזט ווערן די סאציאלע מאטיוון פון די נביאים, אלץ שווערער האט זיי געמוזט ווערן צו געפינען דעם ריכטיקן וועג, צו געבן די ריכטיקע אפשאצונג די פאליטישע דערשיינונגען.

און דא גייען מיר זיך ראדיקאל פונאנדער מיט די טעאלאגן פון אלערליי שאטירונגען. בעת די טראדיציע קוקט אויף די נביאים, ווי אויף רעליגיעזע אנטפלעקער און דער המון איז גרייט צו זען אין זיי אפילו פשוטע טרעפער, זייגען זיי במילא מחויב אנצונע-

מען, אַז אַלע דייערע נבֿיאות זיינען ריכֿטיק אויפֿן האָר; עס קאָן ניט איבערפֿאַלן און גרייזן דער, וואָס רעדט ניט פֿון זיין אייגענעם נאָמען, נאָר פֿון נאָמען פֿון דעם, וועמען עס איז אַנטפּלעקט דאָס לעבן פֿון יחיד אַזוי אויך דער פּאָליטישער גורל פֿון די פֿעל-קער און לענדער. דעריבער מאַטערט זיך דער תּלמוד און די מדרשים ניט ווייניקער איידער די קריסטלעכע טעאָלאָגן פֿון אַלע צייטן צו באַווייזן, אַז אַלע נבֿואות זיינען מקוים געוואָרן ביזן קלענסטן פּרט 1).

אונז איז דידאָזיקע אויפֿגאַבע לגמרי פֿאַרשפּאָרט. אַרויסגייענדיק פֿון דעם איינציק ריכֿטיקן סאָציאַל-עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, מיט וועלכן עס קאָנען געמאָסטן ווערן די אידעען פֿון אַלע פֿעלקער און צייטן, נעמען מיר לכתּחילה אָן, אַז די אָפּשאַצונג פֿון דער געגנוואַרט און דער פּראָגנאָז פֿון דער צוקונפֿט זיינען ביי די נבֿיאים ניט שטענדיק געווען אַבסאָלוט ריכֿטיק, אַז זיי האָבן געקאָנט אַ טעות האָבן ניט ווייניקער פֿון אַנדערע סאָציאַלע דענקער און פּאָליטיקער, און אַז די צוקונפֿטס-וועלט, וועלכע זיי האָבן געמאָלט, איז געווען אָפֿט מער אַ פּראָדוקט פֿון זייער עטישן באַוואוסטזיין, ווי אַ רעאַלע געזעלשאַפֿטלעכע מעגלעכקייט.

דאָס מאַכט אָבער, פֿאַרשטייט זיך, די נבֿיאים ניט קלענער אין אונזערע אויגן אַלס קעמפֿער, אַלס סאָציאַלע אוטאָפּיסטן; ווערט דען די היסטאָרישע באַדייטונג פֿון דער פּאַריזער קאָמונע קלענער פֿאַר אונז דערמיט, וואָס די פֿראַנצויזישע געזעלשאַפֿט פֿון יענער צייט האָט זי ניט געקאָנט ריכֿטיק אָפּשאַצן און האָט זי דערטרונקען

1) ניט קאָנענדיק אָפּט אויפֿדעקן דעם צוזאַמענהאַנג פֿון די נביאישע אַרויסטרעטונגען מיט די פּאָליטישע געשעענישן פֿון יענער צייט, האָבן די תּלמודיסטן און נאָך זיי אויך די קריסטלעכע געפּרוווט זען אוטאָפּיסטישע צו-קונפֿט-בילדער אַפֿילו אין יענע נביאישע רעדעס, וואָס זיינען געווענדט אַנטקעגן דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט פֿון זייער צייט.

אין טייכן פון בלוט? אָדער פאַרלירט אין אונזערע אויגן דער ליכטיקער גייסט פון אַ טאָמאַס מאָר זיין גלאַנץ נאָך דעריבער, וואָס ער איז געקומען אויף דער וועלט צו פרי, איידער די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען זיינען צייטיק געוואָרן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעען, וואָס ער האָט געגלויבט אין דער מאַכט פון גוטע מענטשלעכע כוונות און וואָס ער האָט געקאָנט נאָך קעמפן און שטאַרבן פאַר זיין אידעאַל, האָט אָבער ניט געקאָנט נאָך געפינען דעם רעאַלן וועג צום נצחון?

אַלס אַזעלכע אוטאָפיסטן אין פיאָנערן פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג דאַרפן מיר באַטראַכטן אויך די נביאים.

אין דעם ערשטן גרויסן טעות האָט געמאַכט די נבואה בשעת איר אַקטיוון באַטייליקן זיך אין דעם מלוכה-אויפשטאַנד. זי האָט געלייגט אירע פּאָליטישע האָפענונגען אויף באַשטימטע פּערזאָנען, זי האָט אָבער ניט געשטרעבט איבערצובויען קודם-כל אין גרונט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע יסודות פון דער געזעלשאַפט. מיר זעען ניט, אַז זיי זאָלן אויסנוצן זייער השפעה אויף דורכצופירן אין גליל אַ געגרעכטן פאַרטיילן פון דער ערד און צו באַזייטיקן פון דער אָנפירונג מיט די שטאָטישע און דאָרפישע געמיינדעס די גרויסע ערד-באַזיצער, וואָס האָבן זיך דורך אינטערדריקונג פון די קליינע פויערים פאַרשאַפן גרויסע נחלאות, און די מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע פון שלמהס צייטן.

די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג האָט געמוזט דעריבער גיין ניט אין דעם אָנגעצייכנטן וועג. דעם ניצן פון דער פּאָליטישער שפּאַלטונג האָבן געדאַרפט קודם-כל ציען די רייכע, די כהנים און די באַאַמטע און ווען אַפילו דער עקאָנאָמישער מצב פון דער גרויסער מאַסע האָט זיך געוואָלט אויף אַ צייט פאַרבעסערן, דאָך איז דער תהום צווישן די העכערע און צווישן פאָלק געוואָרן גרעסער פון טאָג צו טאָג.

די נבֿואה־באַוועגונג, וועלכע האָט לגמרי ניט געהאַט אין זינען צו בויען אויפֿן צפֿון אַ מלוכה אויפֿן זעלביקן פּוילן יסוד, אויף וועלכן עס האָט זיך פֿריער געבויט די פֿאַראייניקטע מלוכה, האָט זיך דאָ אויף אַ געוויסן אופֿן פּאָליטיש קאָמפּראָמעטירט און איבערגעלעבט אַ שווערן אידעאָלאָגישן קריזיס, וועלכער האָט אויף אַ צייט פֿאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג אין פֿאַרטיפֿונג פֿון איר סאָציאַלן און עטישן מהות.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אין קורצן אויף דעם מצבֿ פֿון צפֿון־לאַנד באַלד נאָך דער מלוכה־שפּאַלטונג. (בערך 900 יאָר פֿאַר דעם קריסטלעכן צייט־חשבון).

ווי מיר האָבן געזען, איז איינער פֿון די וויכטיקסטע מאָטיוון, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן די שפּאַלטונג, געווען די עקאָנאָמישע (און במילא אויך רעליגיעזע) ירידה פֿון די אַלטע גלילישע שטעט, וועלכע איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיטן ווירטשאַפֿטלעכן וואַקסן פֿון ירושלים. דעריבער איז קלאָר, אַז די ערשטע אויפֿגאַבע, וועלכע עס האָט זיך געדאַרפֿט שטעלן איצט דער באַפֿרייטער גליל און זיין פּאָליטישער פֿירער ירבֿעם איז געווען — ווירטשאַפֿטלעך אויפֿצולעבן די אַלטע האַנדלס־שטעט, דערהויפּט בית־אל, אויפֿן קאַראַוואַנען־וועג קיין שכם און דן, אויפֿן קאַראַוואַנען־וועג קיין ארם און פֿיניקיע, קיין אשור און קיין חתים־לאַנד.

דער איינציקער וועג דערצו איז געווען צו איזאָלירן דעם גליל פֿון דעם קאָנקורירנדיקן ירושלים, און פֿאַרוואַנדלען אים, פֿון אַ בלויזן טראַנזיט־לאַנד, איבער וועלכן עס ציען זיך קאַראַוואַנען קיין ירושלים, אין אַ זעלבשטענדיקן ווירטשאַפֿטלעכן געביט, וואָס זאָל זיין פֿאַרבונדן מיט די אויסלענדישע מערק. דערצו האָט מען געדאַרפֿט דערנעענטערן זיך צו די אַרומיקע האַנדלס־פֿעלקער, פֿון איין זייט, און שווערער צו מאַכן דעם פֿאַרקער מיט ירושלים פֿון צווייטן זייט.

די אפֿרים-בערג בילדן אַ פּאַסיקע נאַטור-גרענעץ צווישן ביידע מלוכות, — און די דורכגאַנגען צווישן דידאָזיקע בערג און אויף די גרויכע וועגן האָט איצט ירבעם געשטעלט מיליטער-פּאָסטנס, וואָס זאָלן פֿאַרהאַלטן אַלע בירגער פֿון צפֿון-לאַנד, וועלכע ווילן גיין קיין יהודה. אויך פֿאַר די דורכגייענדיקע קאַראַוואַנען זיינען מסתמא געמאַכט געוואָרן באַשטימטע באַגרענעצונגען. עס איז דאַן, קאָנטיק, צום ערשטן מאָל איינגעפֿירט געוואָרן אַ שטענדיקער וועג-שטייער אויף די סחורות.

אָבער ירושלים איז געווען דאָך ניט נאָר אַ ווירטשאַפֿטלעכער צענטער פֿון גאַנצן לאַנד, נאָר אויך אַ רעליגיעזער. אין די גרויסע יאָרלעכע יום-טובֿים האָט זיך דאָס פֿאָלק פֿון דער פּראָווינץ געצויגן אַהין, האָט געפֿירט זיינע פֿעלד-פּראָדוקטן צום מאַרק און זיינע מתנות דעם געטלעכן טעמפּל. פֿאַר דער מלוכה-צייט פֿון דער דודישער דינאַסטיע האָט ירושלים אויך אַלס רעליגיעזער צענטער אַריבערגעשטויסן די פֿריערדיקע פּאָפּולערע הייליקע שטעט.

כדי אָפּצושוואַכן די צוציאונגס-קראַפֿט פֿון ירושלים אויך אין רעליגיעזן זין האָבן ירבעם און זיינע יורשים געבויט אין די פֿריערדיקע ווירטשאַפֿטלעכע און רעליגיעזע צענטרען נייע טעמפּלען, דערהויפּט אָבער דעם קיניגס-טעמפּל אין בית-אל, וועלכער האָט געדאַרפֿט נאָך זיין פּראַכט קאָנקורירן מיטן ירושלימער טעמפּל. דאָ האָט ירבעם איינגעפֿירט אויך נייע יאָרלעכע יום-טובֿים, וועלכע זיינען געווען געוויס פֿאַרבונדן מיט דער מאַרק-צייט און מיטן אָנקומען פֿון די אויסלענדישע קאַראַוואַנען. און ווייל די פֿיניקישע און אשוריש-בבֿלישע קאַראַוואַנען האָבן געשפּילט די באַדייטנדיקסטע ראָלע אין האַנדל פֿון צפֿון-פּאַלעסטינע, איז קלאָר, אַז אין דעם רעליגיעזן קולט, וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט אין די ווירטשאַפֿטלעכע צענטרען, האָט געהערשט די פֿיניקישע און אשוריש-

בבלישע השפעה, פונקט אַזוי ווי אין רעליגיעזן קולט פון יהודה האָט געהערשט די מצרישע השפעה.

דידאָזיקע השפעה פון דער אַרומיקער קולטור אויף די אויסווייניקסטע פאָרמען פון רעליגיעזן קולט, ד. ה. אויף דעם וויכטיקסטן טייל פון דער דאַמאָלסדיקער ציוויליזאַציע, באַווייזט, אַז אויך עקאָנאָמיש און פּאָליטיש איז דאָס צפון-לאַנד אונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דידאָזיקע לענדער. און דאָס האָט מיט דער צייט געדאַרפט אָפּרופן זיך אויף אַלע געביטן פון פאָלקס-לעבן. נאָר אַריינקוקנדיק הינטער דעם פאָרהאַנג פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם בעל-קולט, וועלן מיר באַגרייפן דעם מעכטיקן צאָרן, מיט וועלכן די נביאים טרעטן אַרויס אַנטקעגן אים.

אין דערדאָזיקער תקופה פון ירבעם זיינען די ווירטשאַפטלעכע און די רעליגיעזע אינטערעסן פון די גלילשע שטעט געגאַנגען האַנט ביי האַנט, דער רעליגיעזער וואַקסן פון די שטעט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט זייער ווירטשאַפטלעכן וואוקס, און די כהנים-קאָלעקטיוון האָבן צוזאַמען מיט מיליטער געהיט די וועגן קיין יהודה-לאַנד, נאָכגעשפּירט די האַנדלס-קאַראַוואַנען און די עולי-רגל.

דידאָזיקע בלאָקאַדע פון יהודה מצד דער צפון-מלוכה האָט גאַנץ גיך געמוזט זיך אָפּרופן אין ירושלים. און ניט געקוקט אויף דער ערנסטער וואָרענונג פון נביא שמעיה האָט רחבעם פאַרגענומען תיכף אַ מלחמה אַנטקעגן ירבעמען.

גאַנצע זיבעצן יאָר האָט געדויערט דער בירגער-קריג צווישן ביידע מלוכות, וועלכער איז דערהויפּט באַשטאַנען אין צוזאַמענשטויסן אויף די גרענעץ-פונקטן און האָט פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם אַנטאַגאָניזם צווישן זיי ביידן. שוין אויפן פינפטן יאָר פון בירגער-קריג האָט זיך די מצרישע מלוכה באַנוצט מיט דער לאַגע

און האָט פֿאַרכאַפּט דאָס גאָלד און זילבער און אַנדערע רײַכקײטן, וואָס עס האָט אָנגעזאַמלט אין ירושלים די דינאַסטיע פֿון דוד.

די נביאים, וועלכע זײַנען לכתּחילה געווען געדעכט אין זייער נעגאַטיווער באַציאונג צו דער דינאַסטיע פֿון דוד, האָבן זיך באַלד אַרומגעזען, אַז זיי האָבן ניט געפֿונען דעם ריכטיקן אויסוועג פֿון דעם פּאָליטישן קריזיס און אַז דער קריזיס האָט זיך, פֿאַרקערט, נאָך פֿאַרשאַרפֿט. דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סעפּאַראַטיזם פֿון צפֿון האָט פֿאַרקלענערט די ווידערשטאַנד־קראַפֿט און דעם ווײַלשטאַנד פֿון די בײדע לאַנד־טײלן און האָט געעפֿנט דעם וועג פֿאַרן מצרישן אײנפֿלוס אויף יהודה און פֿאַרן אַשורישן אויפֿן גליל, — אַנשטאָט דעם, וואָס פֿריִער האָט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער צענטראַליזם באַלאַנסירט די דאָזיקע השפּעות.

די נבואה־באַוועגונג טרעט אַרײַן אין אַן אידעאָלאָגישן קריזיס, זי גײט אַראָפּ אויף אַ צײַט פֿון דער איבערפֿלאַך פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, פֿאַרנעמט זיך מיט דעם איבערשאַצן און מיט דעם פֿאַרטיפֿן אירע אידעען, זי פֿירט אונטער דעם סך־הכּל צו די פּאָליטישע נסיונות. זי האָט נאָך ניט קײן נײַע וועגן פֿאַר דער פּראַקטישער מלוכה־פּאָליטיק, אָבער אײנס איז שוין זיכער, אַז די מלוכה־שפּאַלטונג און דערהויפּט די איזאָלאַציע אַלס איר רעזולטאַט — איז אַ פּאָליטישער טעות, פֿון וועלכן מען דאַרף זיך באַצײַטנס אָפּזאָגן. מיט דעם באַגרענעצט זיך איצט די טעטיקײט פֿון די געצײלטע נביאים.

דער נביא פֿון יהודה, וואָס איז געקומען קײן בית־אל צום רעליגיעזן יום־טובֿ, געפֿינט דעם נײַעם קיניג און מלוכה־גרינדער בעת ער ברענגט פֿײַערלעך זײַן קרבן. ער וויל דערמיט אונטערשטרײַכן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון דער אמונה מיט אַזאַ קראַפֿט און ערנסט, ווי דאָס האָט ביז אַהער קײנמאָל ניט געטאָן די דוד־דינאַסטיע.

און דער נביא טרעט אַרויס מיט שאַרפע ווערטער אַנטקעגן דעמדאָזיקן סעפּאַראַטיזם:

„מזבח, מזבח! אַזוי האָט געזאָגט יהוה: אַ זון ווערט געבאָרן ביי דער דוד־דינאַסטיע 1) און ער וועט שעכטן אויף דיר די כהנים פון די בערגלעך, און מענטשלעכע ביינער וועט מען אויף דיר ברענען". — דאָס וועט זיין די קומענדיקע שטראָף, וואָס דאָס צעפּונ־לאַנד וועט באַקומען פאַר זיין סעפּאַראַטיזם.

ירבעם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און האָט געוואָלט כאַפּן דעם רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אָנגעפאַלן פאָרמעל אויף די פאָרשטייער פון קולט און האָט געמיינט דער עיקר צו טרעפן דעם קיניג. נאָר די לעגענדע דערציילט, אַז די אויסגעשטרעקטע האַנט איז אים תיכּף פּאַראַליזירט געוואָרן, ביז ער האָט זיך ניט אַנטשולדיקט פאַרן נביא.

אָבער אויב דער נביא פון יהודה פאַרבאַהאַלט זיין אייגענעם נאָמען און רעדט צום קיניג אין אַ פאַרשטעלטן לשון, קלינגען גאַנץ אַנדערש די ווערטער פון אַלטן בלינדן אחיה.

אין אַלטן חרובן שילה זיצט איינזאַם דער אידעאָלאָגישער אָנפירער פון אויפשטאַנד — אחיה. ער הערט פונדערווייטן וועגן דעם גלאַנץ פון גאָטעסדינסט אין בית־אל; ער ווייס, אַז אין די אפרים־בערג אַרום שילה לאָקערן ירבעמס אָנהענגער נאָך יעדן, וואָס גייט קיין יהודה־לאַנד; ער פאַרשטייט, אַז ירבעמס ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק פירט דאָס לאַנד צום אונטערגאַנג. ער לעבט איבער אין האַרצן אַ טראַגישע אַנטוישונג אין דעם, פאַר וואָס ער האָט געקעמפט. ער קאָן נאָך, אפשר, ניט באַגרייפן, אַז דאָס, וואָס קומט פאָר, איז אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון דער מלוכה־שפּאַלטונג, אים איז

1) די ווערטער „און יאשיהו איז זיין נאָמען" זיינען, פאַרשטייט זיך, אַ שפּעטערדיקע הוספה.

שווער צו מודה זיין, אַז זיין פּאָליטישער קוק איז געווען פאַלש. ער לײַדט און שווייגט ביז אַ צופאַל רייסט ניט אַרויס קיין שטור־מישע ווערטער פון זיינע פאַרחתמעטע ליפּן, — ווערטער, אין וועלכע עס פילט זיך דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון זיין יוגנט

„אין יענער צייט — דערציילט דער קיניגלעכער כראָניקער — איז אביה, ירבעמס זון, קראַנק געוואָרן. און ירבעם האָט געזאָגט צו זיין ווייב: „נעם, גיי, פאַרשטעל זיך, מען זאָל ניט וויסן, אַז דו ביסט ירבעמס ווייב. גיי קיין שילה, דאָרטן איז אחיה דער נביא. ער האָט דאָך געזאָגט וועגן מיר, אַז איך וועל זיין אַ קיניג איבער דעמדאָזיקן פאָלק. נעם מיט זיך צען ברויטן... און אַ פלאַש מעד, און קום צו אים, ער וועט דיר זאָגן, וואָס עס וועט פּאַסירן מיטן קינד".

„און עס האָט אַזוי געטאָן ירבעמס ווייב, און זי האָט זיך געלאָזן און איז אַוועק קיין שילה, און איז געקומען צו אחיהס שטוב, אָבער אחיה האָט זי ניט געקאָנט זען, ווייל זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פון אַלטקייט".

„און יהוה האָט אָנגעזאָגט אחיהן: אָט קומט צו דיר ירבעמס ווייב צו פרעגן ביי דיר וועגן איר זון, וואָס איז קראַנק, אַזוי און אַזוי זאָג איר".

„און ווען זי איז אָנגעקומען, האָט זי זיך פאַרשטעלט. אָבער ווען אחיה האָט דערהערט דעם קול פון אירע טריט ביים אַריינ־גאַנג, האָט ער געזאָגט: „קום, ירבעמס ווייב! וואָס פאַרשטעלסטו זיך? איך בין צו דיר געשיקט געוואָרן שווער. גיי זאָג ירבעמען: „אַזוי האָט געזאָגט יהוה, ישראלס גאָט: ווייל איך האָב דיך דער־הויבן פון פאָלק און געמאַכט פאַר אַ געוועלטיקער איבער מיין פאָלק ישראל, און האָב אָפּגעריסן די מלוכה פון דודס דינאַסטיע און איבערגעגעבן זי דיר; אָבער דו ביסט ניט געווען, ווי דוד מיין קנעכט, וואָס האָט געהיט מיינע געבאָטן און געגאַנגען נאָך

מיר מיט זיין גאַנצן האַרצן צו טאָן נאָר, וואָס עס איז גערעכט אין מיינע אויגן 1), נאָר דו האָסט געטאָן ערגער פֿון אַלע, וואָס זיינען געווען פֿאַר דיר... דעריבער ברענג איך שלעכטס אויף ירבֿעמס הויז... און איך וועל אויסראַמען ירבֿעמס הויז, ווי מען ראַמט אויס די מיסט ביזן דעק. ווער עס וועט שטאַרבן ביי ירבֿעמען אין שטאָט, וועלן אים עסן די הינט, און ווער עס וועט שטאַרבן אין פֿעלד, וועלן אים עסן די פֿייגלען פֿון הימל,—ווייל אַזוי האָט יהוה גערעדט. און דו לאָז זיך גיין אַהיים; ווען דו וועסט אָנקומען אין שטאָט, וועט שטאַרבן דאָס קינד, און גאַנץ ישׂראל וועט אים באַקלאָגן און באַגראָבן, דען נאָר ער אַליין וועט ביי ירבֿעמען צו קבֿר קומען, ווייל אין אים געפֿינט זיך עפּעס גוטס אַנטקעגן יהוה, ישׂראלס גאָט, פֿון גאַנצן ירבֿעמס הויז. און יהוה וועט זיך אויפֿשטעלן אַן אַנדער קיניג איבער ישׂראל, וועלכער וועט פֿאַרטיליקן ירבֿעמס הויז דעמאָזיקן טאָג און אפֿשר אַפֿילו איצט"...

דאָ זיינען אין פֿיל ערטער געוויס פֿאַראַן הוספֿות פֿון אַ שפּעטערדיקער צייט, אָבער דער עצם תּוך פֿון אחיהס אָפּאָזיציע אַנטקעגן ירבֿעמען איז בלי-ספֿק אַריכטיקער.

די נבֿיאה-באַוועגונג האָט זיך געשטעלט אָפֿן קעגן דער ווירטשאַפֿטלעכער פּאָליטיק פֿון דער מלוכה, און האָט געזוכט פֿאַר זיך נייע ראַדיקאַלע וועגן.

דיזאָזיקע שטילע און הויערנדיקע זוכעניש בילדן דעם טונקעלן עטאַפּ אין דער געשיכטע פֿון דער נבֿואה, וועלכער נעמט אַרום די צייט צווישן אחיה און אליהו (בערך אַ האַלבן יאָרהונדערט), ווען די נבֿואה גייט אַרויס פֿון איר אידעאָלאָגישן קריזיס.

1) די ווערטער וועגן דָודן, וואו ער ווערט ארויסגעשטעלט אלס איידעלער הערשער, זיינען, משמעות, א הוספה פון דער ביבל-צייט, ווען דאָס מלכים-בוך איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן.

7. די בני רֵכָב. דער צוריקפאַל אין פּרימיטיוון קאָמוניזם.

דער בעדואינישער לעבנס־שטייגער, וועלכער האָט געהערשט אין פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד פאַר דער ישראלשער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך נאָך געהאַלטן די גאַנצע צייט אין גלעד און אין די וויסטענישן פון דרומדיקן יהודה, וואו די נאַטור און די באַשעפטיקונג פון דער באַפעלקערונג (פי־צוכט) זיינען געווען גינסטיק פאַר אַ וואַנדער־לעבן. איצט, ווען די פּאָליטישע שפּאַלטונג און דער אומאיפהערלעכער בירגער־קריג האָבן רואינירט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון דער ערשטער קיניג־צייט, האָט זיך דער בעדואינישער לעבנס־שטייגער פון אַ טאַטואַך פאַרוואַנדלט פאַר פיל אין אַ אידעאַל.

דער גאַנצער אומגליק פון דער געזעלשאַפט, די גרונט־סיבה פון אַלע שפּאַלטונגען און סיכסוכים באַשטייט, ווי זיי האָבן געמיינט, ניט אין דעם שלעכטן פאַרטיילן פון דער ערד און אין דער שווערער שטייער־פּאָליטיק פון דער מלוכה, נאָר אין דער ערד־אַרבעט בכלל. זי האָט צוגעבונדן די מענטשן צו דער ערד און געמאַכט זיי פאַר איריג קנעכט, זי האָט ביי זיי אַרויסגערופן די הצטרכות אין אַ פאַרשטאַרקטן שוץ, וועלכער איז געווען ניט נאָך זייערע כוחות. בעת דער פרייער וואַנדערער איז שטענדיק גרייט איפצולייגן זיינע געצעלטן, אָנלאָדן זיי אויף די קעמלען און טרייבן ווייטער זיין שאָף, איז דער ערד־אַרבעטער אין זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער איצט געבונדן אין זיין פעלד און ווייַנגאָרטן. אַחוץ דעם איז ביים וואַנדערער ניטאָ קיין פּריוואַט־איגנטום. פון

דעם, וואָס עס פֿאַרמאָגט דער וואַנדערער=קאָלעקטיוו, גענישן אַלע זיינע מיטגלידער. דערצו זיינען זיינע באַדערפֿענישן נאָך קליין און באַשיידן, מען ווייס ניט פֿון קיין רייכע מותּרות, דערפֿאַר ווייס מען אויך ניט פֿון קיין ערנסטן הונגער. אויפֿן ערגסטן אופֿן איז שטענדיק גרייט דער אויסוועג: וואַנדערן ערגעץ אַנדערש וואו. ווען עמיצער באַפֿאַלט דעם וואַנדער=קאָלעקטיוו, זיינען אַלע דאָ אויפֿן אָרט, די פֿעלדער און וויינגערטענער איזאָלירן זיי ניט און זיי פֿאַרטיידיקן אַלע צוזאַמען זייער בשותּפֿישן פֿאַרמעגן, אין דער צייט, ווען יעדן ערד=אַרבעטער קומט אויס צו פֿאַרטיידיקן זיין פֿעלד באַזונדער.

כּדי אָבער מען זאָל קאָנען רואיק פֿאַרנעמען זיך מיט ערד=אַרבעט, מוז מען האַלטן ספּעציעלע מענטשן, וואָס זאָלן זיי מיט כּלי=זיין אין האַנט פֿאַרטיידיקן פֿון אַן אָנפֿאַל; עס ווערט נייטיק צו האַלטן מיליטער. אַ טייל מענטשן רייסן זיך אַזוי אָפּ פֿון דער ערד, און נישט נאָר וואָס זיי אַרבעטן ניט אַליין, נאָר זיי עסן אויף דעם ברויט, וואָס קומט אָן די אַנדערע שווער און געוואוינען זיך צו אַ פּאַראַזיטישן לעבן.

ניט געקוקט אויף דעם, גיט די ערד=אַרבעט מותּרות, און די מותּרות דינען אַלס יסוד פֿון בית=האַנדל. יעדער וויל זיך קויפֿן וואָס מער כּלים און קליידער. דער וואָס קאָן דאָס ניט דערגרייכן, שעצט זיך אומגליקלעך. דער וואָס קאָן מער קויפֿן, פֿילט זיך שטאַרקער און רייכער פֿון דעם אַנדערן — אַזוי קומט אויף די אומגלייכהייט.

און סיי דער גליקלעכער, סיי דער אומגליקלעכער באַגעגענען זיך איצט ביים וויין. דער ערשטער זוכט זיך פֿרייד און רוישנדיקע מאָלצייטן, דער צווייטער — צו פֿאַרשיכּורן זיך און פֿאַרגעסן זיינעליידן, פֿאַרדעקן מיטן נעפּל פֿון וויין זיין באַוואוסטזיין.

דעריבער האַלט זיך די סעקטע ביי דעם לעבנס־שטייגער, וועלכן עס האָט איר פֿאָרגעשריבן איר גרינדער:

„טרינקט ניט קיין ווײַן איר און אײַערע קינדער ביז אייביק.
בויט ניט קיין הײַזער און זייט ניט קיין קערנער, פֿלאַנצט
ניט קיין ווײַנגערטנער און זאָלן זיי ביי אײַך ניט זײַן, זיצט
נאָר אין געצעלטן אײַער גאַנצן לעבן, כּדי איר זאָלט
לאַנג לעבן אויף דער ערד, וואו איר וואוינט".

ווי פֿאַלש און ניט אויסגעהאַלטן פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט עס איז ניט געווען דיזאָזיקע באַוועגונג, וועלכע האָט געוואָלט ווי אָפּשטעלן די ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿון לאַנד און זוכן די לייזונג פֿון סאָציאַלן פּראָבלעם אין אַ אָפּגעשטאַנענעם און אָפּגעלעבטן געזעלשאַפֿטלעכן סדר, וואָס קאָן זיך קיינמאָל מער ניט אומקערן, — האָט זי אין דער אַטמאָספֿער פֿון בירגער־קריג און קלאַסן־סתירות אין שטאָט בפֿירוש געהאַט פֿאַר זיך אַזאַ באָדן. דאָס לאַנד איז געווען מיד פֿון דעם בירגער־קריג ניט ווייניקער ווי פֿון די פֿריערדיקע שווערע שטייערן, אין דער מאַסע האָט געלעבט נאָך אין פֿיל ערטער די נייגונג צו דעם פֿריערדיקן פּרימיטיוון לעבן, און די פֿאַרבעסערונג פֿון איר לאַגע אויפֿן וועג פֿון פּאָליטישן קאַמף איז געווען נאָך אומפֿאַרשטענדלעך ניט נאָר פֿאַר איר, נאָר אײַך גענוג נעפּלדיק פֿאַר די נביאים גופֿא.

אַזוי איז אַנטשטאַנען אין דער צײַט פֿון ירבעם דעם ערשטן, און אפֿשר נאָך אין סוף פֿון שלמהס מלוכה־צײַט, בעת עס האָבן זיך צערשט אויפֿגעדעקט די עקאָנאָמישע סתירות פֿון קיניגטום, די ספּעציעלע סעקטע פֿון די בני־רכב, וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער ערד־אַרבעט און פֿון ווײַן, און זיך אומגעקערט באַוואוסטזיניק צום אַלטן לעבנס־שטייגער.

אין זייער אָפּשאַצונג פֿון קיניגטום 1) און אין זייער באַציאונג צו די באַזיצנדיקע קלאַסן האָבן די פֿאָרשטייער פֿון דער סעקטע שוין פֿרי זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט די נביאים. זיי זיינען געווען די עלטסטע ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע גרופּע אין פֿאָלק, אויף וועלכער די נביאים האָבן זיך געקאָנט שטיצן. אָבער בשעת מיר באַטראַכטן די געזעלשאַפֿטלעכע אידעען פֿון די נביאים, מוזן מיר זיי שאַרף און ערנסט אָפּגרענעצן פֿון די רכבים, הגם זייערע וועגן האָבן זיך אויף אַ צייט צונויפֿגעטראָפֿן. די רכבים האָבן געשטרעבט צוריק צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, די נביאים האָבן געקוקט אין דער צוקונפֿט. פֿאַר די ערשטע איז געווען דער אידעאַל — אַ קליינע, אָפּגעזונדערטע, וואַנדערנדיקע געמיינדע, פֿאַר די צווייטע — אַ בליענדיקע געזעלשאַפֿט פֿון פֿרייע און גלייכע בירגער, וואָס איז געבויט דער עיקר אויף פּראָדוקטיווער ערד־אַרבעט. דערמיט דערקלערט זיך, אפֿשר, וואָס די שפּעטערדיקע פּאָליטישע נביאים האָבן אַזוי פֿאַרבנרייך און באַגייסטערט געשילדערט דעם פֿרייען ערד־אַרבעטער פֿון דער צוקונפֿט, דעם פֿילן געניסער פֿון זיין געזונטער פּראַצע, כדי דערמיט זיך אָפּגרענעצן פֿון דער אָפּגעשטאַנענער פּסיכיק פֿון די רכבים.

אין דער ערשטער צייט אָבער — אפֿשר אַפֿילו ביז דעם אויפֿטרעטן פֿון ע מ ו ס — האָבן די רכבים געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די נביאים. עס איז אַפֿילו מעגלעך, אַז אליהו האָט דירעקט געהערט צו דער סעקטע. אויף דעם ווייזט זיין אָפּשטאַמונג פֿון גלעד־לאַנד, און זיין לעבנס־שטייגער, וועלכער ווערט אויספֿירלעך באַשריבן דורכן ישראלשן כראָניקער.

ווען יהוא האָט מיטן הסכם פֿון דעם נביא אלישע אויסגעראָטן די דעספּאָטישע דינאַסטיע פֿון עמרי, האָט ער באַגעגנט

1) זע וועגן דער באַציאונג פֿון דער סעקטע צום אויפֿשטאַנד פֿון יהוא ווייטער.

יהונדבֿ, דעם אָנפֿירער פֿון דער סעקטע, און האָט אים געפֿרעגט, ווי מען פֿרעגט אַ פֿאָרשטייער פֿון אַ באַדייטנדיקער געזעלשאַפֿטלעכער גרופּע, וועגן זיין באַציאונג צו דער פּאָליטישער איבערקערעניש. און ווען יהונדבֿ האָט אים געגעבן זיין צושטימונג און איבערגעשטרעקט די האַנט, האָט דער זיגרייכער רעוואָלוציאָנער, וועמעס הענט זיינען נאָך געווען באַטריפֿט מיטן בלוט פֿון דער דינאַסטיע, אים אַרויפֿגענומען אויף זיין טריאומף-רייטוואָגן און איז מיט אים אַריינגעפֿאָרן קיין שומרון, וואו ער האָט נאָך פֿאַרענדיקט זיינע טעראָריסטישע מעשים.

ערשט נאָך אַ דויערנדיקער געזעלשאַפֿטלעכער עוואָלוציע און אונטער דער ווירקונג פֿון מעכטיקע פּאָליטישע געשעענישן, מיט וועלכע מיר וועלן זיך נאָך באַקאָנען אין די נאָענטסטע קאַפּיטלען, האָט די נבֿואה איינגאַנצן צעריסן מיט די ענגע סעקטאַנטישע השגות און זיך דערהויבן צו דער הייך פֿון אַ ראַדיקאַלער פּאָליטישער באַוועגונג, וועלכע איז אַרויס ווייט פֿון תּחום פֿון איר ענגן פֿאָטערלאַנד.

8. די רדיפֿות אַנטקעגן דער נבֿואה=באַוועגונג. אליהו.

(800 יאָר פֿאַר דעם קריסטל. חשבון).

אָפּגעזונדערט פֿון גאַנצן לאַנד, פֿאַרשלאָסן צווישן די וואַל־דיקע בערג און די ירדן=ברעגן איז געגאַנגען דאָס פּאַסטוכער־לעבן אין גלעד. ווי די פּאָליטישע פֿאַראייניקונג פֿון לאַנד דורך דער דוד=דינאַסטיע, אַזוי אויך איר שפּאַלטונג דורך ירבֿעמען האָט זיך דאָ ווייניק=וואָס אָפּגערופֿן אויפֿן אינעווייניקסטן לעבנס=שטייגער. די באַדערפֿענישן זיינען דאָ, אין דער שכנות פֿון מדבר, געווען דאָס רובֿ נאָך פּרימיטיווע. אויפֿהייבנדיק זיך אין פֿרילינג מיט אירע שאָף אין די בערג, פֿלעגט די פּאַסטוכער=פֿאַמיליע דאָרטן פֿאַרברענגען ביז די הייסע זומער=זון פֿלעגט ניט אויסטריקענען די גראָזן, דאַן פֿלעגט זי זיך אַראָפּלאָזן אין די באַשיצטע טאָלן נעענטער צום ירדן און צו זיינע ביי=טייכלעך, וואָס פֿליסן אַרויס פֿון די באַרג=קוואַלן.

אָבער פּאָליטיש האָט זיך דער אָפּגעשטאַנענער ישובֿ פֿון גלעד געניטיקט מער פֿון אַנדערע אין שוץ און פֿאַרטיידיקונג. פֿון צפֿון האָט ער זיך געגרעניצט מיט אַרמעאישע פּראָווינצן, אין דרום איז ער געווען נאָענט צו דער עמון=מלוכה, וועלכע האָט פֿון ציט צו ציט געפּרוּווט אָקופּירן דעם גלעד. יעדער דרוק פֿון אשור אויף דער מזרחדיקער און צפֿונדיקער גרענעץ פֿון דער אַרמעישער אשור אויף דער מזרחדיקער און צפֿונדיקער גרעניץ פֿון דער אַרמעאישער ברייטערן זיך איבער דער דרום=גרענעץ, קיין בשן און גלעד. און אַזוי אויך יעדער דרוק פֿון מצרים אויף די פֿעלקער, וואָס ביים

אראבישן מדבר, פלעגט ארויסרופן ביי זיי, און אויך ביי מואב און עמון, דעם נאטירלעכן דראנג קיין צפון איבער דער גרעניץ פון גלעד.

אין מזרח האט זיך אבער דער גלעד אראפגעלאזן צום פלאכן סירישן מדבר, וואס האט אפגעטיילט די צענטרען פון אשור, בבל און פרס פון די לענדער, וואס ביים מיטללענדישן ים. דער גלעד האט געדינט דעריבער פאר א טראנזיט-לאנד פאר האנדלס-קאראוואנען, וועלכע פלעגן דא אהין שאפן און וואל אויפקויפן די רייכע באלזאם-פלאנצונגען און געווירצן, מיט וועלכע דער גלעד האט געשמט. אין די באשיצטע באריקע געגנטן האבן זיך דעריבער פון פארצייטן אויסגעבויט שטעט אלס פונקטן פארן קאראוואנען-האנדל.

די אקופאציע פון גלעד דורך די ישראל-שבטים איז פארעכנט געווארן שוין אין דער אלטער ליטעראטור, אלס אן ערשיינונג פון גרויסער ווירטשאפטלעכער באדייטונג, און דער ערשטער אפמאך, וועלכן די אקופאנטן האבן געשלאסן מיט די איבעריקע מאסן, וואס האבן זיך קאלאניזירט אויפן אנדער ברעג ירדן, איז באשטאנען אין דעם, אז זיי זאלן זיי פארטיידיקן אין דער צייט פון געפאר. פונדעסטוועגן איז דעם גלעד אויסגעקומען א לאנגע צייט פארטיידיקן זיינע גרענעצן מיט אייגענע כוחות. שפעטער, אין סוף פון דער אזוי גערופענער שופטים-צייט, האט א שענדלעכער אנפאל פון נחש, דעם קיניג פון עמון, אויפן גלעד ארויסגערופן די גלענצנדיקע ארייגמישונג פון די פאראייניקטע ישראלשע שבטים אונטער דער אנפירונג פון שאול.

פון דאן אן איז דעם גלעד, וועלכער האט זיך ווירטשאפטלעך פארבונדן מיטן צענטער פון לאנד, געשענקט געווארן פיל אויפמערקזאמקייט. פארנעמענדיק א ריי ערפאלגרייכע מלחמות אנטקעגן

ארם און עמון, האָט די דורשע דינאַסטיע זיך געשטעלט מיט אַ פעסטן פוס אין דעמדאָזיקן גרענעץ־לאַנד.

יענע מלחמות האָבן, קאָנטיק, אָבער אויך אַריינגעטראָגן נייע שטריכן אין דעם פרימיטיוון לעבנס־שטייגער פון גלעד. בשעת די דאָזיקע מלחמות זיינען ווי אומעטום די פאַסטוכער און פויערים פון דעם מלחמה־געביט פאַראָרעמט געוואָרן, און די העכערע מי־ליטערישע פירער צוזאַמען מיט די פאַרמעגלעכע אָרטיקע משפחות האָבן אַריינבאַקומען גרויסע נחלאות, וואו זיי האָבן אָדער פונאַנ־דערגעפירט יענע אינטענסיווע פי־צוכט, מיט וועלכער דער גלעד האָט זיך שפעטער אויסגעצייכנט, אָדער זיי האָבן געזייט אין זייערע פעלדער באַלזאַם־פלאַנצן און געווירצן, וועלכע פלעגן אויסגעקויפט ווערן דורך די קאַראַוואַנען. עס איז דאָ ווי אומעטום געוואַקסן פון איין זייט די רייכקייט פון ווייניקע, און די אָרעמקייט און באַדרי־קאָזיקייט פון דער מאַסע.

צו די אַלגעמיינע סיבות זיינען דאָ צוגעקומען נאָך אָרטיקע, ספעציעלע. די באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין פראָצעס פון עקאָ־נאָמישער אַנטוויקלונג געוואָלט און געמוזט איבערגיין צו ערד־אַרבעט, האָט דאָ ניט געפונען פאַר זיך גענוג ערד, וואָס זאָל טויגן צו זריעה און האָט געמוזט, — אויף וויפל זי האָט ניט געקאָנט איבערגיין צו אינטענסיווע אַרבעטס־פאָרמען, — אָפרייסן זיך פון דער ערד און ווערן סאָציאַל עלנט.

פון צווייטן זייט האָט דער גלעד, אַלס איזאָלירטע געגנט, קאָנטיק, געדינט פון פריע צייטן אָן, אַן אָרט, וואוהין עס פלעגן לויפן פאַרברעכער פון צענטער, און וואוהין די מלוכה פלעגט פאַר־שיקן די אומוויליקע רוצחים. — דאָס אַלץ האָט זיך געדאַרפט אָפ־רופן אויפן לעבנס־שטייגער פון לאַנד.

אונז פעלן דורכאויס פרטים. מיר הערן נאָר שפעטער, אין דער צייט פון די גרויסע נביאים, פאַראיינצלטע ווערטער פון שאַר־

פֿער קריטיק אַנטקעגן גלעד, אין וועלכע עס ווערט גערעדט וועגן דער פֿרעמדן־הערשאַפֿט, וועגן דעם, אַז דער „גלעד איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט, אַז ער איז אַ פֿעסטונג פֿון אומרעכט־טוער“.

אין דעמדאָזיקן גלעד, דעם לאַנד פֿון נאַטור־קאָנטראַסטן און כאָציאַלע קאָנפֿליקטן, פֿון פּרימיטיוון פּאַסטוכער־לעבן און פֿון קאָמפּליצירטע פּאָליטישע גרענעץ־אינטערעסן, איז געוואַקסן און האָט געלעבט דער, וואָס האָט דורך דידאָזיקע סתירות אַרויסגעפֿירט די נבֿואה־באַוועגונג פֿון איר קריזיס, באַפֿרייט זי פֿון אירע קאָמפּראָמיסן, אויף וועלכע זי איז גרייט געווען צו גיין די ערשטע צייט פֿון ירבֿעמס הערשאַפֿט, און האָט זי אַרויסגעפֿירט אויפֿן וועג פֿון אָפֿענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דאָס איז געווען אליהו, דער פֿיל־באַזונגענער, לעגענדן־רייכער, דער פֿאַראייביקטער טרעגער פֿון נבֿיאישן פֿייער. אויף די פֿייערדיקע פֿערד, אויף וועלכע די לעגענדע האָט אים אַרויפֿגעזעצט, טראָגט ער זיך פֿון דור צו דור, אין משך פֿון טויזנטער יאָרן אַלס דער פֿאָנען־טרעגער פֿון משיח־קיניג, אַלס דער, וועמעס שופֿר־בלאָזן פֿון שפּיץ כרמל־באַרג דאַרף איבער אַלע לענדער און ימים אָנזאָגן דעם חורבן פֿון דער אַלטער וועלט, דאָס אָנקומען פֿון משיחס צייטן, וואו אונטערן שופֿר־גערויש פֿון דער יריחו־שלאַכט קראַכן די שטאָט מויערן, וואו בײַם יובֿל־שופֿר גייען אַרויס פֿריי די פֿאַרקויפֿטע קנעכט.

נאָר אַרום אַ גרויסער פּערזענלעכקייט, וואָס עפֿנט אַ נײַע עפּאָכע פֿון קאַמף, האָט געקאָנט זיך אויפֿוועבן אַ בלומען־קראַנץ פֿון אַזעלכע אומגעוויינלעך־דערהויבענע שיינע לעגענדעס. די לעגענדעס אָבער דערהויבן, און פֿאַראיינס פֿאַרווישן זיי דעם היסטאָרישן פּרצוף פֿון באַזונגענעם העלד. אונז אָבער אינטערעסירט דער היסטאָרישער אליהו, דער רעוואָלוציאָנער און פּאָליטיקער, ווי ער האָט

געלעבט אין אחאבס צייטן, אין די טעג פון דעספאָטיזם און פּאָליטישן טעראָר.

דער שווערד פון אחאב איז געווען רייך אָנגעזאַפּט מיט נביאישן בלוט. דאָס קיניגטום האָט זיך גענומען אָפּרעכענען מיט די נביאים, וועלכע האָבן איצט שאַרף געביטן זייער באַציאונג צו אים. דערצו האָט אַן אַקטיווע ראָל אין די רדיפות אויף די נביאים געשפּילט די קיניגין איזבל, די טאָכטער פון פיניקישן קיניג אתבעל, וועלכע האָט געווים פאַרשטאַנען, אַז דער נצחון פון די נביאישע אידעען וואָלט באַטייט ניט נאָר דעם אונטערגאַנג פון אחאבס דינאַסטיע, נאָר אויך דעם סוף פון דער פיניקישער השפעה אין לאַנד, — דער השפעה, וועלכע האָט זיך אייגנטלעך סימבאָליזירט דורך איר פאַרבינדונג מיטן ישראלשן קיניג.

דער פּאָליטישער טעראָר כאַפּט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד. אַ גאַנצע נעץ פון קיניגלעכע שפּיאָנען און הענקער לויערן איבער די שטעט און דערפער, כדי אויסצוזוכן די אָנהענגער פון דער נביאישער באַוועגונג און אומצובריינגען זיי פון דער וועלט.

באַזונדערס האָט דער קיניג ניט געקאָנט רוען, זינט עס האָט זיך געוויזן אין לאַנד דער גרויסער נביא פון גלעד מיטן האָריקן מאַנטל און פעלענעם גאַרטל, וואָס האָט מיט זיין אויסזען און מיט זיינע שאַרפע רייד. אָנגעוואָרפן אַ שוידער אויף די איינוואוינער פון שומרונס פּאַלאַצן.

די פריערדיקע נביאים האָבן זיך נאָך צום טייל געוואַקלט אַריבערצוטרעטן אָפן אַנטקעגן דער דינאַסטיע. געפערלעכער פון זיי אַלעמען איז געווען דער קאַטעגאָרישער און שטרענגער אליהו, וועלכער איז ניט געגאַנגען אויף קיין קאָמפּראָמיסן מיט זיינע פּאָליטישע קעגנער.

דער קיניג האָט אין בלוט פאַרטרינקען די נביאישע באַוועגונג. אליהו האָט אָבער אויסגעמיטן זיין האַנט.

דער קיניג האָט געוואוסט, אַז די נביאים באַהאַלטן זיך אין די היילן, וואָס אין די בערג און האָבן זייערע געהיימע אָנהענגער, האָט ער פאַרשוואָרן אַלע איינוואוינער פון די שטעט און דערפער, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן אליהון, דראָענדיק מיטן טויט די, וואָס וועלן אים העלפן אויסמיידן די שטראָף.

די נבואה־באַוועגונג האָט אָבער געהאַט אירע געהיימע אָנהענגער אויך אין קיניגלעכן הויף. דער קאָמענדאַנט פון פאַלאַץ, עובדיה, האָט, ניט געקוקט אויף די הונגער־יאָרן, אויסגעהאַלטן פון די קיניגלעכע שפייכלערס הונדערט אָנהענגער פון דער נבואה־באַוועגונג, וועלכע ער האָט באַהאַלטן אין צוויי היילן, און האָט זיי געראַטעוועט פון די הענט פון דער בלוטיקער רעאַקציע, וועלכע איז פאַרשאַרפט געוואָרן דורכן אומגעווייגלעכן הונגער.

עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז עס האָט געפעלט שפייז פאַר די קיניגלעכע פערד.

„און אחאב האָט געזאָגט צו עובדיהן: גיי איבערן לאַנד, צו אַלע וואַסער־קוואַלן און טייכן, אפשר וועט זיך געפינען גראָז, וועלן מיר אויפהאַלטן דעם לעבן די פערד און מויל־אייזלען. און זיי האָבן זיך צעטיילט צווישן זיך דאָס לאַנד אויף דורכצוגיין. אחאב איז געגאַנגען אין איין וועג אַליין און עובדיה איז געגאַנגען אין צווייטן וועג אַליין".

„עובדיה איז געווען אין וועג, ערשט עס קומט אים אָן אַנטקעגן אליהו. ער האָט אים דערקאָנט און איז געפאַלן אויפן פנים און האָט געזאָגט: ביסטו עס מיין האַר אליהו? און יענער האָט אים געענטפערט: „איך! גיי זאָג דיין האַר: אָט איז אליהו! האָט ער געזאָגט: מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, וואָס דו גיסט איבער דיין קנעכט אין אחאבס האַנט, ער זאָל מיך [1] טויטן.

1) אַנשטאָט „מיך" דאַרף מען לייענען דיך. דער טרייער אָנהענגער פון דער נבואה קאָן ניט אַרויסריידן פון זיין מויל וועגן דער טויט־געפאַר פאַר דעם נביא.

בײַם לעבעדיקן יהוה דײַן גאָט, — עס איז ניטאָ קײן פֿאָלק און לאַנד, וווּהין עס האָט ניט געשיקט מײַן האַר דיך דאָרטן צו זוכן און מען האָט אַלץ געענטפֿערט — ניטאָ. און ער האָט פֿאַרשוווירן דאָס לאַנד און דאָס פֿאָלק, אַז ער וועט דיך געפֿינען.... און דו ווייסט דאָך, וואָס איך האָב געטאָן, בשעת איזבל האָט אויסגעהרגעט יהוהס נביאים, ווי איך האָב באַהאַלטן הונדערט מאַן פֿון יהוהס נביאים אין אַ הייל און זיי געשפּײַזט מיט ברויט און וואַסער; און איצט זאָגסטו מיר: גײ און זאָג דײַן האַר: אָט איז אליהו. ער וועט מיך 1) דאָך טויטן".

„אָבער אליהו האָט געזאָגט: בײַם לעבעדיקן יהוה־צבֿאות, וועלכן איך האָב געדינט, אַז הײַנט וועל איך זיך אים ווײַזן".

און עובֿדיה איז אַרויס אַנטקעגן אחאָבן און האָט אים דערציילט. איז אחאָבֿ אַרויס אַנטקעגן אליהון".

„און ווען אחאָבֿ האָט דערזען אליהון, האָט ער צו אים געזאָגט: ביסטו דאָס דער באַשווינדלער פֿון ישׂראל?! אָבער יענער האָט געענטפֿערט: ניט איך האָב באַשווינדלט ישׂראל, נאָר דו"!....

און ער איז געקומען צום כּרמל־באַרג, האָט אײַנגעקליבן דאָס פֿאָלק און האָט גערעדט פֿאַר אים, און האָט דיסקרעדיטירט פֿאַרן פֿאָלק דן בעל־„נבֿיאים", די טרײַע דינער פֿון דעם דעספּאָטישן קיניג. און ווען ער האָט דערפֿילט, אַז די מאַסע איז אויף זײַן זײַט, האָט ער געגעבן אַ צײַכן זײַנע געהיימע אָנהענגער און זײ זײַנען באַפֿאַלן די בעל־„נבֿיאים" און האָבן אויסגעשאָכטן פֿיר הונדערט און פֿופֿציק מאַן.

און אויפֿן הימל, וועלכער האָט ניט גערעגנט אין יענעם הונגער־יאָר לאַנגע חדשים, אַזוי אַז דאָס גראָז איז אומעטום פֿאַרברענט געוואָרן, האָט זיך, לויט דער לעגענדע, פּלוצלונג באַוויזן אַ וואָלקן, און אַ גוס־רעגן האָט אָראָפּגעשווענקט דאָס בלוט פֿון די פֿאָלקס־פֿאַרפֿירער.

דער קיניג, וועלכער איז אויך געווען דערבײַ, איז געבליבן אומבאַרירט דורכן פֿאָלקס־צאָרן; צעמישט האָט ער געלאָזט יאָגן זײַן רײַטוואָגן קיין יזרעאל, צו ראַטעווען זיך פֿון דער נביאישער נקמה און איז אַרײַן אין די שטאָט־טויערן צוזאַמען מיטן טריאומפֿירנדיקן נביא, וועלכער האָט זיך אין רעגן, ווי אַ לײַב, געטראָגן איבערן יזרעאל־טאָל.

אַזוי האָט אליהו אָפּגערעכנט זיך פֿאַרן פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון די נביאים, האָט איבערגעריסן דעם פּאָליטישן טעראָר דורך זײַן קעגן־טעראָר און האָט ווייניקסטנס אַ טייל פֿון פֿאָלק, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן דעספּאָטיזם און צווישן דער נבואה, צווישן בעל און צווישן יהוה, אַרויסגעפֿירט אויף אַ קלאָרן וועג. דער פּאָליטישער רעאַקציע איז געגעבן געוואָרן אַן ערנסטער שלאָג.

דאָס איז אָבער געווען נאָר אַן אָנהייב. אחאב האָט זיך אויף איין אויגנבליק צעמישט. אָבער די דעספּאָטישע איזבל און די הויף־לײַט האָבן אים אונטערגעהאַלטן און ער איז מיט מער קראַפֿט און צאָרן אַרויסגעטראָטן איצט אַנטקעגן אליהון, וועלכער האָט איצט געמוזט לויפֿן קיין יהודה, וואו אים איז אויסגעקומען צו לײַדן הונגער און נויט און וואו זײַן שטורמישער גײַסט האָט ניט געפֿונען קיין רו, ביז ער האָט זיך ניט באַשלאָסן אומקערן זיך צוריק קיין יזרעאל און ווײַטער אַרויסצוטרעטן עפֿנטלעך אַנטקעגן דעם קיניג.

דער באַשלוס איז בײַ אים צײַטיק געוואָרן אין יענע שטילע נעכט, וועלכע ער האָט, אַ פֿאַרשמאַכטער פֿון הונגער און וואַנדערונג, פֿאַרבראַכט אין מדבר, אין אַ הייל, בײַם געטלעכן באַרג חורב, וואו עס איז דאָ צײַטיק געוואָרן פֿאַרצײַטן די ערשטע לעגענדן־רײַכע געזעצגעבונג פֿון משה.

עס זײַנען געווען מינוטן, ווען עס האָט אים זײַן לעבן דערעסן. ער איז געבליבן דער איינציקער נביא אין ישראל־לאַנד נאָך

די בלוטיקע טעג פון טעראָר, ער איז געווען הונגעריק און מיד און אויף יעדן טריט האָט אים נאָכגעלויערט די שווערד פון גע־דונגענע מערדער. ער האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט. נאָר דער באַוואוסטזיין פון דער ניט־פאַרענדיקטער אויפגאַבע האָט אים געגעבן כוח צו ליידן און צו קעמפן. אַ בילד פון דער מדבר־נאַטור האָט אים געדינט אַלס סימבאָל, אַלס ביישפיל.

„גיי אַרויס און שטעל זיך אויפן באַרג פאַר יהוהן. אָט גייט יהוה פאַרביי, און אַ גרויסער מעכטיקער ווינט גייט פאַר אים, וואָס שמעטערט בערג און ברעכט פעלזן — ניט אין ווינט איז יהוה. און נאָכן ווינט — אַ שטורעם. ניט אין שטורעם איז יהוה. נאָכן שטורעם — אַ פייער. ניט אין פייער איז יהוה. און נאָכן פייער — אַ פולשטענדיקע שטילקייט. און אליהו האָט זיך איינגעהערט, האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין קלייה און זיך געשטעלט ביים אַריינ־גאַנג אין הייל. ערשט אַ קול רופט צו אים: וואָס האָסטו דאָ צו טאָן, אליהו?! גיי און קער זיך אום אין דיין וועג, און זאַלבּ הוזאלן פאַר אַ קעניג אין ארם, יהוא בן נמשי פאַר אַ קעניג איבער ישראל און אלישע בן שפט פאַר אַ נביא אויף דיין אָרט“.

אין שטילע, אויסגערעכנטע, ראַדיקאַלע פּאָליטישע טריט האָט ער געפונען דעם שליסל צו דער צוקונפט. ער האָט ניט גע־טאָרט אַראָפּ פון סצענע ניט ליקווידירנדיק די הערשאַפט פון דער עמרישער דינאַסטיע, ניט איבערגעבנדיק דעם פייער פון זיין רע־וואָלוציאָנערן גייסט דעם, וועמען עס וועט אויסקומען צעגיסן אים ווייטער אין מעכטיקע שטראָמען איבערן פאַרקנעכטעטן לאַנד און צוגרייטן דעם באָדן פאַר די גרויסע פּאָליטישע נביאים, וואָס וועלן קומען נאָך אים.

אלישע האָט געדאַרפט ווערן דער אידעאָלאָגישער יורש פון אליהו. אין דער שטיל פון דער פּויערשער סביבה, אויפן היימישן פעלד פון זיין פאָטער, אין דעם גלילישן דאָרף איז געוואַקסן זיין

רעוואָלוציאָנערער גייסט. און ווען אליהו איז געגאַנגען צוריק קיין יזרעאל, האָט ער זיך צו אים באַהעפֿט.

„ער איז פֿון האַרטן אַוועקגעגאַנגען און האָט געפֿונען אלישע בן שפֿט ביים אַקערן. צוועלף פּאָר אָקסן גייען פֿאַר אים און ער איז ביים צוועלפֿטן פּאָר. האָט ער אַוואָרף געטאָן צו אים זיין קלייד. האָט יענער פֿאַרלאָזן די אָקסן און איז געלאָפֿן נאָך אליהון, און האָט געזאָגט: „איך וועל זיך נאָר צעקושן מיט פֿאָטער און מוטער און וועל גיין נאָך דיר". האָט ער צו אים געזאָגט: גיי און קער זיך אום, וואָס האָב איך דען דיר געטאָן?!" האָט יענער זיך פֿון אים אָפּגעקערט, האָט גענומען די אָקסן־פּאָר און האָט זיי געשאָכטן און אויפֿן אָקסן־געשפּאַן האָט ער אָפּגעקאָכט דאָס פֿלייש, האָט געגעבן דעם פֿאָלק און זיי האָבן געגעסן. און ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַוועק נאָך אליהון און האָט אים באַדינט".

איצט איז ער שוין ניט געווען מער איינזאַם, איצט האָט ער געקאָנט וואַרפֿן זיין בליק אויף דער צוקונפֿט. מיט אים איז געווען אלישע, זיין גייסטיקער יורש. ער איז געגאַנגען קיין יזרעאל, אַרויסצוטרעטן צום לעצטן מאָל אָפֿן אַנטקעגן דער דינאַסטיע.

גאַנץ גיך האָט זיך אים געטראָפֿן אויך אַ פּאַסיקער מאָמענט:

ניט ווייט פֿון אחאבס פּאַלאַץ אין יזרעאל איז געווען אַ וויינ־גאָרטן, וואָס האָט געהערט צו אַ ישׂראלישן בירגער נבֿות. האָט אחאבֿן זיך פֿאַרוואָלט דער וויינגאָרטן, און ער האָט צו אים געזאָגט: „גיב מיר דיין וויינגאָרטן און ער וועט מיר זיין פֿאַר אַ גרינס־גאָרטן, ווייל ער איז נאָענט צו מיין הויז. איך וועל דיר געבן אָנשטאָט אים אַ בעסערן וויינגאָרטן, און אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן געלט, וויפֿל ער איז ווערט". נבֿות האָט אים אָבער געענטפֿערט: „באַהיט גאָט, איך זאָל דיר אָפּגעבן די ירושה פֿון מיינע עלטערן"?

דער כאַראַקטער־שוואַכער אחאבֿ איז געוואָרן אומעטיק און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שלעכטער שטימונג. נאָר דאָ האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן די גרויזאַמע און פֿאַלשע איזבֿל. זי האָט צו אים געזאָגט: „אַזוי וועסטו זיך מאַכן איצט אַ הערשאַפֿט איבער ישראל?! גיי, עס דײַן ברויט און לאָז דיך וואויל גיין, איך וועל דיר געבן נבֿותעס ווײַנגאָרטן“.

און זי האָט פֿונאַנדערגעשיקט בריוו די קיניגלעכע באַאַמטע און ריכטער, האָט באַפֿוילן באַשטימען אַ פֿאָלקס־תּענית, אויפֿרופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג און אַוועקזעצן נבֿותן אויבן־אָן. און זי האָט געדונגען פֿאַלשע עדות, וואָס זײַנען געקומען פֿאַר דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג און האָבן עדות־געזאָגט, אַז נבֿות האָט געשאָלטן גאָט און דעם קיניג. און מען האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט און אַרויסגעפֿירט הינטערן שטאָט און פֿאַרוואָרפֿן מיט שטיינער.

ווען מען האָט איזבֿלן אָנגעזאָגט, אַז נבֿות איז שוין פֿאַרשטיינט געוואָרן, האָט זי געזאָגט צו אחאבֿן: „איצט גיי ירשן נבֿותעס ווײַנגאָרטן, וועלכן ער האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן פֿאַר געלט, ווײַל נבֿות לעבט שוין מער ניט. ער איז געשטאָרבן“.

דער שוואַכזיניקער אחאבֿ, באַהאַלטנדיק זיך הינטער זײַן דעס־פּאָטישער פֿרוי, איז אַוועק אין נבֿותעס ווײַנגאָרטן, אָבער דאָ צווישן די ווײַנשטאָקן, האָט זיך פֿאַרן קיניגלעכן טייגעניכטס, וואָס קויפֿט זיך באַקוועמלעכקייטן פֿאַרן פּרײַז פֿון מענטשלעכע בלוט, געוויזן דער רעוואָלוציאָנער פֿון גלעד און האָט געזאָגט: „דו האָסט באַגאַנגען אַ מערדערײַ און דו ווילסט נאָך ירשנען?! אַזוי האָט געזאָגט יהוה: אין דעם אָרט, וואו די הינט האָבן געלעקט נבֿותעס בלוט, וועלן זיי לעקן אויך דײַן בלוט... און אויך איזבֿלן וועלן עסן די הינט אין פּאַלאַץ פֿון יזרעאל. ווער עס וועט שטאַרבן בײַ אחאבֿן אין שטאָט, וועלן אים עסן די הינט און ווער עס וועט שטאַרבן אין פֿעלד, וועלן אים עסן די פֿייגלען פֿון הימל“....

דאָס איז געווען, קאָנטיק, אליהוס לעצטער אַרויסטרעטן אין יזרעאל.

דער געשיכטע־שרייבער, וועלכער איז בכלל דורכגעדרונגען מיטן נביאישן גייסט, מיידט אומעטום אויס צו דערציילן אונז וועגן דעם טויט פון די איינצלנע נביאים. דעם נביאים טויט דאָס איז זיין ירידה, די אויסלעשונג פון געטלעכן פונק, וואָס אין אים. שטיל גייען זיי אַראָפּ פון דער געזעלשאַפטלעכער סצענע נאָך יאָרן פון קאַמף. נביאים גייען אַוועק, די נביאישע באַוועגונג גייט ווייטער.

נאָר איין אליהו, דעם נביא פון שטורעם און דראַנג, האָט די נביאישע לעגענדע פאַר קיין פאַל זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן מיט אַפּגעבלאַסטע שטומע ליפּן, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט. שפּאַלטנדיק דעם ירדן מיט זיין נביאישן קליה און אַריבערגייענדיק אויפן היימישן ברעג, וואו עס הערהייבט זיך דאָס גלעדישע הויכלאַנד, האָט ער זיך אויף פייערדיקע פערד און אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן אויפגעהויבן פון דער ערד, און לעבט אייביק אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק. זיין וועג איז געבליבן ניט פאַרענדיקט, ער איז דער נביא פון אַלע דורות.

נאָך אים האָט אלישע בן שפט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער נבואה־באַוועגונג. ביים ירדן, וואו ער האָט זיך געזעגנט מיט אליהו, זיינען מיט אים שוין געווען פופציק יונגע־נביאים, צווישן זיי אפשר אויך דער, וועלכער איז געווען באַשטימט צו אויסראָטן די דינאַסטיע פון עמרי — יהוא בן נמשי.

אלישע איז געווען אליהוס אידעאָלאָגישער יורש. אָבער זיין טעמפּעראַמענט איז געווען אַ פּיל רואיקערער און געשטעלטער. די צייט פון פּאָליטישן טעראָר איז שוין אַריבער. ביי גינסטיקערע באַציאונגען האָבן די נביאים געקאָנט פירן זייער טעטיקייט, וועלכע האָט אַלין מער באַקומען אַ ריין פּאָליטישן כאַראַקטער.

אלישע פֿאַרנעמט זיך שוין פּראַקטיש מיט פֿראַגן פֿון אינ־טערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. און הערצוגן אין אליהוס שול, איפּ־געטריבן דורך אים אין די הויכענישן פֿון רעוואָלוציאָנערן גייסט, איז ער געוואָרן דערווירקלעכער פֿאָטער פֿון דער פּאָליטישער נבֿואה.

---

9. דער אָנגריף פֿון אַשורישן אימפּעריאַליזם. די גרויסע פּאָליטישע נביאים.

וואָס מער עס האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט די אויפֿשטאַנדן אַנטקעגן דעם אַשורישן אימפּעריאַליזם אין דרום, אין בבֿל און אין פּרס, אַלץ שטאַרקער האָט ער געפּרוּווט אַרויפֿטאָן זיין יאָך אויף די מערבֿ־לענדער, אויף קליין־אַזיע, אויף ארם און אויף פֿיניקיע. וואָס שווערער עס איז אים געוואָרן דער צוטריט צום פּערסישן ים, אַלץ ענערגישער האָט ער געוואָלט צו שטעלן זיך פֿעסט אויפֿן ברעג־לאַנד פֿון מיטללענדישן ים. אין דער צייט פֿון יואש און ירבֿעם דעם צווייטן האָט שוין דער אַשורישער אימפּעריאַליזם ניט באַנוגנט זיך מיט פּאַרטיזאַנישע אָנפֿאַלן אויף די קולטור־לענדער פֿון סוריא און קליין־אַזיע. תּגלת־פּלאסר דער דריטער (דער בבֿלישער פּול) האָט זיך פֿאַקטיש אונטערטעניק געמאַכט די דאָזיקע לענדער, (738 פֿאַרן קריסטלעכן צייט־חשבון), הגם ער האָט ביי זיי פֿאָרמעל נאָך ניט צוגענומען דעם לעצטן שיין פֿון פּאָליטישער זעלבּשטענדיקייט. דאָס ישראל־לאַנד האָט, קאָנטיק, דערווייל געליטן פֿון אשור ווייניקער פֿון אַנדערע לענדער; תּגלת־פּלאסר האָט זיך דערווייל באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך דורכגעשלאָגן צום ים אין אַרפּד און אין פֿיניקיע, אָבער ישראל האָט געמוזט שוין איבערלעבן אַ שווערן ווירטשאַפֿטלעכן קריזיס, ווייל ער איז געשטאַנען אין ענגע עקאָנאָמישע באַציאונגען צו זיינע צפֿונדיקע שכנים.

אַחוץ דעם איז געווען קלאָר פֿאַר יעדן רעאַלן פּאָליטיקער, אַז פֿריער אָדער שפּעטער וועט אַשור פֿאַרנעמען דעם גאַנצן ברעג־

פון מיטללענדישן ים, אז זיינע חילות וועלן זיך פון חרמון און לבנון אראָפּלאָזן אין דעם פרוכטבארן גליל און דערגיין שפעטער אפשר דורך די אפרים־בערג קיין יהודה־לאנד ביז צו עזה.

איצט איז פאר די נביאים קלאָר געוואָרן, אז די ישראלישע געזעלשאפט, וועלכע איז דעמאָראליזירט דורכן לוקסוס און פוילקייט פון די רייכע, דורך דער עלנט און קנעכטשאפט פון די אָרעמע, איז ניט מסוגל איינצוהאלטן דעם אשורישן אָנגריף, בפרט אז דער בירגער־קריג מיט יהודה האָט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט, און די מיליטערישע פארטיי און די כהנים פון די הייליקע שטעט האָבן העמדאָזיקן קאָנפליקט מיט יהודה קינסטלעך פונאנדערגעבלאָזן.

אָבער דער ערפאָלג פון אימפעריאליזם דערקלערט זיך דאָך אייגנטלעך דורך דעם, וואָס די קליינע מלוכות זיינען ניט נאָר פאראייניקט צוזאמען, כדי מיט שותפישע כוחות זיך צו פארטיידיקן אנטקעגן דעם אָנפאל פון אויסן, נאָר יעדער קליינע מלוכה ווערט אינעווייניק צעריסן און אָפּגעשוואכט דורך זיעם אומגערעכטן געזעלשאפטלעכן סדר, דורך די טיפע געזעלשאפטלעכע סתירות צווישן די הערשער און פאָלק.

די סאָציאלע אומגערעכטיקייט און אומגלייכקייט איז, משמעות, אן אלגעמיינע ערשיינונג פון אלע פעלקער, אן אלגעמיינע קללה. זי האָט געעפנט אומעטום דעם פאָליטישן פראָנט פארן אימפעריאליזם, זי האָט עס געמאכט, אז „קיין פייגל זאָל ניט פונאנדערשפרייטן זיינע פליגלען, זאָל ניט עפענען קיין מויל און שרייען“, אז אלע זאָלן אָן ווידערשטאנד זיך אונטערגעבן זיינע חילות.

און ניט נאָר אָן ווידערשטאנד אליין. דער אינסטינקט פון פאָליטישער צופאסונג רופט ארויס ביי די הערשנדיקע קלאסן אין יעדן לאנד די אָפענע נייגונג צו דער אשורישער קולטור און צום אשורישן קולט. מיטן פאָליטישן נצחון פון אשור זיגט דער

אשורישער בעל, ער באַווייטיקט די אָרטיקע קולטן, ער שטייסט אָפּ אָן אַ זייט די פֿיניקישע השפּעה, ווייל צוזאַמען מיט די פֿעלקער האָבן זיך פּאָליטיש קאָמפּראָמענטירט זייערע געטער. דער איינציקער מיוחס איז איצט אומעטום דער בעל פֿון אשור, אים דינען איצט געווידמעט אומעטום די רייכע טעמפּלען מיט זייער גלענצנדיקן גאָטעסדינסט, אים ברענגען די הערשנדיקע קלאַסן זייערע רייכע מתנות, אַלס אַ מין פּאָליטישן אויסקויף־געלט, און די סאָציאַלע סתירות צווישן זיי און צווישן דער פֿאָלקס־מאַסע ווערן נאָך בולטער און שאַרפֿער.

די עמפּערונג פֿון די נביאים גייט איצט אַרויס פֿון די גרעניצן פֿון זייער קליינער היים. צוזאַמען מיט די פֿאַראָרעמטע פּויערים פֿון יהודה און ישראל, וואָס ווערן פֿאַרקויפֿט פֿאַר קנעכט די רייכע מאַגנאַטן, צוזאַמען מיט די הונגעריקע אלמנות און יתומים, ביי וועלכע עס ווערט אָפּגעראַבירט דאָס לעצטע פֿעלד און די לעצטע שטוב, גייען דורך פֿאַר זיינע אויגן מחנות קנעכט פֿון פּרס, מדי, ארם, חמת, פֿיניקיע און אַנדערע לענדער, וועלכע טראָגן דעמזעלביקן שווערן יאָך, וואָס ווערן געצוואונגען צו בויען פֿעסטונגען און פּאַלאַצן פֿאַר זייערע הערשער; און זייער שטרעבן צו גערעכטיקייט, צו גלייכקייט, גייט אַרויס פֿון די ענגע גרעניצן פֿון זייער פֿאָטערלאַנד.

אין יזרעאל־טאָל און אין דער שפֿלה, אין די טויערן פֿון שומרון און ירושלים, אויף די מערק און קאַראַוואַנען־וועגן האָבן די נביאים מן־הסתם גערעדט ניט איינמאָל פֿאַר אַ אינטערנאַציאָנאַלער מאַסע פֿון כנענישע, אַראַמעישע, פֿיניקישע, פּערסישע, בבלישע און אַשורישע קאַראַוואַנען־הענדלער און האַנטווערקער. שוין אליהו און אלישע האָבן זיך ניט באַנוגנט מיטן ריין־פּלאַטאָנישן באַהאַנדלען דאָס פּאָליטישע לעבן פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, זיי האָבן געפּרוווט זיך פּראַקטיש אַריינמישן אין זייער גורל.

אויפֿדעקנדיק אין אַלגעמיינע, אָפֿט־נעפּלדיקע שטריכן די סאָ־לידאַריטעט צווישן די אונטערדריקטע פֿעלקער־מאַסן פֿון דער דאָ־מאָלסטיקער קולטור־וועלט, האָבן די נביאים געמוזט קומען צו דער פֿאָרשטעלונג וועגן אַן איינהייטלעכער אידעע פֿון גערעכטיקייט פֿאַר אַלע פֿעלקער. יהוה, דער מקור פֿון גערעכטיקייט, האָט פֿאַר זיי געדאַרפֿט אויסוואַקסן במילא אין אַ וועלט־גאָט, זייערע סאָציאַלע אידעען האָבן זיך אויסגעגאָסן אין דער פֿאָרם פֿון אַ סאָציאַלער רע־ליגיע מיט אַ אויסגעשפּראָכענעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אַזוי אַרום איז די עוואָלוציע פֿון די רעליגיעזע אידעען ביי די נביאים, אויף וועלכער עס שטעלן זיך אָפּ די טעאָלאָגן, אייגנטלעך אַ דירעקטער פּועל־יוצא פֿון דער עוואָלוציע פֿון זייערע סאָציאַלע אידעען, און די לעצטע איז אַרויסגערופֿן דורך דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פֿון אימפּעריאַליזם.

די ניט־גלייכקייט פֿון די פֿעלקער אויף דער וועלט־אַרענע זעט איצט די נביאים אויס ווי די ניט־גלייכקייט פֿון די קלאַסן אין יעדן איינציקן פֿאָלק באַזונדער. ווי דאָ, אַזוי דאָרטן האָבן מיר צו טאָן מיט לייבן און שעפּסן, וועלף און קעלבער, איינער לעבט מיטן בלוט און מיטן מאַרך פֿון צווייטן. אייביקע מלחמות, אָנפֿאַלן, און דער שטאַרקער, פֿאַרשיכורטער דורך זיין נצחון, הייבט אָן גלויבן, אַז זיין פּאָליטישע מאַכט ליגט אין זיין נאַטור, אַז זי איז אים פֿון גאָט געגעבן.

דער אימפּעריאַליזם טראָגט זיך אַריבער אין דער אמונה, מאַכט זי פֿאַר זיין שטאַרקסטן און געפֿערלעכסטן ווערקצייג. דער אימפּעריאַליסטישער גאָט שטויסט אַרויס אַלע אַנדערע געטער פֿון זייער פּאַנטעאָן, צעשטערט און צעשמעטערט זייערע טעמפּלען און מזבחות.

אין דער אמתן מוזן אָבער די געטער, וועלכע פֿאַרבינדן זייער גורל מיטן כלי־זיין פֿון מעכטיקע פֿעלקער, פֿאַלן מיט זיי צוזאַמען,

ווען עס קומט אָן זייער צייט. און די צייט מוז קומען, ווייל „דער רויבער מוז צערויבט ווערן“. ניט מיטן פֿאַריבערגייענדיקן פּאָליטישן גליק דאַרף זיך דעריבער פֿאַרבינדן די אמונה, זי דאַרף ווערן דער סימבאָל פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט, די פֿאָן, אונ־טער וועלכער עס קעמפֿן אַלע אונטערדריקטע קלאַסן און פֿעל־קער פֿון דער וועלט.

יהוה — איז הערדאָזיקער סימבאָל, די פֿאָן אין סאָציאַלן קאַמף פֿון די נביאים. ער איז דער גאָט פֿון שוואַכע און אונטערדריקטע היינט, ער איז דער גאָט פֿון רעוואָלוציאָנערער נקמה אין דער אי־בערגאַנגס־צייט, ער איז דער גואל־הדם פֿאַרן בלוט פֿון זיינע געקוילעטע און פֿאַרקנעכטעטע מענטשן־קינדער. „ער קומט אָן פֿון אדום און זיינע קליידער טריפֿן בלוט, ווי עס טריפֿט ווייַן פֿון דעם ווייַן־פּרעסער, דען ער האָט דעם ווייַן־קעלטער פֿון די פֿעל־קער געטראָטן און האָט איינגעריכט זיינע קליידער“.

דאָס איז דער נקמה־טאָג פֿון יהוה, וועלכער וועט ווי אַ שטורעם־ווינט אַראָפּטראָגן די פּאַלאַצן פֿון אונטערדריקער, כדי צו בויען אויף זיי שפּעטער אַ נייע וועלט פֿון די, וועלכע ער האָט דורכ־געזיפּט דורך זיין זיפּ און אויסגעלייטערט אין זיין קעסל.

אַזוי באַקומט די סאָציאַלע אידעע אַ רעליגיעזן לבוש, אַזוי באַקומט די רעליגיעזע קאָנצעפּציע — אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אינ־האַלט.

ווי קליין און אָרעם עס זעט איצט אויס די וועלט־אָנשויאונג פֿון אַ שמואל אַנטקעגן דער וועלט־אָנשויאונג פֿון הידאָזיקע פּאָלי־טישע נביאים., דאָרטן האָט אַן איינזאַמער דענקער געפֿירט אַ קאַמף קעגן אַ קליין הייפֿעלע, פֿאָלקס־עקספּלאָאַטאַטאָרן, דאָ האַנדלט זיך שוין וועגן אַ באַוועגונג, וועלכע שטרעבט צו באַפֿרייען ניט נאָר ישראל, נאָר מיט אים צוזאַמען אויך די גאַנצע וועלט. דאָרטן האָט יהוה גערעדט צום נביא פֿון די טונקעלע ווינקלען פֿון שילה־טעמפּל, „איידער דאָס געטלעכע ליכט איז אינגאַנצן אויסגעלאָשן

געוואָרן". דאָ האָט זײַן קול געהילכט איבער די טויערן פֿון נינוה און בבֿל, איבער די טײַכן פֿון מצרים און די מויערן פֿון ירושלים און שומרון. דאָרטן גלויבט נאָך דער נבֿיא, אַז דאָס פֿאָלק וועט זײַן גליקלעך, ווען די מאַכט וועט זײַן אין דער האַנט פֿון אַן אויסדערוויילטן פֿאָלקס-העלד און ער בענטשט דעמאָזיקן העלד צום קאַמף מיט אַלע פֿעלקער אַרום. דאָ זוכט דער נבֿיא לגמרי ניט פֿאַרן פֿאָלק קיין פּאָליטישע מאַכט. ער איז, פֿאַרקערט, זיכער, אַז עס דאַרף קיין שטיין אויף אַ שטיין ניט בלײַבן פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, וואָס איז אויפֿגעבויט אויף אונטערדריקונג און אומרעכט, און ערשט אויף אירע רואינען וועט אויסוואַקסן אַ נײַער און בעסערער סדר. ער זאָרגט ניט דערפֿאַר, וואָס די טע-ריטאָריעלע גרענעצן ווערן ענגער, וואָס אדום רײַסט אָפּ שטעט בײַ יהודה, און ארם בײַ ישׂראל, ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו דעם געדאַנק, אַז דאָס מוז געשען, אַז דאָס זײַנען די טריט פֿון דעם יהוה-טאָג, וואָס קומט אָן, וואָס מוז אָנקומען.

דער נבֿיא ווערט דעריבער באַטראַכט אויפֿן איבערפֿלעכלעכן קוק אַלס אַ שלעכטער פּאַטריאָט פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד, ווײַל ער איז אַ וועלט-פּאַטריאָט; ער האָט נאָך אַ לאַנגן קאַמף אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַרצן די ליבע צו זײַן היים און זײַן פֿאָלק פֿון הײַנט, ווײַל ער זעט זײַן היים און זײַן פֿאָלק אין דער העלער פֿאַרב פֿון צוקונפֿטס-טאָג, אויף מאָרגן נאָך יענער סאָציאַלער רעוואָלוציע, נאָך דעם יהוה-טאָג, ווען דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן פֿאַר דער גאַנצער וועלט. און בײַזוואַנען דאָס וועט געשען, וועט זיך דאָס לאַנד מוזן געפֿינען אין שטענדיקן שפּיל פֿון פּאָליטישע וועלט-כּוחות און עס איז קיין פּעולה ניט צו ראַנגלען זיך אַנט-קעגן זיי.

אָט ווי עס מאָלט ישעיה דעמאָזיקן צושטאַנד פֿון אומפֿאַר-מײַדלעכקייט: אַ גליִענדיקע קיל פֿון יהודס מזבח באַרירט דעם

נביאם זינדיקע ליפן, ברענט אים זיין זינד; עס עפענען זיך איף זיינע אויגן, ער הערט אַ געטלעך קול, וועלכער רופט: „וועמען זאָל איך שיקן און ווער וועט גיין?" און ער כאַפּט זיך אָן: „אָט בין איך, שיק מיר". זיינע אויגן זיינען אָפן, וויל ער עפענען די אויגן פון פאָלק, זיינע אויערן פאַרנעמען דעם גערויש פון די אָנקומענדיקע געשעענישן, וויל ער, אַז ס'זאָל הערן אויך דאָס פאָלק, זיין האַרץ פילט און לײַדט, וויל ער געפינען אַ וועג צום פאָלקס־האַרצן. און דאָ קלינגט פאַר אים ווי אַ טויט־אורטייל דער געזעץ פון היסטאָרישער אומפאַרמײַדלעכקייט, — דער געזעץ פון יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט:

„גיי און זאָג צו דאָזיקן פאָלק:
הערט, הערט, איר וועט ניט פאַרשטיין,
קוקט, קוקט, איר וועט ניט דאַנעמען,
מאַך פעט 1) דאָס האַרץ פון דאָזיקן פאָלק,
מאַך שווער־הערין זיינע אויערן,
ווענד אָפ זיינע אויגן,
דען ווען ער וואָלט געזען מיט די אויגן
און געהערט מיט די אויערן
און זיין האַרץ וואָלט באַגרייפן
און ער וואָלט זיך צוריקגעקערט —
וואָלט ער געהיילט ווערן".

אָפט, — קאָנטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט צייטווייליקע גינסטיקע פאָליטישע באַדינגונגען, — רייסט זיך אָבער דורך דער נביאישער ליטעראַטור אַ שטראַל פון האָפענונג, אַז אויפן וועג פון אינעווייניקסטע סאָציאַלע רעפאָרמען קאָן מען אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער דעמאָראַליזאַציע און אויסבילדן פון

1) ניט עמפינדלעך.

פֿאָלק אַ קאָמפּאַקטיקע מאַסע, וואָס זאָל זיך קאָנען מיט ערפֿאָלג שטעלן אַנטקעגן די מעכטיקע אָקופּאַנטן. אָבער די דאָזיקע האָפֿענונגען פֿון דער מעסיקערער ובֿיאישער ריכטונג זיינען גיך פֿאַרשוואונדן, ווען נאָכן טויט פֿון יאשיהו, איז אָנשטאָט דעם שטערבלעך-פֿאַרוואונדעטן אשורישן אימפּעריאַליזם מיט נייע כוחות אַרויס דער בבֿלישער אימפּעריאַליזם. אַלע נבֿיאים, אָן אונטערשייד, שטעלן זיך דאָ אויסגעשפּראָכן אויפֿן פּרינציפּ פֿון פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

אין דעם דאָזיקן שלעכט-פֿאַרשטאַנענעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד פֿון די נבֿיאים צו יעדער פּאָליטישער אָקופּאַציע האָט מען שפּעטער געוואָלט זוכן אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿאַר יענעם געזעלשאַפֿטלעך-אַבסורדן געדאַנק פֿון ניט שטעלן זיך אַנטקעגן שלעכטס בכלל, וועלכן עס האָט אָנגענומען דאָס קריסטנטום, בשעת עס האָט פֿון זיך נאָך ניט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם שעפּסן-פֿעל.

אין דער אמתן אָבער איז דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פֿון די נבֿיאים ניט קיין אַבסאָלוטע אידעע, וועלכע איז ריכטיק פֿאַר אַלע צייטן און אומשטענדן, נאָר אַ פּאָליטישע טאַקטיק פֿאַר אַ באַשטימטן מאָמענט. אין דעם דאָזיקן פּאַסיוון פֿאַרהאַלטן זיך ליגט דער גלויבן אין דעם אָנקומען פֿון אַ תּקופֿה פֿון אַקטיוון אַרויסטרעטן, צו וועלכער עס דאַרפֿן געזאַמלט ווערן כוחות אין דער נסיונות-פֿולער צייט פֿון געצוואונגענער פּאַסיוויטעט. די דאָזיקע פּאַסיוויטעט דאַרף באַווייזן קלאָר און בולט די דריקנדיקע און אונטערדריקטע פֿעלקער, אַז זיי זיינען שפּילצייג און קרבנות אין די הענט פֿון אַ באַשטימטן היסטאָרישן פּראָצעס און אַז זייער שענדלעכע ראָל פֿון אַקטיווע רוצחים און פֿון פּאַסיווע קרבנות וועט זיך ענדיקן באַלד, ווי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט וועט אָנקומען די תּקופֿה פֿון גערעכטיקייט.

די נבֿיאישע באַוועגונג, ווי יעדער געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג, האָט אַהינגעשטעלט אויף דער אַרענע דענקער און קעמפֿער מיט פֿאַרשידנאַרטיקער קראַפֿט פֿון כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, און אין יעדער פּערזענלעכקייט באַקומט די אַלגעמיינע אידעע אירע באַזונדערע אייגנטימלעכע וואַריאַנטן און ניואַנסן.

די אידעאָלאָגיע פֿון יעדן נבֿיא איז ענג געבונדן מיט די געשעענישן פֿון זיין צייט. פּאָליטישע קאַטאַסטראָפֿעס מאַכן בלינד די הערשער, און זעענדיק די סאָציאַלע דענקער פֿון זייער צייט, ווען מלוכות פֿאַלן און דער אימפּעריאַליזם גייט זיין זיגרייכן וועג איבער פֿאַרוויסטע פֿעלדער און שטעט, ווען עס דוכט זיך, אַז עס איז שוין ניטאָ זיך וואו צו באַהאַלטן פֿון שווערד און פֿון זיין טרייען באַגלייטער דעם הונגער, עפֿנט זיך פֿאַר די, וואָס גייען אין אַוואַנגאַרד פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, דער פֿאָרהאַנג פֿון דער צוקונפֿט. זיי זעען די צוקונפֿט־וועלט הינטער די שטראָמען פֿון מענטשלעכע בלוט און זיי שטרענגען זיך אָן צו פֿירן אָדער וויניקסטנס צו רופֿן אַהין די מענטשן פֿון זייער דור, און זייער קול הילכט ווי אַ מעכטיקער שופֿר אין גערויש פֿון בירגער־קריג, און קיין כּוח איז ניט אומשטאַנד אים אָפּ־צושטעלן.

די מלוכה־צייט פֿון עוזיהו, יותם, אחז, חזקיהו (782 ביז 686 פֿאַרן קריסטלעכן צייט־חשבון) — דאָס איז די צייט, ווען עס וויקלט זיך פֿונאַנדער דער אָנגריף פֿון שווער־פֿאַרוואונדעטן אשורישן אימפּעריאַליזם אויף דער מערבֿ־גרענעץ, ווען די אונטערדריקטע בבֿל און פּרס האָבן שוין געשליפֿט אַנטקעגן אים זייער שווערד, וואָס האָט אַ קאַרגן יאָרהונדערט שפּעטער אים אומגעבראַכט פֿון דער וועלט.

דער אשורישער אימפּעריאַליזם איז אָבער נאָך גענוג שטאַרק געווען אויף צו צעשטערן די קליינע דעמאָראַליזירטע מלוכות פֿון מערבֿ־אַזיע. ער האָט געדאַרפֿט דינען פֿאַר אַ כּלי־זיין אין דער האַנט פֿון יהוה, דעם גאָט פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט. ער רופֿט אשור, ער גלייכט פֿאַר אים אויס וועגן און ער עפֿנט פֿאַר אים מויערן; און אשור לאָזט זיך אַראָפּ פֿון די בערג אויף זיינע בליצנדיקע פֿערד און שטורמישע רייטוועגן, ער דערפֿילט דעם טעראָריסטישן אַקט, וועלכן די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט, — די נקמה פֿאַר דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט פֿון די פֿעלקער.

זייענדיק אָבער ניט מער ווי אַ מיטל, האַלט זיך אָבער דער אימפּעריאַליזם אָפֿט פֿאַר אַ ציל. ער וויל אויפֿזאַמלען די מאַכט אין די אייגענע הענט, ער וויל ווערן אַ וועלט־מאַכט. אָבער דאָ קומט ער אין אַ סתּירה מיט זיך אַליין. בשעת זיין אומגעהויערער אַנטוויקלונג זיינען געוואַקסן מיט אים זיינע אינעווייניקסטע קאָנפֿליקטן. די פֿעלקער, וועלכע ער האָט איינגענומען, זיינען ניט געוואָרן קיין טיילן פֿון זיין אָרגאַניזם. פֿאַרקערט, ער האָט זיי געגעבן נייע כּוחות און נייעם מוט. פֿריער זיינען זיי געווען שוואַך און אָפּגעזונדערט, האָבן אָפֿט געשטריטן צווישן זיך, איצט האָט זיי דער שותּפֿישער פּאָליטישער גורל פֿאַראייניקט צום אַלגעמיינעם קאַמף.

דער אימפּעריאַליזם איז אַזוי אַרום פֿאַר זיי געוואָרן ניט נאָר אַ שטראָף, וואָס פֿאַרניכטעט, נאָר אויך אַ לייטער־קעסל, וואָס רייניקט, דערהויבט און דערציט, אַ זיפּ, וואָס וויגט זיך אין מעכטיקן שטורעם פֿון דער צייט און רייניקט אויס די תּבֿואה־קערנער פֿון די נישטיקע מעקינע, מאַכט זיי גרייט צו דער קומענדיקער זריעה.

דער אימפּעריאַליזם איז אַן אַכזריות, אָבער ער איז אַ נייטיקער

עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער פעלקער-באַפרייאונג, און מען קאָן אים ניט אויסמיידן.

דעריבער שטייט דער נביא אין דער קריטישער צייט מיטן פנים ניט צו די אָקופּאַנטן, נאָר צום פאָלק, צו אַלע פעלקער פון דער אַשורישער אָקופּאַציע און, אָנווייזנדיק זיי אויף דער נישטיקייט פון קאַמף, רופט ער זיי אונטער די פאָנען פון יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, ער רופט זיי צו גרינדן אַ אינזל פון פרייהייט אין דעם ים פון בלוט און קנעכטשאַפט, צו פאַרפעסטיקן זיך אויפן באַרג פון יהוה, וואוהין עס ווילן זיך ציען מיט דער צייט, מידע פון בלוט און קנעכטשאַפט, אַלע פעלקער פון דער וועלט.

דאָס איז די סאָציאַלע קאָנצעפּציע פון די נביאים, וועלכע אינדיווידואַליזירט זיך ביי יעדן נביא און שפּיגלט אָפּ די אומאויפהערלעכע גלגולים פון דער פּאָליטישער סיטואַציע פון זייער צייט1). די גאַנצע קאָנצעפּציע איז אויפגעבויט אינטואיטיוו, אויף דעם אַלט-אָריענטאַלישן שטייגער: דער נביא זוכט תּופס צו זיין בהיש דאָס, וואָס ער איז נאָך ניט בכוח צו באַגרינדן מיטן לאָגישן פאַרשטאַנד. ער פילט די נאַטור פון אימפּעריאַליזם מער, ווידער ער פאַרשטייט. דערפאַר קאָן ער נאָך ניט באַגרינדן סאָציאָלאָגיש די סיבות פון וואַקסנדיקן אימפּעריאַליזם, און קאָן ניט אָנצייכענען לאָגיש און שאַרף דעם וועג, וועלכן ער לייגט פאָר. זיין ריכטיקייט, זיין

1) עס קאָן ניט זיין קיין גרעסערע באַליידיקונג פאַר די נביאים, ווי די מיינונג פון די טעאָלאָגן, וואָס זעען אין זיי פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישע ראַטמענער. אויב די חנופהדיקע קיניגלעכע יועצים, וועלכע האָבן מיט זייער קורצזיכטיקן אָפּטימיזם פאַרבלענדט די אויגן פון זייערע הערשער, האָבן זיך אויך גערופן נביאים, איז דאָס גאָר געווען אַ פּאַלסיפיקאַציע פון דעם באַגריף, אין וועלכער עס זיינען געווען פאַראינטערעסירט יענע קלאַסן, וואָס האָבן געשטרעבט אָראָפּצוואַרפן דעם נביאישן אויטאָריטעט. די פאָלקס-ליטעראַטור פון יענער צייט האָט זיי באַלד געקרוינט מיטן נאָמען „פאַלשע נביאים".

מעגלעכקייט און נייטיקייט פילט ער אָבער מיט אַלע חושים פון זיין ברויזנדיקן טעמפעראַמענט.

דער כראָנאָלאָגיש-עלטסטער פון די גרויסע פּאָליטישע נביאים, אין וועלכן מיר זעען נאָך צום טייל דעם עקסטאַז און די פרימיטיווקייט פון די עלטערע נביאים, איז געווען עמוס.

דאָס איז געווען אין 8-טן יאָרהונדערט (פאַר קריסטוס צייטחשבון), ווען די אַרמעישע מלוכה איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די אָפטע אָנפאַלן פון אַשור און האָט פון איר זייט געלאָזן דערוויילצו רו דאָס שכנישע לאַנד ישראל. איצט זיינען די אַרמער שטאַרקער ווי פריער געווען פאַראינטערעסירט אין דעם טראַנזיט-האַנדל דורכן ישראל-לאַנד. פאַר די קאַראַוואַנען פון דמשק און חמת איז געוואָרן אומבאַקוועם און אפשר אויך אוממעגלעך צו פירן ווייטער זייערע סחורות דורכן סירישן מדבר, אין אשור און בבל, און האָבן געזען קאָנצענטרירן זייערע רייכע טראַנספּאָרטן סחורה אויפן גרויסן האַנדלס-וועג, וועלכער האָט געפירט דורכן טאָל יזרעאל צו די האַפנס פון מיטללענדישן ים און קיין מצרים. אַ גרויסער טייל פון דיזאָיקע סחורות, דערהויפּט חפצים פון פוץ און לוקסוס, צירונג און סטאַטועןָ, פלעגן געקויפט ווערן דורך די רייכע קלאַסן פון ישראל, וועלכע האָבן נאָך זייער לעבנס-שטייגער ווייניק-וואָס דאַן אויסגעצייכנט זיך פון די פיניקיער. דערדאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל, באַזאָרגנדיק בשפע מיט סחורות די פאַרמעגלעכע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, האָט במילא נאָך טיפער אויסגעגראָבן דעם תהום צווישן דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע און אָרעמען האַנטווערקער און פויער.

די קורצזיכטיקע מלכים און זייערע יועצים האָבן ניט איינגעזען די סיבה פון דעם צייטווייליקן שטילשטאַנד און ניט געשפירט די אומפאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט מוזן אָנקומען.

בײַ די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן איז יעדער טאָג געווען אַ יום-טובֿ, און ווען אַפֿילו צייטנווייז פֿלעגן די קאַראַוואַנען פֿון די אויסלענדישע סוחרים ברענגען צוזאַמען מיט זייערע לוקסוס-סחורות אויך אומרויִקע קלאַנגען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו דערוועקן אַ זאָרג פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג, האָט זי אַרויסגערופֿן אין דער דעמאָראַליזירטער פּסיכיק נאָר איין באַגער: „עסן און טרינקען, ווײַל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן“.

און ניט נאָר אין פּערזענלעכן לעבן פֿון קיניג און פֿון די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן האָט זיך געפֿילט דער שפֿע פֿון גוטס. אין דעם קיניגס-טעמפּל פֿון בית-אל, אין דעם רעליגיעזן צענטער פֿון דער ישׂראלשער אַריסטאָקראַטיע, ווערן מיט פּראַכט און פֿרייד אָפּגעריכט די יאָר יום-טובֿים. ווער עס פֿאַרמאָגט אָקסן און רינדער אין דער היים, איז מער מיוחס אויך בײַם מזבח. ער עסט מער פֿלייש און טרינקט מער ווײַן און פֿרייט זיך און טאַנצט אין שיכּורן קאַראַהאָד מיט די פֿאַרהייליקטע זונות פֿון פֿיניקישן קולט.

דאָ, אין קיניגס-טעמפּל פֿון בית-אל, איז אַלץ אַזוי רויִק און פֿרידלעך. קיינע סאָציאַלע פּראָבלעמען מאַטערן ניט די מוחות פֿון די זאַטע. זייער גאָט פֿרעסט מיט זיי צוזאַמען דעם חלבֿ און די בלוט פֿון די געשטאָפּטע אָקסן, זויפֿט מיט זיי די ווײַנען פֿון בליענדיקן כּרמל, זײַנע כּהנים זײַנען פֿעט פֿון די רײַכע מתּנות, — וואָס אַרט זיי פֿאַרן פֿאָלק, וועלכער פּלאָגט זיך דאָרטן אין שווערער אַרבעט, אין קנעכטשאַפֿט און נויט אין די דערפֿער פֿון יזרעאל-טאָל און פֿון אפֿרים-באַרג.

אָבער אין תּקוע, אין אַ פֿעלזיקן באַרג-דאָרף אויפֿן גרעניץ פֿון יהודה-לאַנד געפֿינט זיך איינער, וועמעס פּאָליטישן און עטישן באַוואוסטזײַן עס לאָזט ניט רוען די שרײַענדיקע אומגערעכטיקייט, די פּאָליטישע בלינדקייט פֿון די הערשנדיקע קלאַסן. ער איז אייגנטלעך ניט מער ווי אַן איינפֿאַכער פּאַסטוכער-יונג און סיקאָמאָרן-

פלאַנצער, אָבער זיין פּאָליטישער האָריזאָנט איז אומגעהויער ברייט. ער זעט פאַר זיך דעם סאָציאַלן אומרעכט, די אומגלייכקייט פון די קלאַסן, די גרויזאַמקייט און די באַגרענעצטקייט פון די הערשער, ניט נאָר אין זיין אייגענעם פאָטערלאַנד, נאָר אויך אין די שכנישע לענדער, אין אַרם, אין פיניקיע, אין פלשתים-לאַנד, אין מואָב, עמון און אדום. זיין גערעכטיקייט-געפיל קאָן זיך ניט באַרואיקן. ער וואַרפט זיין שאַף און זיינע סיקאָמאָרן און קומט אין זיין פאַסטוכער-העמד אין ישראל-לאַנד, טרעט אַרויס ביי די שטאָט-טויערן פון שומרון און ביים טעמפל פון בית-אל און מעלדט, ווי די פאַסטוכער-פלייט אין די בערג, קלינגט זיין שטים אין דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג:

„יהוה שרייט פון ציון
און פון ירושלים הייבט ער אויף זיין קול,
און עס וועלן טרויעריק ווערן די פאַסטוכער-וואוינונגען,
און עס וועט טרוקן ווערן דער שפּיץ פון דעם כרמל“.

צוליב דעם, וואָס די אַרמעער האָבן „מיט אייזערנע ריטער גע-דראָשן דעם גלעד“, ד. ה. פאַרגענומען רעפּרעסיעס אַנטקעגן דער באַפעלקערונג, וועט יהוה שיקן אַ פייער אין הויז פון חזאל און ער וועט פאַרברענען די פאַלאַצן פון בן-הדד, ער וועט צעברעכן דמשקס ריגלען, וועט פאַרטיליקן די איינוואוינער פון און-טאָל און די הערשער פון בית-עדן און עס וועט פאַרטריבן ווערן דאָס פאָלק פון ארם“.

דאָס זעלבע וועט געשען אין פלשתים-לאַנד מיט די שטאָט-מויערן און פאַלאַצן פון עזה, אשדוד און אשקלון, מיט דער פיניקישער שטאָט צור, מיט די אדומישע שטעט תימן און בצרה. די עמונים, „וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין די גלעד-בערג, כדי צו פאַרברייטערן זייער טעריטאָריע“ אויפן חשבון פון די גלעדישע פאַסטוכער, וועט אויך טרעפן די פאַרדינטע שטראָף. זייערע שטעט

װעלן פֿאַרבּרענט װערן, און זײַערע קעניג און האַרן װעלן גײן געפֿאַנגען.

יעדער אומגערעכטיקײט גײט גיט אַריבּער אומבּאַשטראָפֿט, און אַשור פֿיגורירט דאָ װי דער כּלי־זײַן פֿון יהוהס צאָרן.

כּל־זמן דער נבֿיא רעדט װעגן די אַרומיקע פֿעלקער, פֿון װעלכע ישׂראל גופֿא איז אָפֿט אױסגעשטאַנען פֿיל אונטערדריקונג, הערט אים דאָס פֿאָלק אױס רואיק, אַפֿילו מיט צופֿרידנקײט.

אָבּער מיט העמזעלבּיקן טאָן גײט דער נבֿיא אַריבּער צו דער קריטיק פֿון זײַן אײגענעם פֿאָטערלאַנד יהודה. ער מאָלט זײ דעם פֿאָרװאורף, אַז:

„זײ האָבּן פֿאַרהאַסט די לערע יהוהס,
און האָבּן ניט אָפּגעהיט זײַנע געזעצן.
זײַערע שקרים האָבּן זײ פֿאַרפֿירט.
און דערפֿאַר װעט יהוה שיקן אַ פֿײַער אין יהודה,
און װעט פֿאַרבּרענגען די פּאַלאַצן פֿון ירושלים“.

נאָך די לאַנגע יאָרן פֿון בּירגער־קריג צװישן ישׂראל און יהודה, װעלכע האָבּן אַרײַנגעטראָגן אַ צעררײַצונג און אַ שטענדיקן אַנטאַגאָניזם צװישן בּײדע מלוכות, װאָלט מען אין בּית־אל און שומרון אױסגעהערט רואיק אױך דעם נבֿיאס װערטער װעגן ירושלים. די פֿאַרזאַמלטע הערן זיך דעריבּער צו מיט אומגעדולד, װאָס ער װעט װײַטער זאָגן. װעט ער דען האָבּן מוט צו רײדן דאָ אָפֿן אױך װעגן דעם גורל פֿון ישׂראל־לאַנד, פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַר די בּאַאַמטע און כּהנים.

און עמוס, נאָך דעם, װי ער האָט אָפּגעפּטרט בּקיצור אַלע אַנדערע פֿעלקער און לענדער, רעדט ערשט מיט אַן אױפֿגעהױבּענעם קול און אין אַ לאַנגער רעדע װעגן דער לאַגע אין ישׂראל־לאַנד.

„איך װעל ניט פֿאַרגעבּן ישׂראלן פֿאַרװאָס זײ פֿאַרקױפֿן פֿאַר געלט דעם גערעכטן, און דעם אָרעמען מענטשן — פֿאַר אַ פּאָר

שיך. זיי דאָרשטן, אַז דער שטויב פֿון דער ערד זאָל זיין אויפֿן קאָפּ פֿון די אָרעמע און די מילדע שלאָגן זיי אַראָפּ פֿון וועג... אין קליידער, גענומענע אַלס משכּון (בײַ אָרעמע) וואַלגערן זיי זיך בײַ יעדן מזבּח און ווײַן (אָפּגענומענעם) בײַ די פֿאַראורטיילטע טרינקען זיי אין זייער גאָטס-טעמפּל"....

„הערט דאָס דאָזיקע וואָרט איר בשן-בהמות וואָס אויפֿן שומרון-באַרג — ווענדט ער זיך מיט אַ ביטערער איראָניע, ספּעציעל צו די פֿרויען פֿון דער ישׂראלשער אַריסטאָקראַטיע — איר, וואָס רויבט די אומפֿאַרמעגלעכע און צערואינירט די אָרעמע, וואָס איר פֿאָדערט בײַ אײַערע מאַנען: ברענג און מיר וועלן טרינקען: יהוה שווערט בײַ זײַן הייליקייט, עס קומען אויף אײַך אָן טעג און מען וועט אײַך אַוועקפֿירן אין שיפֿלעך, און אײַער סוף וועט קומען — אין פֿישער-שיפֿלעך".

ער קריטיקירט שאַרף די פֿאַרקריפּלטקייט פֿון די באַאַמטע און ריכטער, די פֿאַלשקייט פֿון רעליגיעזן קולט. ער זאָגט פֿאָראויס וועגן דעם הונגער און עלנט, וואָס וועלן אָנקומען אין לאַנד, וועגן דער רואינירונג פֿון די ווײַנגערטנער און פֿעלדער. און אויפֿגעבראַכט פֿון דער פּאָליטישער בלינדקייט פֿון פֿאָלק שרײַט ער אויס:

„אוי, איר רואיקע, וואָס אין ציון, און פֿאַרטרויערטע, וואָס אויפֿן שומרון-באַרג.

גייט קיין כּלנה און זעט, גייט פֿון דאָרטן אין דער הויפּטשטאָט פֿון חמת, לאָזט זיך אַרונטער קיין גת פֿון פּלשתּים, זייט איר דען בעסער פֿון די דאָזיקע לענדער? אָדער איז אײַער טעריטאָריע גרעסער פֿאַר זייערער? איר, וואָס פֿאַרבלענדט זיך פֿון אַ שלעכטן טאָג און האַלט זיך פֿעסט אויף די שטולן פֿון אומגערעכטיקייט. איר, וואָס ליגט אויף סאָפֿעס פֿון עלפֿאַנט-ביין, אויסגעצויגענע אויף אײַערע בעטן, וואָס שפּייזט זיך מיט אָקסן און

געשטאָפּטע קעלבער, וואָס שפּילט אויפן האַרפע, וואָס האָט זיך ווי דוד צוגעקליבן כלי־זמר. איר, וואָס טרינקט ווייַן פון די בע־קענס, וואָס שמירט זיך מיט די בעסטע בוימלען און קרענקט גאָרניט אויף יוספס 1) צעבראָכנקייט. דערפאַר וועלן זיי פאַרטריבן ווערן די ערשטע, און עס וועט זיך ענדיקן די זויפעריי פון די אויסגעלייגטע... איך פאַרהאַס יעקבס אדל־לייט, און זיינע פּאַ־לאַצן האָב איך פיינט. און איך וועל אַרויסגעבן (אַשורן) די שטאָט מיט איר שפע... און עס וועלן פאַרוויסט ווערן די בערגלעך יצחקס, און ישראלס טעמפּלען וועלן חרוב ווערן, און אַנטקעגן ירבעמס הויז וועל איך אַרויסטרעטן מיטן שווערד״....

ביי די לעצטע ווערטער האָט געפּלאַצט די גדולה פון אמציה, דעם עלטסטן קיניגלעכן כהן פון בית־אל; ער האָט געשיקט אָנ־זאָגן דעם קיניג ירבעם: „עמוס האָט אַנטקעגן דיר מורד געווען אָפן פאַר ישראל, דאָס לאַנד קאָן ניט אויסהאַלטן אַלע זיינע רייד. ווייל אַזוי האָט עמוס געזאָגט: ירבעם וועט שטאַרבן פון שווערד, און ישראל וועט פאַרטריבן ווערן פון זיין ערד״.

און אַמציה האָט געזאָגט צו עמוסן: „זעער, גיי, אַנטלויף קיין יהודה־לאַנד, דאָרטן עס דיין ברויט און זאָג דיינע נביאות, אין בית־אל זאָלסטו ניט פרוון מער נביאות־זאָגן, ווייל דאָס איז אַ קיניגס־טעמפּל און אַ מלוכה־הויז״.

אָבער עמוס האָט געענטפערט אמציהן:

„איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין נביאס זון. איך בין אַ שמייסער און אַ סיקאָמאָרן־פלאַנצער. האָט מיך יהוה גענומען פון הינטער די שאָף און געזאָגט: גיי, זאָג נביאות איבער מיין פאָלק ישראל און איצט, הער יהוהס רייד: דיינע זין און טעכטער

1) די גלילשע באַפעלקערונג, וואָס שטאַמט דערהויפּט פון אפרים און מנשה, די זין פון יוסף.

וועלן פֿאַלן פֿון שווערד, דיין ערד וועט מיט אַ שטריק צעטיילט ווערן, אויף אַן אומריינער ערד וועסטו שטאַרבן, און ישראל וועט פֿאַרטריבן ווערן פֿון זיין ערד".

און ווייטער האָט ער געזאָגט:

„הערט־צו, איר, וואָס שטרעבט צו דערשלינגען דעם אָרעמען, צו פֿאַרטיליגן די לײַדנדע, וואָס אין לאַנד. וואָס איר זאָגט, ווען וועט אַריבער דער לבֿנה־מולד און מיר וועלן פֿאַרקויפֿן ברויט און עס וועט אַריבער דער שמיטה־יאָר און מיר וועלן עפֿענען די שפּײַ־לערס און וועלן קלענער מאַכן די מאָס און גרעסער מאַכן דעם שקל און איינפֿירן פֿאַלשע וואָג. מיר וועלן פֿאַר געלט קויפֿן די אָרעמע לייט און דעם אומפֿאַרמעגלעכן פֿאַר אַ פּאָר שיך און דעם אָפּפֿאַל פֿון ברויט וועלן מיר פֿאַרקויפֿן. יהוה שפּראַכט מיט ישראלס פּראַכט: איך וועל אויף אייביק ניט פֿאַרגעסן אייערע מעשׂים. קאָן דען אויף דעם ניט ציטערן די ערד און טרויערן יעדער איינוווינער אירער?"....

און עס רייסן זיך איבער זיינע שטורמישע רייד. ער גייט אַראָפּ פֿון דער סצענע, און זיין ווייטערדיקער גורל בלייבט אונז אומבאַקאַנט. צי האָט ער זיך געראַטעוועט פֿון דעם צאָרן פֿון די בית־אל־באַאַמטע און כּהנים און האָט געזען נאָך מיט זיינע אויגן, ווי די אשורישע רייטווענ האָבן פֿאַרנומען דעם יזרעאל־טאָל און אויסגעפֿירט דעם אורטייל, וועלכן ער האָט פֿאָראויסגעזאָגט, אָדער איז ער געפֿאַלן פֿון זייערע הענט, און די פּאָליטישע קאַטאַסטראָפֿע האָט זיך צעשפּילט אויף זיין קבֿר?

ער איז יעדנפֿאַלס פֿאַראייביקט אין אונזער זכּרון אַלס דער ערשטער פֿון די גרויסע פּאָליטישע נבֿיאים, וואָס זיינע רעדעס זיינען צו אונז דערגאַנגען, ער איז די לעבעדיקע בריק צווישן אליהו און ישעיהו. ער פֿאַרמאָגט דעם שטורמישן דרייסטן פּראָטעסט פֿון דעם ערשטן און דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין פֿון דעם צווייטן.

זיין נבֿואה־בוך פֿאַרענדיקט זיך מיט אַן אָפּטימיסטישער פּער־ספּעקטיוו אויף דער צוקונפֿט:

„עס קומען אָן טעג, און עס וועט זיך אויפֿטרעפֿן דער אַקערער מיטן שניטער,

און דער וויין־קעלטערער מיט זייער

און פֿון די בערג וועט טריפֿן זאַפֿט,

און אַלע הויכענישן וועלן זיך צעגיין.

איך וועל אומקערן מיין פֿאָלק ישראל,

און זיי וועלן בויען וויסטע שטעט און אין זיי וואוינען,

וועלן פֿלאַנצן וויינגערטענער און טרינקען זייער וויין,

וועלן פֿלאַנצן סעדער און עסן זייער פּרוכט.

און איך וועל זיי פֿאַרפֿלאַנצן אויף זייער ערד,

און זיי וועלן מער ניט אויסגעריסן ווערן פֿון דער ערד, וואָס איך האָב זיי געגעבן".

ער שטעלט זיך פֿאָר אַ פֿרייע פּויערים־געזעלשאַפֿט, וואָס האָט ניט איבער זיך קיין מלכים און כהנים, וועלכע זאָלן צונעמען דעם גרעסטן חלק פֿון איר מי און אַריינציען זי אין מלחמות. רואיק וועט זי לעבן און געניסן פֿון די פּרוכט פֿון זייער אַר־בעט. —

אויף אַן אַנדער אופֿן איז געקומען אין די רייען פֿון דער נבֿיאישער באַוועגונג הושע בן בארי, — דער מענטש פֿון שטאָטישער קולטור. ניט פֿון דאָרף, פֿון פֿי און די סיקאָמאָרן־וועלדער, נאָר פֿון די לוסטיקע יום־טובֿים אין די סעדער און אויף די גרינע הויכענישן, וואו די רעליגיעזע מאָלצייטן, די זנות און שכרות פֿון דעם בעל־קולט האָבן עקאָנאָמיש און גייסטיק רואינירט דאָס פֿאָלק און צוגענומען ביי אים די ווידערשטאַנד־קראַפֿט קעגן די פּאָליטישע געשעענישן.

ער איז אפֿשר אַמאָל אַליין מיט אַ באַרישטן קאָפּ פֿון וויין

אין עראָטישער התלהבֿות געשוואומען אין טונקעלן שטראָם פֿון העסלעכע פֿאַרגעניגנס, וועלכע עס האָט זיך אָפּגעגעבן, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פֿאַלן, די פֿאַרלאָרענע און דעמאָראַליזירטע שטאָטישע אַריסטאָקראַטיע. אָבער די נבֿואה=באַוועגונג האָט אים אַרויסגעצויגן פֿון דעם גהינום פֿון דער זינקענדיקער געזעלשאַפֿט און ער האָט דעם גאַנצן שטורעם פֿון זיין עראָטישן גייסט אָפּגעגעבן דעם קאַמף אַנטקעגן די, וועמעס לעבנס=שטייגער איז אים געווען באַקאַנט אין אַלע זיינע איינצלהייטן. זיין ליידנשאַפֿטלעכן ליבע=געפֿיל, וואָס שלאָגט פֿון יעדן וואָרט זיינעם, האָט ער אַוועקגעשטעלט אין דינסט פֿון העכערע פּאָליטישע און עטישע צילן. ער בלייבט אָבער דער עראָטיקער צווישן די נביאים. דער גרונט=מאָטיוו פֿון זיין כאַראַקטער איז די פֿלאַמענדיקע ליבע.

עמוס איז אומבּרחמנותדיק אין זיין אורטייל. ער זעט די שטראָפֿנדיקע האַנט פֿון אימפּעריאַליזם, וועלכער רעכנט זיך פֿאַר דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט; ער זעט גיט קיין אויסוועג פֿון דעם אייזערנעם געזעץ פֿון דער געשיכטע. אַנדערש איז דאָס ביי הושען. ביי אים בויען זיך די סאָציאַלע באַציאונגען ניט נאָר אויף גערעכטיקייט, נאָר אויך אויף ליבע.

יהוה — איז דער גאָט פֿון גערעכטיקייט און פֿון ליבע. זיינע באַציאונגען צו ישׂראל און צו דער גאַנצער וועלט זיינען ענלעך צו די באַציאונגען פֿון אַ מאַן צו זיין היים=געליבטער פֿרוי. די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט פֿון ישׂראל איז ניט סתּם אַ פֿאַרברעכן, דאָס איז אַ זינד פֿון אַ פֿרוי קעגן איר מאַן, וועלכער הערט ניט אויף צו ליבן אַפֿילו בעת ער שטראָפֿט.

דער באַליידיקטער יהוה שטראָפֿט ישׂראל, אָבער בעת=מעשׂה דערשטיקט ער אין זיך דעם ליבע=געפֿיל, וואָס לעבט אין זיין האַרצן. ער ליידט און שטראָפֿט, כּדי דערנאָך מיט טאָפּעלער ליבע איפֿצונעמען און צו האַלטן די זינדיקע, וואָס וועט איסקויפֿן

אירע זינד דורך אירע ליידן און זיך אומקערן צו איר ערשטן מאַן.

„משפּט זיך מיט אייער מוטער, משפּט זיך, ווייל זי איז ניט מיין ווייב, און איך בין ניט איר מאַן. זאָל זי באַזייטיקן איר אויסגעלאַסנקייט פֿון איר געזיכט און איר זנות פֿון צווישן אירע בריסט. אויב ניט, וועל איך זי אויסטאָן נאַקעט, ווי אין דעם טאָג ווען זי איז געבאָרן, און זי מאַכן ווי אַ מדבר און טויטן זי פֿאַר דאָרשט. און אויך אויף אירע קינדער וועל איך ניט דערבאַרעמען זיך, ווייל זיי זיינען זנות־קינדער, ווייל געזינדיקט האָט זייער מוטער, פֿאַרשעמט האָט זייער געווינערין, וועלכע האָט געזאָגט: איך וועל גיין נאָך מיין געליבטע, וואָס גיבן מיר מיין ברויט און וואַסער, וואָל און פֿלאַקס, בוימל און געטראַנק... איצט וועל איך אויפֿדעקן איר גאַנצע העסלעכקייט פֿאַר איר געליבטע און קיינער וועט זי ניט ראַטעווען פֿון מיין האַנט. איך וועל פֿאַרשטערן איר פֿרייד, איר יום־טוב, ראש־חודש און שבת, און וועל פֿאַרוויסטן איר ווייַנשטאָק און פֿייגנבוים, וואָס זי האָט געזאָגט אויף זיי דאָס איז מיין גאָב, וואָס די געליבטע האָבן מיר געגעבן... נאָך דעם וועל איך זי איבעררייַדן, אַוועקפֿירן אין מדבר, געבן איר דאָרטן אירע וויינגערטענער און פֿאַרוואַנדלען דעם וויסטן טאָל אין אַ נייער האָפֿענונג"....

וואָס באַטייטן די דאָזיקע עראָטישע בילדער, וואָס פֿילן אָן דעם גאַנצן נבואה־בוך פֿון הושע? דאָס זיינען בילדער פֿון דער לעבנס־סביבה פֿון דער בית־אל אויסגעלאַסענער אַריסטאָקראַטיע, וואָס לאָזן זיך איר במילא גרינגער צו פֿאַרשטיין ווי סתם פּאָליטישע רעדעס. און איבערלייגנדיק זיי אויפֿן לשון פֿון פּאָליטיק, באַטייטן זיי: ישׂראלס הערשנדיקע קלאַסן האָבן פֿאַרלאָרן זייער שטאַנדהאַפֿטיקייט, זיי האָבן אונטערגעגראָבן די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע יסודות פֿון דער געזעלשאַפֿט:

„עס איז ניטאָ קיין אמת, קיין מילדקייט, קיין גאָט־באַ־

וואוסטזיין אין לאַנד. פֿאַלש שווערן און ליקענען, און גזלנען, און גנבֿענען, און הילטייען איז געוואָרן אַ מנהג, און בלוט צו בלוט דאָט דערגרייכט. דעריבער וועט טרויערן דאָס לאַנד און עס וועט אומגליקלעך זיין יעדער איינוואוינער אירער".

די זינד אַנטקעגן דער גערעכטיקייט ווערט באַשטראָפֿט. אָבער די שטראָף דערגרייכט ניט איר ציל, ווען עס בלייבט ניט וואַך אין האַרצן פֿון שטראָפֿער דער ליבע-געפֿיל.

און דורך ליבע וועט דערלייזט ווערן די וועלט.

פֿון די פּרימיטיווע פּאָליטישע רעדעס פֿון עמ״ס און די אָפּט־נעפּלדיקע עראָטישע נבֿיאות פֿון הושע דערהויבט זיך די פּאָלי־טישע נבֿואה, וואָס ווייטער אַלץ העכער. די שטורמישע געשע־ענישן טראָגן די אַרזים אויף דייערע וועלן. דאָס פֿאָלק אין דער פּראָווינץ ווערט פֿאַרצווייפֿלט און וואַרפֿט זיך אונטערטעניק צו די פֿיס פֿון די אָקופּאַנטן, און די פֿאַרבליבענע באַפֿעסטיקטע צענטערן, און אין יהודה טרינקען די הערשנדיקע קלאַסן זייער לעצטן בעכער רוישיקן וויין, אין וועלכן עס איז שוין אַריינגעמישט ביטערער סם.

אָבער מיט יעדן נייעם גאַנג פֿון דער אָקופּאַציע עפֿענען זיך איבער דעם קליינעם לאַנד אַלץ ברייטער די האָריזאָנטן פֿון דער גרויסער וועלט, ווי אין דעם אויגנבליק פֿון אַ בליץ, וואָס שניידט דורך די נאַכט פֿון שטורעם. עס ווערן אויסגעראָט די לעצטע סימנים פֿון ענגן נאַציאָנאַליזם פֿון די פֿריערדיקע נבֿיאים. די זיינען איצט ניט נאָר בירגער פֿון זייער קליינעם פֿאָטערלאַנד, די זיינען וועלט-בירגער. און זייער קאַמף און פּראָפּאַגאַנדע-פּלאַץ זיינען אַלע פֿעלקער פֿון דער יבשה און אַלע אינזלען פֿון ים, וואָס זיינען אַריינגעצויגן אין דער וועלט-מלחמה.

כּל-זמן מען האָט נאָך געקאָנט גלויבן, ווי פֿריער אין דער צייט פֿון ירבֿעם דעם צווייטן, אַז דאָס מיליטער פֿון ישראל און

פון זיינע פאַרבינדעטע וועלן קאָנען אָפּשטויסן די חילות פון אשור, איז נאָך אין לאַנד געווען אַן אָרט פאַרן שרייענדיקן פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט געהערשט אין די מלוכה־קרייזן און וועלכער האָט פאַרמאַכט דער פאָלקס־מאַסע די אויגן אויף דער סאָציאַלער פוילקייט פון די, וואָס זיינען אַמאָל דורך דער געשיכטע אייגנטלעך באַרופן געווען אויף צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

נאָך ירבעם דעם צווייטנס טויט (740 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) גייט אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע די דינאַסטיע פון יהוא, אויף וועלכער די נביאים האָבן געלייגט אַמאָל זייערע האָפענונגען. אין ישראל גופא הערשט אין די מיליטערישע קרייזן אַ רייבערייַ, אויפגעטאָן פאַרכאַפן איינע נאָך די אַנדערע די פּאָליטישע הערשאַפט, דערזאָרגאַניזירן מער דאָס לאַנד און זוכן זיך איצט אַ רעוואַנש אין דעם בירגער־קריג מיט יהודה, אין וועלכן עס ווערן אַריינגעצויגן אַרמעאישע מיליטער. פקח דער קיניג פון ישראל און רצין דער קיניג פון ארם, די דאָזיקע אָפּגעברענטע „האַלאָוועשקעס־שפּיצן, וואָס רויכערן זיך נאָך פון צאָרן", וועלן אָנצינדן פון דייער זייט יהודה.

הושע כאַראַקטעריזירט אין איינעם פון זיינע בילדער דעם דאָזיקן צושטאַנד אזוי:

זייערע מלכים האָבן זיי אויסדערוויילט אָן מיר,
די אָנפירער — אָן מיין וויסן...
אַלע ברענען זיי, ווי אַן אויוון, און פאַרניכטן זייערע ריכטער,
אַלע זייערע מלכים פאַלן,
קיינער רופט ניט צו מיר.

און דאָ, אין מיטן גאַנג פון סיריש־אפרימשן קריג, מישן זיך אַריין די אַשורישע אָקופּאַנטן, וואָס האָבן זיך שוין פריער געהאַט אָפּגעשטעלט ביי די טויערן פון דמשק און צפון פון לבנון־באַרג. דער אימפּעריאַליזם גייט פאָראויס ווי אַ סטיכיע, ווי אַ ים, וואָס איז

אַרויס פֿון זיינע בּרעגן. ער פֿליט ווי אַן אָדלער, וועלכער האָט בּרייט צעשפּרייט זיינע פֿליגלען און לאָזט זיך אויף זיין קרבן און קיינער איז ניט אימשטאַנד אים אָפּצוהאַלטן.

זיינע פֿיילן זיינען שאַרף,
זיינע בּויגנס — אָנגעצויגן,
די פּאָדקאָוועס פֿון זיינע פֿערד זיינען, ווי אַ צינדער־שטיין,
און זיינע רעדער ווי אַ שטורעם־ווינט.
זיין געשריי איז ווי פֿון אַ לעמפּערט,
ער גרילט ווי לייבּן,
ער בּרומט און האַלט זיין קרבּן,
ער לאָזט אים אָפּ און קיינער איז ניט אימשטאַנד צו ראַטעווען.
ער וועט בּרומען אין יענעם טאָג, ווי דער ים,
קוקן צו דער ערד איז פֿינסטער, ענג
און דאָס ליכט איז פֿינסטער געוואָרן אין די וואָלקנס.

אַזוי שילדערט דעם אימפּעריאַליזם דער גרעסטער פּאָליטישער נבֿיא פֿון דער תּקופֿה ישעיהו. פֿאַר אים איז שוין דער פּאָליטישער גורל פֿון דער צפֿון־מלוכה אַ באַשלאָסענער, נאָך איידער שלמנאסר האָט פֿאַרטריבּן די פֿאָלקס־מאַסן פֿון לאַנד. דערראָדיקער גורל דאַרף דינען ווייניקסטנס פֿאַר אַ לעבּעדיקן בּיישפּיל פֿאַר דער „יינגערער שוועסטער" — יהודה.

און ישעיה קאָנצענטרירט די גאַנצע קראַפֿט פֿון זיין געזעלשאַפֿטלעכער ווירקונג אין ירושלים. ער פֿירט דאָ אָן אַ בּרייטע פּאָליטיש־דערציערישע פּראָפּאַגאַנדע, ער וויל דאָ דערגרייכן די ערשטע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, אַוועקלייגן דעם ערשטן גרונד־שטיין פֿאַר אַ „שטאָט פֿון גערעכטיקייט און טרייקייט", כּדי פֿון דאַנען דערנאָך צו פֿאַרבּרייטערן די הערשאַפֿט פֿון סאָציאַלן יושר און פֿעלקער־שלום אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע וועט דאַן אויסדערוויילן ירושלים פֿאַר איר גייסטיקן צענטער.

די פּלשתּים האָבּן פאַרנומען די שטעט בּיים בּרעג פון מיטל־לענדישן ים, אָרם האָט אָפּגעוואָרפן יהודה פון דעם פּאָרט אילת אויפן רויטן ים, דער צפון פון יהודה איז רואינירט דורכן בּירגער־קריג מיט ישראל. איז דאָס ניט גענוג, אַז יהודה זאָל זיך אַרומזען?

וווּ זאָלט איר נאָך געשלאָגן ווערן,
אַז איר וועט זיך ווייטער אויך אָפּקערן?
יעדער קאָפּ איז קראַנק,
יעדער האַרץ טוט וויי,
פון פיאַטע בּיזן קאָפּ איז אַליץ אומגעזונט.
אַ וואונד און בּייל און פרישע מכה,
ניט בּאַשמירט, ניט פאַרבּונדן און ניט ווייך געמאַכט מיט בּוימל,
אייער לאַנד איז וויסט, די שטעט פאַרבּרענט אין פייער,
אייער לאַנד עסן פרעמדע פאַר אייערע אויגן,
און די איז וויסט ווי נאָך אַן איבּערקערעניש פון פרעמדע.
און ציון בּלייבּט ווי אַ בּיידל אין אַ ווייַנגאָרטן,
ווי אַ נאַכט־לאַגער אין אַ גרינס־גאָרטן,
ווי אַ בּאַלאַגערטע שטאָט.

דאָס לאַנד איז פאַרלאָרן און אָפּגעשוואַכט נאָר פון זיין אי־נעווייניקסטער סאָציאַלער פוילקייט,

ווי אַרום איז דאָס געוואָרן גלייך צו אַ זונה די טרייע שטאָט?
זי איז געווען פון רעכט און גערעכטיקייט, איצט זיינען
אין איר רוצחים.

דיין געלט איז געפעלשט,
דיין וויין — געמישט מיט וואַסער.
דיינע בּאַאַמטע — פאַררעטער,
מיטאַרבּעטער פון גנבים,
אַלע האָבּן זיי ליבּ שוחד,

און יאָגן זיך נאָך געצאָלט.
אַ יתום משפּטן זיי ניט.
דער פּראָצעס פֿון אַן אלמנה דערגייט ניט צו זיי.

אוי, די וואָס דערפֿירן אַ שטוב צו אַ שטוב,
דערנעענטערן אַ פֿעלד צו אַ פֿעלד,
דען וועט איר זיך אַליין באַזעצן אין לאַנד?!...
אוי, די וואָס שטייען־אויף פֿרי און יאָגן זיך נאָך ביר,
זיצן שפּעט אין דער נאַכט, און דער וויין צינדט זיי אָן,
דעם פֿידל, די האַרפֿע, די פּויק און די פֿלייט
און וויין צום טרינקען.
און יהוהס שאַפֿונג זעען זיי ניט...
דערפֿאַר ווערט פֿאַרטריבן מיין פֿאָלק אומבאַוואוסטזיניק,
און זייערע אַדעליקע וועלן פֿון הונגער שטאַרבן
און זיינע מאַסן אויסמאַטערן זיך פֿון דאָרשט,
דערפֿאַר האָט די גרוב ברייט איר זייל פֿונאַנדערגעמאַכט
און פֿונאַנדערגעריסן איר מויל אָן אַ ברעג,
און ס'איז אַראָפּ איר (ירושלימס) פּראַכט און טומל און גערויש
און איר פֿריילעכקייט.
דער מענטש האָט זיך איינגעבויגן און דערנידערט.

און ווען די הערשנדיקע קלאַסן פֿון ירושלים דערהערן די שניידיקע ווערטער פֿון דעם נביא, מאַכן זיי אַ פֿרומע מינע און מיט אַ פֿולער האַנט פּרוון זיי איבערצובעטן גאָט, וועלכער האָט זיך צעביידערט אויף זיי. פֿון די פֿעטע פּאַשע־פֿלעצער, וואָס אין ירדן־טאָל, וואו עס אַרבעטן צוליב די ירושלימער פּאַראַזיטן מהנות פֿון אָרעמע פּויערים, געקויפֿטע און געהונגעגע קנעכט, פֿירט מען פֿעטע אָקסן און געשטאָפּטע שעפּסן אויפֿן ציון־באַרג, און וואָס פֿלאַמענדיקער עס רעדט דער נביא, אַלץ מער טריפֿט בלוט אויף

די מזבחות פֿון דער פֿאַרמעלער אמונה, אַלץ זאַטער האָבן צו עסן די כהנים פֿון קיניגלעכן טעמפּל.

אָבער דער נביא קומט איפֿן ציון-באַרג, גייט אַריין אין דער עזרה, וואו מיט צופֿרידענע פּנימער גייען אַרום די פֿאַרבלענדעטע און טרעט-אַרויס מיט זיין דרייסטער און שאַרפֿער רעדע:

הערט יהודה וואָרט, איר באַאַמטע פֿון סדום,
די לערע פֿון אונזער גאָט — דו פֿאָלק פֿון עמורה.
צו וואָס דיינען מיר אייערע פֿילע שחיטות — זאָגט יהוה.
איך בין זאַט מיט געאָפּפֿערטע לעמער,
מיטן פֿעטס פֿון געשטאָפּטע קעלבער,
מיטן בלוט פֿון אָקסן, שעפּסן און בעק.
איך וויל ניט — איר זאָלט קומען זען מיך,
ווער בעט אייך טרעטן מיינע הויפֿן?! —
ברענגט מער ניט קיין פֿאַלשע גאָב,
אייער ווייריך עקלט מיר...
אייערע הענט דיינען פֿול מיט בלוט.
וואַשט זיך, רייניקט זיך,
באַזייטיקט פֿון מיינע אויגן אייערע שלעכטע מעשים,
הערט אויף צו טאָן שלעכטס.
לערנט גוט, פֿאַרלאַנגט רעכט,
זייט באַהילפֿיק דעם באַרויבטן,
משפּט דעם יתום,
פֿירט דעם פּראָצעס פֿון אַן אַלמנה.

בנהריבס באַטאַליאָנען, וואָס זיינען טריאומפֿירנדיק דורכגע-גאַנגען קליין-אַזיע, „הערנידעריקט די מעכטיקע בירגער און צע-רויבט זייער צוקונפֿט“, וועלכע האָבן אָפּגעשאַפֿן אַלע פּאָליטישע גרעניצן צווישן די קליינע לענדער אַרפּד, חמת, כרכמיש און כלנה, האָבן זיך דערנעענטערט אויך צו די מויערן פֿון ירושלים.

דער קראַנקער חזקיהו, אַנטטוישט אין דעם ערפֿאָלג, וואָס עס וועט קאָנען האָבן דער ווידערשטאַנד פֿון זיין חייל, זוכט איצט הילף ביים אַלטן ישעיהו, וועמעס פּאָליטישע התראות זיינען די גאַנצע צייט איגנאָרירט געוואָרן אין קיניגלעכן הויף. ווייסנדיק פֿון די ערנסטע קאָנפֿליקטן, וואָס האָבן זיך צעשפּילט אין קיניגלעכן הויף אין נינוה נאָך סנחריבס אַרויסמאַרשירן קיין מערב־אַזיע, הערנדיק וועגן דער קאָלאָסאַלער מגפֿה־עפּידעמיע, וועלכע הערשט אין סנחריבס לאַגער, איז ישעיהו געווען איבערצייגט, אַז די אָקופּאַציע פֿון ירושלים וועט ניט פֿאָרקומען; אָבער די סיבות, צוליב וועלכע זי וועט זיך אָפּשטעלן, זיינען ריין־צופֿעליקע, דער טאָג פֿון ירושלימס ירידה מוז קומען, ירושלים איז פֿאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. וועט זי ניט דערשלאָגן דער אַשורישער אימפּעריאַליזם, וועט זי פֿאַלן שפּעטער פֿון דער האַנט פֿון בבלישן אימפּעריאַליזם.

אַזוי האָט געזאָגט יהוה וועגן דעם קיניג פֿון אשור:
ער וועט ניט קומען אין שטאָט,
ער וועט ניט וואַרפֿן אויף איר קיין פֿייל,
וועט זי ניט באַגעגענען מיט קיין פּאַנצער,
ער וועט ניט אָנשיטן אויף איר קיין באַטאַרייעס;
אין דעם וועג, אויף וועלכן ער איז געקומען, וועט ער אַוועק
און אין שטאָט וועט ער ניט אַריין... —
אָבער טעג קומען אָן,
און מען וועט אַוועקטראָגן אַלץ פֿון דיין הויז,
אַלץ וואָס עס האָבן אָנגעזאַמלט ביז איצט דיינע עלטערן,
קיין בבל, קיין זאַך וועט ניט בלייבן.

סנחריב האָט איבערגעריסן אין מיטן די בלאָקאַדע פֿון ירושלים. די עפּידעמיע אין זיין חייל און די געשעענישן אין זיין פֿאָטערלאַנד האָבן אָפּגעקילט זיינע אימפּעריאַליסטישע לײַדנשאַפֿטן.

חזקיהו איז גיך געשטאָרבן, אָבער די אינעווייניקסטע צע־

פֿאַלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט איז געגאַנגען ווייטער מיט אַ שטאַרקערן טעמפּ. דעם פֿלוצלונגן אַוועקגאַנג פֿון די אשורישע חיילות האָט מען דאָ איצט אויסגעטייטשט אַלס אַ סימן פֿון יהודהס מאַכט און גבורה. די אַמביציע פֿון די הערשער איז געוואָרן איצט ניט געוויינלעך גרויס, די מיליטערישע פּאַרטיי און די הויף־יועצים האָבן איצט טריאומפֿירט, די פּאַרמעגלעכע קלאַסן פֿון ירושלים האָבן זיך מיט מער באַגייסטערונג אָפּגעגעבן זייערע תּאוות און פֿאַרגעניגנס. דער בעל־קולט האָט זיך ווידער צעבליט אין דער הויפּט־שטאָט, צוגעגעבן די אַלע לײַדנשאַפֿטן פֿון הערשנדיקן קלאַס דעם פּאַ׳שן שײַן פֿון אַ רעליגיעזער עבֿודה.

די הויף־פּאַרטיי מיטן יונגן קיניג מנשה אין דער שפּיץ האָט זיך איצט מיט נײַעם מוט און מיט פֿעסטער אַנטשלאָסנקייט זיך געוואָרפֿן אויף אירע קריטיקער, וואָס האָבן איראָניש זיך באַצויגן צו איר מאַכט און אָנגעוויזן אויף איר אינעווייניקסטער פֿוילקייט.

עס זײַנען אָנגעקומען טעג פֿון פּאָליטישן טעראָר און פֿון שווערד. פֿון דער רעאַקציע איז געפֿאַלן דאַן, ווי עס מיינט די פֿאָלקס־לעגענדע, — צווישן דער גרויסער צאָל פֿון זײַנע אָנהענגער און תּלמידים, אויך דער אַלטער ישעיה, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט אַ גלענצנדיקן לעבן פֿון פּאָליטישן קאַמף און האָט באַפֿרוכפּערט דעם געזעלשאַפֿטלעכן געדאַנק פֿון די קומענדיקע דורות.

---

10. די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פֿון די נביאים.

דער שטורעם פֿון בירגער־קריג צווישן יהודה און ישראל, אין וועלכן עס מישן זיך שפּעטער אַריין אויך די אשורישע און מצרישע אָקופּאַנטן, ברענגט די נביאים צו אַ פֿולקומער אַנטוישונג אין דעם עקסיסטירנדיקן געזעלשאַפֿטלעכן סדר און שטויסט זיי פֿון קריטיק און פּראָפּאַגאַנדע צו ליידנשאַפֿטלעכע מחשבֿות וועגן אַ נייער אידעאַלער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג אין דער צוקונפֿט. זיי שטרעבן און ציען זיך צו איר מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זייער טעמפּעראַמענט, זיי מאָלן איר אין די העלסטע פֿאַרבן, גייען־צו צו איר מיטן געפֿיל פֿון העכסטער פּיעטעט. אָבער די קאָנטורן פֿון דער צוקונפֿטס־וועלט בלייבן פֿאַר זיי אָפֿט ניט קלאָר, נעפּלדיק, און נאָך ווייניקער קלאָר בלייבט פֿאַר זיי דער וועג, אויף וועלכן מען קאָן דערגרייכן דעם דאָזיקן גן־עדן, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעמאָלט אין זייער עטישער פֿאָרשטעלונג.

אַזוי איז אויסגעוואַקסן יענע גרויסע סאָציאַלע אוטאָפּיע פֿון די נביאים, פֿון וועלכער די מיטלעלטערלעכע טעאָלאָגיע האָט אַרויסגענומען דעם גאַנצן סאָציאַלן תּמצית און איבערגעלאָזן דעם שפּינוועבס פֿון רעליגיעזן רעפֿאָרמיזם.

מיר מיינען דערמיט דעם משיח־געדאַנק, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן צום ערשטן מאָל ביי די גרויסע פּאָליטישע נביאים און האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנצער ריי פֿראַגמענטאַרע צוקונפֿטס־בילדער פֿון דער נבֿואה־ליטעראַטור.

בשעת שלמנאסרס היילות האָבן פֿאַר זיך געטריבן מחנות פֿון ישראלשע געגנט איבער די אַמאָנישע בערג און דעם מוריִשן דבר בעז

כנהריב האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ שטורעם-ווינט פון קלײן-אַזיע אין צפונדיקן סוריא קײן יהודה, און די דעמאָראַליזירטע העכערע קלאַסן פון לאַנד, ניט אַרויסלאָזנדיק פון זײערע נעגל די אונטערדריקטע פאָלקס-מאַסן, האָבן זיך געוואָרפן פון אײן קאָאַליציע צו דער צווײטער, כדי צו ראַטעווען זײערע פּאַלאַצן און ווײנגערטענער, — זײנען אין ירושלים און אין זײנע לעטטיקע טעמפּלען און סעדער אומגעגאַנגען מענטשן-דענקער, אין אַלײנעם העמד און פעלענעם גאַרטל. זײ האָבן זיך פרײוויליק אָפּגעזאָגט פון די פאַרגעניגנס פון דער זינדיקער געזעלשאַפט, פון גאָט, וועלכן די רײכע האָבן געשטאָפּט מיט פלײש ווי זײערע ווײבער און קינדער און דערלאַנגט אים אויף גאָלדענע מזבחות פרכט-קרבנות אין דילבערנע קערבער.

אָנשטאָט דעם טעמפּל-גאָט, דעם גאָט פון זאַטע הערן און אומגליקלעכע קנעכט, וועמעס אוצרות מען וועט מאָרגעדיקן טאָג מיט האַס און שפּאָט אַוועקטראָגן אויף די פלינקע מצרישע און אשורישע פערד, האָט ער געהאַט זײן גאָט פון גערעכטיקײט, וועמעס טעמפּל איז אין דער מענטשלעכער נשמה, און וועלכער אַנטפּלעקט זיך אין פײער פון מענטשלעכן גײסט.

אָנשטאָט דעם קיניג, וועלכער שמירט זיך מיט בוימלען און שפּײזט זיך פון מענטשלעכן שווייס, זאַמלט די פּראַצע פון פאָלק, כדי אויסצובעטן עס דערנאָך צו די פיס פון העכערע טיראַנען, האָט זיך אים געמאָלט דאָס בילד פון דעם משיח-קיניג, וועלכער וועט אויפבויען די וועלט דורך גלײכקײט און גערעכטיקײט און זי אָנפירן מיט אַ מילדער און זיכערער האַנט:

„עס וועט אויף אים רוען יהוהס גײסט
דער גײסט פון פאַרשטאַנד און באַוואוסטזײן,
דער גײסט פון ראַט און העלדישקײט,
דער גײסט פון וויסן און אָפּשײ פאַר יהוה.

און ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע,
און ער וועט מיט יושר פאַרמיטלען צווישן די ליידנדיקע
פון דער וועלט.
און ער וועט שלאָגן די וועלט מיטן רוט פון זיין מויל,
און מיטן גייסט פון זיינע ליפן וועט ער טויטן דעם אומ-
גערעכטן,
און די גערעכטיקייט וועט זיין דער גאַרטל אויף זיינע לענדן
און די טרייקייט דער גאַרטל פון זיינע...
און עס וועט וואוינען אַ וואָלף מיט אַ שעפּס,
און אַ לעמפּערט וועט ליגן מיט אַ קאַלב,
אַ לייב און אַ געשטאָפּטער אָקס וועלן זיין צוזאַמען
און אַ קליין קינד וועט זיי אָנפירן.
אַ קו און אַ בער וועלן זיך פיטערן צוזאַמען,
צוזאַמען לייגן זייערע קינדער,
אַן אָקס וועט עסן היי באַגלייך מיט די שאָף,
און אַ זויג-קינד וועט זיך שפּילן ביי דער שלאַנגען-לאָך,
און צו דער לאָך פון אַן עקדעש שטעקט אויס אַן אַנטוויינט
קינד זיין האַנט.
די וועלן ניט טאָן קיין שלעכטס און ניט פאַרדאַרבן אויף
מיין גאַנצן הייליקן באַרג,
דען די וועלט איז געוואָרן פול מיט יהוה-באַוואוסטזיין, ווי
וואַסער, וואָס פילן אָן דעם ים.

און עס וועט זיין אין דעם סוף פון די יאָרן וועט דער
באַרג פון גאָטס-הויז זיין
אין דער שפּיץ פון אַלע בערג,
און ער וועט זיך דערהייבן איבער אַלע הויכעכישן,
און עס וועלן זיך צו אים ציען אַלע פעלקער.

און פיל פעלקער וועלן גיין און זאָגן:
קומט און לאָמיר אַרויפגיין אויף דעם יהוה־באַרג,
און זאָל ער אונז לערנען זיינע וועגן...
און זאָל ער משפּטן צווישן די פעלקער,
און פאַרמיטלען צווישן די פיל נאַציאָנען.
זיי זאָלן איבעראַרבעטן זייערע שווערדן אין גראָב־אייזנס,
און זייערע שפּיזן — אין גאָרטן־מעסערס.
אַ פאָלק אויף אַ פאָלק זאָל ניט אויפהויבן קיין שווערד,
און מען זאָל זיך מער ניט לערנען מלחמה צו פירן.

פאַרן טריבונאַל פון משיח־קיניג וועלן זיך שטעלן די פעלקער פון דער וועלט, זיי וועלן אים אַליין אויסקלייבן פאַר זייער שופט. און ער, דער דערלייזער פון די אָרעמע, יתומים און אַלמנות, וועט קודם־כל אַרויסרייסן דעם שווערד פון זייערע הענט, וועט אָפּשטילן די מאַסן־רציחות און וועט פאַרוואַנדלען די בלוטיקע כלי־זיין אין געצייג פון פרידלעכער שאַפונג, און ער וועט אָנצינדן אַ זון פון מילדקייט און שלום אין די הימלען, וועלכע וועט וואַרעמען און לייכטן אַלעמען גלייך. אויפן קבר פון מיליטאַריזם, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך וויסטע געגנטן, חרובע שטעט, צעטראָטענע פעלדער און גרויסע בית־עלמינס, וועט אויפגעבויט ווערן, לויט דער איניציאַטיוו פון משיח־קיניג, אַ וועלט־מלוכה, אַ מלוכה פון אַרבעט.
אין אַזעלכע אַלגעמיינע קאָנטורן מאָלן זיך די נביאים ווי מיכה און ישעיהו די קומענדיקע געזעלשאַפט, צו וועלכער זיי שטרעבן, פאַר וועלכער זיי קעמפן. אַלס אידעאַליסטן, גלויבן זיי אין דער קראַפט פון דער דערציאונג און איבערצייגונג, דורך וועלכער זיי וועלן קאָנען איבערבויען די וועלט. עס וועט קומען אַ צייט און דאָס פאָלק, אַלע פעלקער, וועלן זיי פאַרשטיין. די שווערע נסיונות פון דער צייט וועלן זיך פאַר זיי פאַרוואַנדלען

אין אַ גרויסער שול, און האָן וועלן זיך עפּענען פאַר דער מענטשהייט די טויערן פון יענער געטרוימטער וועלט.

דאָס דאָזיקע שטרעבן פון די נביאים צו אַן אַנדער מלוכה־אָרדענונג, וואָס איז לגמרי פאַרשיידן פון דעם עקסיסטירנדיקן און אין וועלכן עס דאַרפן ניט עקסיסטירן קיין רייכע און זאַטע הערשער און קיין אָרעמע הונגעריקע קנעכט, -- דאָס דאָזיקע שטרעבן האָט מער פון אַלץ אַנטקעגן זיי אויפגעוועקט דעם צאָרן פון די מעכטיקע און האָט קעגן זיי אַרויסגערופן רדיפות, וועלכע האָבן אין ישראל־לאַנד אין דער צייט פון אחאָב און אין יהודה אין דער צייט פון מנשה אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ גרויזאַמען בלוטיקן טעראָר. די נביאים און זייערע אָנהענגער, וועלכע האָבן קיין צייט ניט געהאַט צו באַהאַלטן זיך פון די צאָרנדיקע דעספּאָטן און פון זייערע טרייע משרתים, -- די כהנים און באַאַמטע, -- זיינען געטויט געוואָרן; און די ווייניקע, וואָס זיינען ניצול געוואָרן פון זייערע הענט, האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטעט, וואו זיי האָבן געפירט זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, און באַהאַלטן זיך אין היילן און מדבריות. אין דעראָזיקער צייט פון פּאָליטישן טעראָר, פון מנשהס מלוכה־צייט, איז, ווי מען מיינט, געטויט געוואָרן אויך דער אַלטער ישעיהו, נאָך זיין לאַנגן לעבן פון ערנסטן און אומערמידלעכן קאַמף, נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעלעבט פיר מלכים עוזיהו, יותם, אחז און חזקיהו.

די לעגענדע דערציילט, אַז ישעיהו איז געווען אַ מיטגליד פון דעם קיניגס פאַמיליע, זיין פאָטער איז געווען אַ ברודער פון קיניג אמציהו. וואָס פאַר אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן גייסט ער האָט געדאַרפט פאַרמאָגן. ער זאָל פאַרלאָזן די קיניגלעכע פּאַלאַצן פון ירושלים און באַהעפטן זיך צו די עלנטע און אָרעמע און פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן. ער האָט צו גוט געוואוסט דאָס לעבן פון דער

ירושלימער אַריסטאָקראַטיע, זייער פּוסטקייט און אויסגעלאַסנקייט — און דעריבער איז ער פאַר זיי געווען שעדלעכער פון אַנדערע.

אין יענער צייט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען פון דער נבואה־באַוועגונג, און די נביאים האָבן ניט געקאָנט אַרויסטרעטן אָפן מיט זייער קריטיק און מיט זייערע צוקונפט־אידעאַלן, האָבן זיך, קאָנטיק, צום ערשטן מאָל געגומען ווייזן אין דער געזעלשאַפט די נבואה־ספרים. אמת, ווען די דאָזיקע ספרים פלעגן אָנקומען אין די הענט פון די מלכים און פון זייערע באַאַמטע, פלעגט מען זיי פאַרברענען אויפן פייער. אָבער ביז דאָס פלעגט געשען, פלעגן זיי פאַרשפּרייט ווערן אין גרויסע מאַסן אין פאָלק, די נביאישע יוגנט פלעגט זיי אַראָפּשרייבן געהיים פון דעם נביאס מויל, לייענען זיי פאַרן פאָלק אין די שטעט און הערפער.

אָבער די עצם סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון די נביאים, וועלכע האָבן פריער געטראָגן אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער, האָבן איצט, אין דער צייט פון פּאָליטישן טעראָר, געדאַרפט אָנגעקליידט ווערן אין אַ לבוש פון אַ פאָלקס־דערציילונג, וועלכע זאָל קאָנען פאַרשרייבן און פאַרשפּרייט ווערן אין די מאַסן.

ווען טאָמאַס מאָרוס האָט געוואָלט אין דער טונקעלער תקופה פון 17־טן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד מאָלן זיין צוקונפט־מלוכה, האָט ער געמוזט אָנקליידן זיין שילדערונג אין דער געשטאַלט פון אַ דערציילונג וועגן דעם גליקלעכן אינזל „אוטאָפּיע", וועלכן ער האָט באַזוכט בשעת זיינע וואַנדערונגען איבערן ים. ווען די נביאים קומען מאָלן זייער צוקונפט־מלוכה, וואָס איז צייטיק געוואָרן אין זייער פאָרשטעלונג, טראָגן זיי זי ניט אַריבער געאָגראַפיש אין אַן אַנדער אָרט, נאָר היסטאָריש אין אַן אַנדער צייט; זיי פאַרבינדן זייער אידעאַל מיט דער גרויסער פערזענלעכקייט פון אַ פאָלקס־פירער, וואָס האָט געלעבט מער ווי אַ האַלבן יאָרטויזנט פאַר זייער צייט און קעגן וועלכן עס איז איצט אוממעגלעך דער

שווערד פון די ערשער און הענקער, — משה איז פאר זיי געוואָרן איצט דער סימבאָל, דער טרעגער פון זייערע צוקונפטס־אידעאַלן. ער איז פון זיי געקרוינט געוואָרן אַלס דער פּאָטער פון די נביאים.

משה איז פאר דער נבואה־ליטעראַטור דער אידעאַלער טיפּ פון אַ פאָלקס־פירער און פאָלקס־לערער. און כדי צו באַווייזן דעם פאָלק קלאָר און בילדלעך, ווי אַזוי דערהאָזיקער אידעאַלער לערער און פירער האָרף זיך פראַקטיש באַגיין, מיט וועלכע מיטלען ער האָרף דערציען דאָס פאָלק צו די אידעאַלן פון גלייכקייט און גערעכטיקייט און ווי אַזוי ער האָרף שטרעבן צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, איז אָנגעשריבן אין נביאישן גייסט די געשיכטע פון משהס לעבן און פאָלקס־פירונג, וועלכע האָט שפּעטער געבילדעט (נאָך פאַרשיידענע שינויים) דעם היסטאָרישן טייל פון ספר דברים.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דעם געשילדערטן אידעאַליזירטן טיפּ פון משה, געפינען מיר אין אים אַ פולע פאַרקערפערונג פון דעם משיח־קיניג, וועלכן עס האָט אונז געמאָלט ישעיה, און וועלכער ווערט דאָך אויף אַן אמת כאַראַקטעריזירט אַלס „לערער און ריכטער פון די פעלקער.

ווי דער משיח־קיניג אַזוי איז אויך משה ניט קיין הערשער, וואָס געוועלטיקט איבער מענטשן, ער איז ניט דער שטאַרקסטער און שטאָלצסטער, וואָס איז „פון אַקסל אָן העכער פון גאַנצן פאָלק", ער איז, פאַרקערט, דער שטילסטער און „באַשיידנסטער פון אַלע מענטשן אויף דער ערד", ווייל ניט אין פיזישער קראַפט, אין געוואַלט־טאַטן און מלחמות, ליגט דער מהות פון זיין פאָלקס־פירונג. בשעת דער קיניג און די האַרן „ביי אַנדערע פעלקער" בינדן אָן דעם פאָלק זייער רצון, טוען אים אָן איפן האַלז זייער יאָך, איז ער, דער אידעאַלער פאָלקס־פירער, נאָר דער עלטסטער צווישן

דער קאָלעגיע, וועלכע דאָס פֿאָלק ווילט אויס פֿאַר אַ מיט־אַרבעטער. „ווי קאָן איך אַליין טראָגן אייער מי, אייערע אינטערעסן און פּראָצעסן? באַשטימט זיך קלוגע, פֿאַרשטאַנדיקע מענטשן, און אָנגעזעענע צווישן אייערע שבֿטים, וועל איך זיי אַוועקשטעלן אין אייער שפּיץ". און ווען דאָס פֿאָלק פֿירט אויס דעם פֿאַרלאַנג פֿון זיין לערער און פֿירער, הפּט יענער צונויף די אויסדערווילטע פֿאָלקס־פֿאַרטרעטער און גיט זיי פֿאָלגנדיקע אינסטרוקציע: „באַציט זיך אויפֿמערקזאַם צו אייערע ברידער, משפּט מיט גערעכטיקייט אייערע פֿאָלקס־ברידער און אויסלענדער, זייט ניט נושא־חן אין דין, הערט אויס דעם קליינעם ווי דעם גרויסן, דען דאָס רעכט געהערט צו גאָט".

די מלחמות, וועלכע ווערן דאָ געשילדערט, זיינען באַשטראַלט דורך דעם גייסט פֿון דער נביאישער וועלט־השקפֿה. דעם פֿאָלק, וואָס ווערט דערצויגן צו אַ נייער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, אין וועלכער דער שווערד און שפּיז וועלן זיין איבערגעאַרבעט אין געציי פֿאַר ערד־אַרבעט, קאָנען מער ניט דינען פֿאַר אַ אידעאַל די אַלטע אָקופּאַציע־מלחמות פֿון זיינע וואַנדערנדיקע עלטערן, וואָס האָבן זיך מיטן שטורעם און מיט דער פּרימיטיווקייט פֿון בעדואינער אַריינגעריסן אין קולטור־לאַנד, אומגעבראַכט טויזנטער לעבנס און חרובֿ־געמאַכט שטעט. ישראל, אַלס אידעאַל פֿון די נביאים, אַלס פֿאָלק פֿון דער צוקונפֿט, וועט ניט צוליב זיינע ענגע אייגענע אינטערעסן איינעמען שטעט און לענדער, ער איז דער טרייער גאַרניזאָן פֿון יהוה, ער איז דער קעמפֿנדיקער פּיאָנערן־באַטאַליאָן פֿאַר דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, דורך זיין האַנט ווערט דערפֿילט גאָטס־שטראָף איבער פֿעלקער. מיטן פֿאָלק אויפֿן שלאַכט־פֿעלד גייט דער לערער און פֿירער, ער האַלט אָפּ דאָס פֿאָלק פֿון קריגס־אַרויסטרעטונגען, וואו עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט צונויפֿצו־ריידן זיך אויפֿן פֿרידלעכן אופֿן. קיין שטאָט טאָר ניט באַפֿאַלן

ווערן, איידער עס איז איר פאַרגעליגט צו שליסן שלום; נעמט זי אָן דעם שלום, ווערט ניט פאַרגאָסן קיין איין טראָפּן בלוט פון אירע בירגער. נעמט די שטאָט ניט אָן דעם שלום־פאָרשלאָג, דאַן ווערט געפירט אַ מלחמה נאָר צווישן די מאַנסלייט פון ביידע צדדים, די אומשולדיקע ווייבער און קינדער בלייבן אומבאַר׳רט. און אַפילו די מאַנסלייט טרעטן אַרויס אויף מלחמה נאָר אַלס פרייוויליקע; ס׳ווערן מער ניט אַרויסגעפירט מיט גוואַלט אויפן שלאַכט־פעלד גרויסע פאָלקס־מאַסן, וואָס זאָלן פאַרגיסן זייער בלוט פאַר אומבאַקאַנטע צילן. עס גייט אויפן שלאַכט־פעלד נאָר דער, ווער ס׳ווייס די צילן פון דער מלחמה און איז ביכולת דורכצופירן זיך מיט אמתער העלדישקייט, אָדער דער, וועמעס פרידלעכע אינטערעסן רופן אים צו בלייבן אין דער היים, דער בלייבט אין דער היים.

„און די באַפעל־געבער זאָלן צום פאָלק זאָגן אַזוי: ווער עס האָט אויפגעבויט אַ נייעם הויז און אים נאָך ניט באַנייט, זאָל גיין און אומקערן זיך אַהיים, דען אויב ער וועט שטאַרבן אין שלאַכט, וועט אים אַן אַנדערער באַנייען. און ווער עס האָט פאַר־פלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן און אים נאָך ניט באַנוצט, זאָל גיין און אומקערן זיך אַהיים, דען אויב ער וועט שטאַרבן אין שלאַכט, וועט אים אַן אַנדערער באַנוצן, און ווער עס האָט אַ פרוי און זי נאָך ניט גענומען, זאָל גיין און אומקערן זיך אַהיים, דען אויב ער וועט שטאַרבן אין שלאַכט, וועט זי אַן אַנדערער נעמען; און ווידער זאָלן זאָגן די באַפעל־געבער צום פאָלק: ווער עס איז אַ שרעקעדיקער און אַ ווייך־האַרציקער, זאָל גיין און אומקערן זיך אַהיים, און זאָל ניט אָפּשוואַכן זיינע ברידערס האַרץ, ווי זיין אייגענע“.

און ווען עס הייבט זיך אָן די שלאַכט, דאַרף מען זען וואָס־ווייניקער צעשטערונג אַריינטראָגן אין דער נאַטור. באַזונדער ווערט שטרענג פאַרבאָטן צו שניידן פרוכט־ביימער צו מלחמה־צוועקן.

ווי ניט מעסיק עס זיינען דאָ צום טייל די פאָרשטעלונגען פון די נביאים, אָבער ווי ווייט זיינען זיי פון דעם ווירקלעכן אויסזען פון די מלחמות אין דער אָקופּאַציע־צייט און בפרט פון די אימפּעריאַליסטישע מלחמות פון דער נביאישער תקופה. וואָס פאַר אַ אידעאָלאָגישער תהום עס ליגט צווישן דידאָזיקע וואָס זיינען שוין איינגנטלעך אַ שפּעטערע איבעראַרבעטונג) אידעאַלע פאָרשילדערונגען פון יהושע און שופטים־בוך, אַזאַ תהום, וועלכן עס האָט זיך אומזיסט געפּרווט שפּעטער דער תלמוד אויסגלייכן, וועלנדיק געפינען אַ איינהייטלעכקייט אין דער ביבלישער ליטעראַטור.

דער היסטאָרישער און סאָציאָלאָגישער [illegible]. אַז אונטער דער פּאָליטישער מאַסקע פון היסטאָרישע דערציילונגען, ווערט אונז דאָ אין דער תקופה פון דעספּאָטיזם און וועלט־מלחמות געגעבן אַ בילד פון דער צוקונפטיקער וועלט, אַ בילד, וואָס איז צו אונז שוין דערגאַנגען אין אַן אָפּגעבלייכטער געשטאַלט, ווייל אויך אים האָבן שוין דערנאָך געאַרבעט אין דער בבל־צייט מענטשן מיט אַנדערע טעמפּעראַמענטן און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע כוונות.

אָבער אַפילו אין זייער אָפּגעשוואַכטן געשטאַלט האָבן די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון די נביאים ניט פאַרלאָרן זייער געזונטן רעוואָלוציאָנערן קערן, וועלכער האָט באַפרוכפּערט דעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק פון פאַרשידענע פעלקער און צייטן.

11. די מלוכה=רעפאָרם און די קאָנסטיטוציאָנעלע באַ=גרעניצונג פון דער מאָנאַרכיע.

(621 פאַר דעם קריסטל. חשבון).

די מלוכה=צייט פון מנשה איז געווען אַ צייט פון פּאָליטישן טעראָר אין יהודה, ווי פריער די מלוכה=צייט פון אחאב אין ישראל. דער אַשורישער אָדלער האָט שוין פון דער וואָלקן=הויך געקוקט אויף יעדער באַוועגונג פון זיין קרבן. און כדי ניט צו דערוועקן די אומצופרידנקייט פון די אָקופּאַנטן, כדי אָפּצושטעלן אין לאַנד יעדער געזעלשאַפטלעכע קריטיק פון עקסיסטירנדיקן סדר, פון די עקסיסטירנדיקע פּאָליטישע באַציאונגען, כדי ניט צו פּאַראַליזירן די לײדנשאַפטלעכע אָנשטרענגונגען פון מיליטאַריזם, וואָס די נביאים האָבן באַגעגנט מיט אַ ביטערער איראָניע, — האָט מנשה פאָרגענומען די בלוטיקסטע רדיפות אַנטקעגן די שאַרפע קריטיקער פון זיין פּאָליטיק, קעגן די נביאים און קעגן אַלע אָנהענגער פון דער נביאישער יהוה=אמונה, אין וועלכער דער קעמפנדיקער יהוה טרעט אַליין אַרויס אַלס פאָטער פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק.

ווי אַמאָל, אין די טעג פון אחאב, האָט זיך געגאָסן בלוט פון רעוואָלוציאָנערע און פּאָליטישע קריטיקער אין יזרעאל און אין שומרון, אַזוי גיסט זיך איצט בלוט אין ירושלים. דאָס איז די צייט, וועלכע ירמיהו האָט שפּעטער געשילדערט מיט די ווערטער:

> דער שווערד האָט געפרעסן נביאים,
> ווי אַ צוקנדיקער לייב.

ער האָט זיי געפרעסן, האָט זיי אָבער ניט געקאָנט אויפפרעסן. די פּאָליטישע ירידה פון ישראל, האָט געשאַפן אין יהודה אַ רע=

פאָרם-באַוועגונג אין נביאישן גייסט, וואָס האָט געלאָזן צו-טיפֿע וואָרצלען אין בירגערלעכן באַוואוסטזיין, און דער טראַר האָט די פּאַר קיין פֿאַל ניט געקאָנט מער אַרויסרייסן. אַפֿילו אין די מעסיקע כהנים-קרייזן איז מען געווען געניגט צו באַשטימטע רעפֿאָרמען. די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק האָט זיך געהאַלטן אויף די מיליטער- און הויף-באַאַמטע.

עס איז אָבער געווען גענוג, אַז מנשה זאָל שטאַרבן און זיין זון אָמון זאָל פּרוּוון פֿירן ווייטער זיין רעאַקציאָנערע פּאָליטיק, ווי אין די הויף-קרייזן גופֿא האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אַן אויפֿשטאַנד, אין וועלכן די כהנים און די מעסיקע נביאים האָבן, קאָנטיק, גענומען אַן אָנטייל, און אויפֿן אָרט פֿון געטויטן אָמון איז באַשטימט געוואָרן זיין אַכט-יאָריקער זון יאשיהו. (608 — 639 פֿאַר דעם קריסט-לעכן צייט-חשבון), וועלכער איז געוואָרן באַלד דער ליבלינג פֿון די נביאים און זייער אידעאַל פֿון אַ הערשער.

ווי ס'ווייזט אויס, זיינען נאָכן טויט פֿון מנשה און נאָכן מאָרד פֿון אָמון באַזייטיקט געוואָרן פֿון הויף די רעאַקציאָנערע יועצים, די מיליטערישע באַאַמטע און בעל-כהנים, און די דערציאונג פֿון קיניג איז שוין געפֿירט געוואָרן אין ליבעראַלן גייסט.

עס קלינגען ווי אַ פֿראַגמענט פֿון אַ נביאישן פֿאָלקס-ליד די ווערטער, וואָס זיינען צו אונז הערגאַנגען פֿון הערדאָזיקער צייט:

אַ קינד איז אונז געבאָרן,
אַ זון איז אונז געגעבן.
אויף אים איז אַרויפֿגעלייגט די הערשאַפֿט,
אים איז דער נאָמען געגעבן:
וואונדערלעכער עצה-געבער,

אייביקער פֿאָטער,
האַר פֿון שלום.

די מאַכט איז גרויס,
און שלום אָן אַ ברעג.
דורם טראָן און זיין הערשאַפט
ווערט אונטערגעשטיצט
דורך רעכט און גערעכטיקייט. —

שוין אויפן 18־טן יאָר פון יאשיהוס מלוכה האָט די רעפאָרם־פּאַרטיי געהאַט די פּראַקטישע מעגלעכקייט צו ווערן אַ מלוכה־פּאַרטיי. מעגלעך, אַז חלקיהו דער עלטסטער כהן פון ירושלים, און שפן דער קיניגלעכער שרייבער, וועלכע זיינען געשטאַנען, ווי עס זעט אויס, אין דער שפּיץ פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, זיינען אַליין געווען אויך די דערציער פון יונגן קיניג. זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די ירושלימער נביאים, צווישן וועלכע עס האָט אין יענער צייט פאַרנומען דעם חשובסטן אָרט די פרוי חולדה, די ווייב פון שלום דעם קליידער־היטער. צי האָבן זיי אַליין אויסגעאַרבעט דעם פּראָיעקט פון דער מלוכה־רעפאָרם, וועלכן חלקיהו האָט געפונען אין בית־המקדש, אָדער ער איז שוין אין אַ פריערדיקער צייט אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די נביאישע קרייזן אין צוזאַמענהאַנג מיט די סאָציאַלע שטרעבונגען — איז שווער צו זאָגן. ס׳איז איצט אָבער קלאָר, אַז צוליב פּסיכאָלאָגישע און פּאָליטישע טעמים (אפשר ערשט נאָך יאשיהוס טויט) האָט מען אים מיחס געווען משהן.

עס איז אונז היינט אוממעגלעך פעסטצושטעלן, וואָס פון דעם געזעצלעכן טייל פון דעם אַזוי גערופענעם ספר דברים איז ווירקלעך אַ טייל פון דער יאשיהו־רעפאָרם און וואָס איז ניט מער ווי אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט פון אַ שפּעטערדיקער צייט.

דעריבער לאָזט זיך איצט וויסנשאַפטלעך ריידן נאָר וועגן די יסודות, וועגן די גרונט־פּרינציפּן פון דער רעפאָרם, אָבער ניט וועגן אירע פּרטים.

דער ערשטער און ווילטיקסטער פּרינציפּ איז געווען די קאָנ־סטיטוציאָנעלע באַגרענעצונג פֿון דער מאָנאַרכיע. אַפֿילו די אַריסטאָ־קראַטישע קאָלעגיע פֿון די פֿאַמיליען־עלטסטע האָט פֿאַרלאָרן איר ווירקונג אויף דער אויסוואַל פֿון קיניג. דאָס קיניגטום איז געוואָרן אַ ירושה־זאַך, און ווען נאָכן טויט פֿון אַ קיניג פֿלעגן בלייבן עט־לעכע זין, פֿלעגט גיכער פֿון אַנדערע די מיליטערישע פּאַרטיי, אַלס די השובֿסטע הויף־פּאַרטיי, דורכפֿירן אויפֿן טראָן איר ליבלינג. אָפֿט פֿלעגן זיך אין דער מיליטערישער פּאַרטיי גופֿא שפּאַלטן די מיינונגען, און דער שווערד פֿלעגט באַשטימען דעם גורל פֿון די קאַנדידאַטן.

און ווען דער קיניג פֿלעגט שוין אויסגעקליבן ווערן, פֿלעגט די גאַנצע מלוכה־פֿירונג אָפּהענגען פֿון זיין ווילן. אַפֿילו דער כאַ־ראַקטער־שוואַכער רחבֿעם באַראַט זיך נאָר מיט זיינע יועצים, אָבער באַשליסן באַשליסט ער אַליין זיין מלוכה־פּאָליטיק. נאָר ליבעראַלע מלכים, ווי יהושפֿט, פֿלעגן צונויפֿרופֿן צו פּאָליטישער מיטאַרבעטונג די „עלטסטע פֿון יהודה און ירושלים“, אָבער אויך דאָס איז געווען זייער פֿרייער ווילן. אַלע געזעצן פֿלעגט געבן דער קיניג און זיי פֿלעגן פֿאַרשריבן ווערן דורכן קיניגלעכן שרייבער.

די רעפֿאָרם־פּאַרטיי האָט, קודם־כּל, צוגענומען בײַם קיניג די געזעצגעבערישע מאַכט. דער געזעצגעבער איז ניט דער קיניג, נאָר יהוה, וועלכער אַנטפּלעקט זיין ווילן דורך די נביאים. די העכסטע הערשאַפֿט געהערט דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאָלקס־עלטסטע, וועלכע באַשטייען פֿון זיבעציק מיטגלידער נאָך דער צאָל פֿון די פֿאַרצייטיקע זיבעציק משפּחות, וואָס האָבן געבילדעט דאָס פֿאָלק ישראל. אַלס קיניג קאָן אויסגעקליבן ווערן יעדער בירגער (ניט נאָר פֿון דודס פֿאַמיליע) און דער אויסדערווײלטער קיניג איז שוין ניט מער אַן אומבאַגרענעצטער הערשער, ווי פֿריער, נאָר דער העכסטער פֿאָלקס־באַאַמטער, וועלכער באַקומט זיינע אינ־

סטרוקציעס פֿון געזעץ. ער טאָר ניט האַלטן צופֿיל פֿערד, ניט נעמען זיך צופֿיל פֿרויען, ניט אָנזאַמלען זיך צופֿיל זילבער און גאָלד. „און ווען ער וועט זיך זעצן אויפֿן טראָן, זאָל ער זיך אָפּשרייבן אין אַ בוך אַ קאָפּיע פֿון דערדאָזיקער לערע, און זי זאָל זיין מיט אים, און ער זאָל זי לייענען זיין גאַנץ לעבן, און ער זאָל זיך געוואוינען מורא צו האָבן פֿאַר יהוה זיין גאָט, היטן אַלע ווערטער פֿון דערדאָזיקער לערע און דערפֿילן אַלע געזעצן. זיין האַרץ זאָל זיך ניט דערהויבן איבער זיינע ברי־דער, ער זאָל זיך ניט אָפּקערן פֿון דעם פֿאַרזאָג רעכטס אָדער לינקס, כּדי ער זאָל זיין לאַנגע יאָרן ביי זיין מלוכה, ער און זיינע קינדער אין ישׂראל“.

ווען דער קיניגלעכער שרייבער שפֿן האָט דורכגעלייענט פֿאַרן קיניג יאשיהו דעם פּראָיעקט פֿון דער מלוכה־רעפֿאָרם און האָט זיך פֿאַררופֿן אויף יהוה, אַלס דעם העכסטן געזעצגעבער, איז דער ליבעראַלער קיניג שטאַרק איבערראַשט געוואָרן פֿון דעם תּהום, וואָס ליגט צווישן דער ביזאַהעריקער מלוכה־פּאָליטיק און צווישן דעם נייעם פּראָיעקט. ער האָט ערנסט אויפֿגענומען דעם רעפֿאָרם־געדאַנק, ער האָט צעריסן זיינע קיניגלעכע קליידער און האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע צו די נביאים מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער: „גייט און בעט יהוה פֿאַר מיר, פֿאַרן פֿאָלק און פֿאַר דאָס גאַנצע יהודה־לאַנד וועגן דעם געפֿונענעם (געזעץ־) בוך, ווייל גרויס איז גאָטס צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אויף אונז דערפֿאַר, וואָס אונזערע עלטערן האָבן ניט געהערט די ווערטער פֿון דעםדאָזיקן (געזעץ־) בוך און ניט געטאָן, וואָס אין אים שטייט געשריבן“.

און ער רופֿט צונויף אַ פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג אין יהוה־טעמפּל, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך די עלטסטע פֿון יהודה און ירושלים, אַלע איינוואוינער פֿון דער הויפּט־שטאָט און פֿאָרשטייער פֿון דער פּראָווינץ, און די כּהנים און די נביאים, — און פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג

האָט דער קיניג אַליין איבערגעליפֿערט פֿון דער טריבונע דעם נייעם געזעצבוך און האָט געשלאָסן דיין בונד מיטן פֿאָלק.

אַזוי האָט אין יהודה, נאָענט צו איר פּאָליטישער ירידה, געזיגט די ליבעראַלע פּאָליטיק, די מינימום-פּראָגראַם פֿון דער נביאישער באַוועגונג.

דער אונטערגאַנג פֿון דער צפֿון-מלוכה האָט שוין אָבער געהאַט אָפּגעשוואַכט די כּוחות פֿון יהודה ביזן גרונט. דער בירגער-קריג, דער דעספּאָטיזם, די סאָציאַלע עלנט האָבן שוין צו טיפֿע וואונדן געמאַכט אויפֿן פֿאָלקס-אָרגאַניזם. די הילף פֿון דער רעפֿאָרם איז געקומען צו שפּעט.

חולדה, וועלכע האָט געדאַרפֿט אין פֿלוג באַגריסן די ראָדיקע געזעצגעבונג, האָט פֿון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט אויף איר געקוקט זייער פּעסימיסטיש, די רעפֿאָרם האָט שוין ניט געקאָנט ראַטעווען דאָס לאַנד, וואָס איז אויסגעמאַטערט דורך מנשהס טיראַנישער מלוכה; יהודה איז שוין געווען פֿאַראורטיילט צום פּאָליטישן אונטערגאַנג.

און אַזוי איז געווען דער נביאהס ענטפֿער דער דעלעגאַציע:

„אין דעם קיניג פֿון יהודה, וואָס שיקט איך בעטן יהוה, זאָגט אַזוי: ווייל עס איז ווייך געוואָרן דיין האַרץ און דו האָסט זיך אונטערגעגעבן פֿאַר יהוהן, הערנדיק וואָס איך האָב פֿאָראויסגעזאָגט וועגן דעם אָרט און זיינע איינוואוינער, וועלכע וועלן פֿאַרוויסט און פֿאַרשאָלטן זיין, און דו האָסט צעריסן דיינע קליידער און געוויינט פֿאַר מיר, — האָב איך צוגעהערט, זאָגט יהוה; איך וועל דיך ברענגען דערפֿאַר בשלום צו דיינע עלטערן און דיינע אויגן וועלן ניט זען די שלעכטס, וואָס איך וועל ברענגען אויף דעם דאָזיקן אָרט“.

אָבער אַפֿילו פֿאַר דעם פּונקט טרייסט, וועלכן די נביאה האָט פֿאַרגונען דעם ליבעראַלן קיניג, איז שוין איך ניט געווען קיין

אָרט אין דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט. הילדה האָט פּאַרזען איין גייעם פּאָליטישן פֿאַקטאָר. מצרים, האָט, נאָך אַ לאַנגער צייט פֿון פּאָליטישער שוואַכקייט, זיך ווידער געלאָזן קיין אַזיע, כּדי צו באַנייען איר פּאָליטישע השפּעה איבער די מזרח־לענדער. די רעפֿאָרם־פּאַרטיי האָט זיך אויך אָריענטירט די גאַנצע צייט אויף אַשור; עס קאָן זיין, אַז דידאָזיקע צייט, אין וועלכער אַשור איז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פֿון שוואַכקייט, האָט זי געהאַלטן גראָד פֿאַר דעם גינסטיקן מאָמענט אויף דורכצופֿירן אין לאַנד רזאיק און ניט געשטערט די רעפֿאָרם; איר איבערפֿאַל איז געווען אָבער אין דעם, וואָס זי האָט ניט גענומען אין אַכט, אַז מיט דער־דאָזיקער פּאָליטישער ירידה פֿון אַשור וועט זיך באַנוצן מצרים. עס זיינען אַפֿילו דאָ געוויסע ראיות, אַז די רעפֿאָרם־פּאַרטיי האָט זיך לכתחילה געשטעלט אויף אַ פֿיינדלעכער פּאָזיציע צו מצרים. באַשרייבנדיק די געשיכטע פֿון דעם פּאַרצייטיקן אַרויסגאַנג ישראלס פֿון מצרים, מאָלט זי אַ בילד פֿון פֿיינדלעכע באַציאונגען צווישן מצרים און ישראל, און פֿאַרבאָטנדיק דעם קיניג צו האַלטן פֿיל פֿערד, גיט די געזעצגעבונג בפֿירוש צו די ווערטער, „כּדי ער זאָל ניט אומקערן דאָס פֿאָלק אין מצרים, ד. ה. ער זאָל ניט פֿאַרבינדן קיין פֿריידלעכע האַנדלס־באַציאונגען מיט מצרים, — דעם באַדייטנדיקסטן מאַרק פֿון פּאַרצייטיקן פֿערד־האַנדל.

אַלס טרייער אָנהענגער פֿון דער רעפֿאָרם־פּאַרטיי און פֿון דער נייער געזעצגעבונג האָט זיך יאשיהו ערלעך געהאַלטן ביי דער אַנטי־מצרישער אָריענטאַציע, און ווען פּרעה נכה האָט מיטן מצרישן מיליטער געוואָלט דורכגיין קיין קליין־אַזיע, האָט יאשיהו אים ביי מגדו פֿאַרשטעלט דעם טראַנזיט־וועג און איז געפֿאַלן אין שלאַכט, אַלס קרבן פֿון דער קורצזיכטיקייט פֿון זיין פּאַרטיי. זיין טויטן קערפּער האָט מען געבראַכט צו פֿירן קיין ירושלים. דאָס פֿאָלק האָט אים באַוויינט און מיט אים צוזאַמען אויך די

לעצטע האָפֿענונג אויף פֿרייהייט און זעלבשטענדיקייט. (609 פֿאַרן קריכטלעכן חשבון).

יהודה איז אַריינגעטראָטן אין אַ תקופֿה פֿון שווערן און ניט גלייכן קאַמף, וועלכער האָט זיך גיך געענדיקט מיט איר אונטערגאַנג. דאָס ליכטיקע בילד פֿון דעם ליבעראַלן קיניג יאשיה איז פֿאַראייביקט געוואָרן דורך דער ליטעראַטור אַלס דער לעצטער פרוּוו צו באַנייען די דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט — אַ פרוּוו, וואָס איז געקומען שוין לייַדער צו שפּעט.

12. דאָס אויפקומען פון בבל. ירמיהו.

ניט אויף לאַנג האָט דער מעכטיקער אַשור איבערגעלעבט זיין קרבן ישראל. שוין ישעיהו האָט געפילט די נאָענטע גפּיסה פון אַשור, ווען ער איז אין ירושלים, וואוהין עס זיינען גאָר ניט לאַנג שוין דערגאַנגען סנחריבס חילות, אָפּן אַרויסגעטראָטן מיט זיינע פּאָליטישע רעדעס אַנטקעגן אַשור:

„שרעק דיך ניט מיין פאָלק, וואָס אין ציון,
אַז אַשור זאָל דיך שלאָגן מיט זיין רוט,
ער זאָל אויף דיר אויפהויבן זיין שטעקן
אויף זיין וועג קיין מצרים;
וויל נאָך אַ קורצער צייט וועט זיך ענדיקן מיין צאָרן אויף דער וועלט [1],
יהוה וועט דערוועקן אויף אים אַ רוט...
און עס וועט אַרונטערגענומען ווערן זיין לאַסט פון דיין אַקסל
און זיין יאָך פון דיין האַלז,
און דער יאָך וועט פאַרוואַקסן ווערן פון פעטקייט".

עס איז אַריבער עפּעס מער פון אָנדערטהאַלבן הונדערט יאָר נאָך ישראלס פּאָליטישן אונטערגאַנג, ווען די אויפשטייענדיקע מאַסן פון בבל, פרס און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער האָבן גע-שטורעמט די מויערן פון נינוה, און דער אַשורישער קיניג אַשור-

1) נאָך דער פאַרשטעלונג פון נביא עקסיסטירט דער אשורישער אימ-פעריאַליזם נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער איז נייטיק יהוהן, אַלס שטראָף-מיטל פאַר די פעלקער פון דער וועלט.

בגיפל מיט זיינע באַמטע און כהנים און ווייבער זיינען מיט זייער גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ צוזאַמען אומגעקומען הינטער די מויערן פון דער ברענענדיקער הויפּט־שטאָט.

די נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון נינוה. די נביאישע לעגענדע דערציילט אַפילו פון דעם וואונדערלעכן צו־פאַל, וואָס איז געשען מיטן נביא יונה, וועלכער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן קיין נינוה צו וואָרענען דאָס פאָלק פון דעם נאָענטן פּאָליטישן אונטערגאַנג, צו רופן אים „אָפּצוקערן זיך פון די שלעכטע וועגן, אָפּצוזאָגן זיך פון גוואַלט־טאַטן".

אָבער אײדער עס זיינען נאָך געפאַלן די מויערן פון נינוה און די אונטערדריקטע פעלקער האָבן געוואָלט אָפּעטעמען פריי, האָבן אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואָס האָבן פריער ניט געקאָנט אויפהייבן דעם קאָפּ, געפּרוּווט איצט אַרויסרייסן די רויב פון מויל פון גוססדיקן לייב. קליין־אַזיע, סוריא און ארץ־ישראל איז אויסגעקומען איצט אויסצוהאַלטן דעם פּאָליטישן דרוק פון צוויי אַנדערע מלוכות: פון צפון זיינען אָנגעפאַלן די סקיטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דרום־אייראָפּע דורך די קאַווקאַזישע בערג, פון דרום זיינען אָנגעקומען מצרישע חילות, כדי צו פאַרנעמען די אַזיאַטישע פּראָווינצן, וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט פון אשורס האַנט.

אין יהודה, וואָס איז געווען נעענטער פון אַנדערע צו מצרים, איז מען נאָך יאשיהוס טראַגישן טויט געווען געצוואונגען צו אָריענ־טירן זיך אויף מצרים. ווייל פּרעה־נכה איז נאָך דער שלאַכט פון מגדו אַריין אין לאַנד, האָט די באַליגט מיט שווערע שטייערן, פאַרטריבן קיין מצרים יאשיהוס זון יהואחז, וואָס האָט זיך גע־האַלטן, ווי זיין פאָטער, ביי דער אַנטי־מצרישער אָריענטאַציע און האָט אָנגעשטאָט אים באַשטימט זיין ברודער אליקים.

אין דאָ איז ערשט אָנגעקומען די העכסט-טראַגישע תקופה אין דער פּאָליטישער געשיכטע פֿון יהודה. בבל, וואָס איז ביזן פֿאַלן פֿון נינוה געווען פּאָליטיש אונטערגעוואָרפֿן אַשור, האָט זיך איצט מיט איר גאַנצער באַפֿרייטער ענערגיע געלאָזן אויף די מערבֿ-פּראָווינצן, כּדי ניט צו דערלאָזן זייער אָקופּאַציע מצד מצרים. אויפֿן באָדן פֿון קליינעם ארץ-ישראל האָט געדאַרפֿט איצט פֿאָרקומען די באַגעגעניש פֿון די צוויי גרעסטע אימפּעריאַליסטישע מלכות פֿון דער דאַמאָלסטיקער וועלט.

אין יהודה האָבן די געשוואָרענע פּאָליטיקער און די קליין-קעפּיקע הויף-לייט זיך געוואָרפֿן צעמישט פֿון איין קאָאַליציע צו דער צווייטער, ניט פֿאַרשטייענדיק, אַז פֿאַרן שעפּס איז אייגנטלעך קיין אונטערשייד ניט, צי עס וועט אים צעריסן דער לייב אָדער דער אָדלער, אַז דער שטורעם פֿון קאַמף וועט זי אַלץ איינס טראָגן צום שטאַרקערן און אַז איר פּאָליטישער גורל וועט אייגנטלעך באַשלאָסן ווערן אין שלאַכט צווישן די בבלישע און מצרישע חילות.

און דאָ האָט דער אומגעווינלעך-ערנסטער קריטישער מאָמענט אין דער פּאָליטישער געשיכטע פֿון לאַנד, אַרויסגעפֿירט אויף דער פֿאָלקס-טריבונע אַ נביא, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון אין די געשעענישן און וועלכער האָט זיך ניט אָריענטירט ניט אויף בבל, ניט אויף מצרים, נאָר אויף דער גערעכטיקייט און קעגן דעם אימפּעריאַליזם בכלל מיט זיין פּאָליטיק פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג.

פֿאַר אים איז געווען קלאָר, אַז יהודה וועט פּאָליטיש פֿאַלן אין קאַמף מיט שטאַרקערע כּוחות און אַז שטעלן זיך אַנטקעגן זיי איז ניט קיין העלדישקייט, נאָר אַן אומגליק. די כּוחות, וואָס וועלן אַוועקגיין אויף אַ צוועקלאָזער פֿאַרטיידיקונג, דאַרפֿן ניי-

מיק אויף דער אינעווייניקסטער ביי־אַרבעט, וואָס וועט דאַרפֿן פֿאַר־
קומען ביי אַלע באַדינגונגען.

ווייל תּגלת־פּלאסר דער דריטער, שלמנאסר און סנחריב פֿון
אשור, פּרעה־נכה פֿון מצרים — אַלע האָבן זיי זיך, סוף־כּל־סוף,
דאַרשטיק געוואָרפֿן אויף די גאָלד־אוצרות פֿון די מלכים, אויף די
פּאַלאַצן פֿון די רייכע. די פֿעלדער און ווייגערטענער פֿון די
פּויערים, די קליינע הייזלעך פֿון די האַנטווערקער — האָבן ניט צו־
געצויגן זייער אויג, שרעקן זיך פֿאַר זיי האָט דעריבער געדאַרפֿט
דער עיקר די הערשנדיקע אַריסטאָקראַטיע. אָבער זי האָט דאָך
אין פֿולער מאָס פֿאַרדינט אַזאַ שטראָף. איר גאָלד און פֿאַר־
מעגן זיינען אַ פּראָדוקט פֿון דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. די
אָרעמע קלאַסן האָבן ניט וואָס צו פֿאַרלירן, פֿאַר זיי איז די
הערשאַפֿט פֿון בבל אָדער מצרים, וואָס וועלן אָפּנעמען זייערע
שטייערן און ניט מישן זיך אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון
לאַנד, אין פֿיל פּרטים בעסער ווי די הערשאַפֿט פֿון זייערע אײ־
גענע מלכים. די מאַסע, וואָס איז דעמאָראַליזירט דורך דער איצ־
טיקער מלוכה־פֿירונג, וועט נאָכן פֿאַלן פֿון דער מדינה, פֿעאיקער
ווערן איבערצואַנדערשן אירע אינעווייניקסטע סאָציאַלע באַציאונגען.

ניט גרינג, ניט אָן אַ טיפֿן אינעווייניקסטן קאַמף, איז ירמיהו
דערגאַנגען צו דערדאָזיקער איבערצייגונג. אַלע זיינע אָפּגעריסענע,
אָט שטורמישע, אָט מעלאַנכאָלישע געדאַנקען, זיינען דורכגעדרונגען
מיט אַ טיפֿער נשמה־טראַגיק.

„איך שטאַרק זיך איבער דער אומעט,
מיין האַרץ טוט מיר וויי,
דער געשריי פֿון פֿאָלק דערגייט צו מיר פֿון דער וויטן...
פֿון פֿאָלקס־בראָך בין איך צעבראָכן געוואָרן.
איך בין פֿאַרפֿינסטערט געוואָרן, אַ וויסטעניש האָט מיך
אָנגעכאַפּט,

איז דען ניטאָ קיין באַלזאַם אין גלעד?
איז דען דאָרטן קיין רופא ניטאָ?
פאַרוואָס איז ניט געפונען געוואָרן קיין רפואה פאַר מיין פאָלק?!

ווען מיין קאָפּ וואָלט געווען פול וואַסער,
און מיין אויג אַ טרערן־קוואַל,
וואָלט איך טאָג און נאַכט געוויינט אויף די דערשלאָגענע פון מיין פאָלק".

ביי דעמדאָזיקן טיפן ליבע־געפיל צו דער מאַסע, וואָס לעבט איבער אַלע שרעקלעכע יסורים פון דער באַלאַגערונגס־צייט, איז פון אים ניט פאַרבלענדט די דעמאָראַליזירטקייט פון פאָלק.

„ווער גיט מיר אַ נאַכט־לאַגער אין מדבר,
איך וואָלט פאַרלאָזן מיין פאָלק און אַוועקגעגאַנגען פון זיי.
אַלע זיינען זיי הולטייעס, אַ פאַררעטער־באַנדע...
היט זיך יעדערער פאַר זיין פריינד,
פאַרטרויט זיך ניט אויף אַ ברודער,
אַ ברודער נאַרט אָפּ,
אַ פריינד פאַרראַט".

אויך ער פערזענלעך איז געווען אַרומגערינגלט מיט פאַרברעכער. זיינע שטאָט־לייט, די איינוואוינער פון ענתות, האָבן אים ניט איינמאָל געוואָלט אַרויסגעבן דער קעניגלעכער פאָליציי. אין ירושלים האָט אים דאָס פאָלק ניט איינמאָל אַרויסגעגעבן, בשעת ער האָט געהאַלטן זיינע רעדעס, און אַ לאַנגע צייט איז אים אויסגעקומען צו זיצן אין תפיסה.

אין מינוטן פון פאָליטישער פאַרצווייפלונג האָט ער אַפילו גע־שאָלטן זיין לעבן און געבעטן אויף זיך דעם טויט:

„פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג, אין וועלכן איך בין געבאָרן,
דער טאָג, ווען מיין מוטער האָט מיך געבאָרן, זאָל ניט זיין געבענטשט.

פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן דער, וואָס האָט אָנגעזאָגט מײַן פֿאָטער,
בײַ דיר איז אַ ייִנגל געבאָרן, — ער האָט אים כּלומרשט דער־
פֿרייט!

פֿאַרוואָס האָט מען מיך ניט געטויט אין מוטער־לײַב?
וואָלט מײַן מוטער מיר אַ קבֿר געווען,
און איר מוטער־לײַב — אַ אייביקע שוואַנגערשאַפֿט.
פֿאַרוואָס בין איך אַרויס פֿון מוטער־לײַב צו זען פּײַן און
אומעט,
און אין שאַנד פֿאַרגייען מײַנע טעג!"

און באַזינגט דעם געפֿיל פֿון אינעווייניקסטער פֿאַרביטערונג, אַרבעט ער אויס אַ קלאָרע פּאָליטישע איבערצײַגונג, וואָס ער זאָגט אַרויס אָפֿן אין זײַנע רעדעס, ניט געקוקט אויף אַלע פֿאַרפֿאָלגונגען.

אין דער מלוכה־צײַט פֿון יהויקים (אליקים), אײדער עס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן די באַלאַגערונג פֿון ירושלים דורך די בבֿלישע חיילות, האָט ער אין איינער פֿון זײַנע רעדעס, וואָס זײַנען געווען געווענדט צום קיניג, געזאָגט:

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה: גיי אין פּאַלאַץ פֿון יהודהס קיניג און האַלט דאָרטן פֿאָלגנדיקע רעדע און זאָג אַזוי: הער יהודהס וואָרט, דו קיניג פֿון יהודה, וואָס דו זיצסט אויף דודס טראָן, און אויך דײַנע באַאַמטע און דײַן פֿאָלק, וואָס קומען אַרײַן אין די דאָזיקע טויערן; אַזוי האָט יהוה געזאָגט: טוט רעכט און גערעכטיקייט, ראַטעוועט דעם באַרויבטן פֿון דעם רויבערס האַנט, נאַרט ניט דעם פֿרעמדן, דעם יתום און די אלמנה, גזלט ניט, פֿאַרגיסט ניט קיין ריינע בלוט אין דעם אָרט. וועט איר אַזוי טאָן, וועלן אין די טויערן פֿון דעם הויז אַרײַנקומען מלכים, וואָס וועלן זיצן אויף דודס טראָן... ווען איר וועט אָבער ניט צוהערן די דאָזיקע ווערטער, שווער איך, — זאָגט יהוה, — אַז פֿאַרוויסט וועט ווערן דער דאָזיקער פּאַלאַץ"...

„ווי צו דעם, וואָס בויט זיין הויז (פּאַלאַץ) אָן גערעכטיקייט,
און דיינע טעראַסעס — אָן רעכט, וואָס לאָזט אַרבעטן דעם צווייטן
אומזיסט און גיט אים ניט זיין אַרבעטס־לוין. (ווי דעם), וואָס
טראַכט, איך וועל זיך אויפבויען אַ קאָלאָסאַלן פּאַלאַץ און באַ־
קוועמע טעראַסעס, דורכהאַקן פענסטער, צודעקן מיט צעדער־האָלץ
און אויספאַרבן מיט פאַרב!

וועסטו דען קיניגן? דען גלייכסטו דיך צו דיין ריזיקן פאָ־
טער1)? ער האָט געגעסן און געטרונקען און געטאָן רעכט און
גערעכטיקייט, — איז אים גוט געווען. ער האָט געמשפּט אָרעמע
און אומפאַרמעגלעכע — איז אים גוט געווען... — דיינע אויגן און
דיין האַרץ דינגען אָבער נאָר צו דיין האָב און צו פאַרגיסן ריין
בלוט, צו גזלנען און צו ראַבעווען"...

אין דער שטאָלצער אָפענער רעדע, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט
דער אינעווייניקסטער פאַרביטערונג פון דעם נביא, ווייזט ער נאָך
אָן אויף אַן אויסוועג פון דער לאַגע: טאָן גוטס, באַזייטיקן דאָס
סאָציאַלע אומרעכט איז נאָך ניט צו שפּעט.

אָבער ווען נאָך יהויקימס טויט ווערט די באַלאַגערונג פון
ירושלים אַלץ שווערער צו דערהאַלטן, און דער שווערד און הונגער
ברענגען טעגלעך אום אַלץ נייע קרבנות, און ווען צדקיהו, פאַר־
צווייפלט און פאַרלאָרן, שיקט צום נביא נאָך הילף, ווענדט זיך
ירמיהו מיט פאָלגנדיקער רעדע צו די קיניגלעכע שלוחים, וואָס
קלינגט אַלס ענדגילטיקער פּאָליטישער אורטייל:

„זאָגט אַזוי צו צדקיהון: אַזוי האָט געזאָגט יהוה ישראלס
גאָט, איך ווענד אום די געווער, וואָס אין אייערע הענט, מיט
וועלכע איר קעמפּט אַנטקעגן דעם בבלישן קיניג און די כאַל־
דעער, וואָס באַלאַגערן אייך פון יענעם זייט מויער, וועל איך
אַריינפירן אין שטאָט און וועל מיט אייך מלחמה האַלטן מיט אַן

1) צו יאשיהו.

אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ שטאַרקן אָרעם און מיט גרויס צאָרן און איך וועל שלאָגן די איינוואוינער פֿון שטאָט, פֿון אַ גרויסער עפּידעמיע וועלן זיי שטאַרבן, און דערנאָך, זאָגט יהוה, וועל איך איבערגעבן צדקיהון, דעם קיניג פֿון יהודה, און זיינע באַאַמטע און דאָס פֿאָלק, וואָס וועט פֿאַרבלייבן אין שטאָט פֿון דער עפּידעמיע, פֿון שווערד און פֿון הונגער, אין דער האַנט פֿון נבוכדנצר דעם קיניג פֿון בבל"...

און אויך די דאָזיקע רעדע, וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן אין דער קריטישסטער מינוט, ענדיקט זיך מיט די ווערטער „איר די־נאַכטיע פֿון דוד, אַזוי זאָגט יהוה: שאַפֿט פֿון פֿרימאָרגן [1] רעכט, ראַטעוועט דעם באַרויבטן פֿון דעם רויבערס האַנט, עס זאָל ניט אַרויס מיין צאָרן ווי פֿייער און אים ניט ברענען ניט צום פֿאַרלעשן פֿאַר אייערע שלעכטע מעשים".

פֿאַר איינער פֿון אַזעלכע רעדעס האָבן די קיניגלעכע באַאַמטע געכאַפּט ירמיהון און אַריינגעזעצט אין אַ פֿינסטערער אונטערערדישער תּפֿיסה, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר ערנסטע מלוכה־פֿאַר־ברעכער. עס איז אים געמאַכט געוואָרן דער פֿאָרוואורף, אַז ער שוואַכט אָפּ אין דער ערנסטער מינוט דעם קאַמפּס־מוט פֿון דעם שווער געפּרוּווטן יהודהס חיל.

אַ צייט האָט נאָך דער שווערד און הונגער געהערשט איבער דער תּפֿיסה, וואו דער נביא איז געווען לעבעדיקערהייט באַגראָבן און וואו ער האָט שוין געזונגען זיין קלאָג־ליד אויף יהודהס פּאָ־ליטישן אונטערגאַנג.

די אַלע קרבנות זיינען געווען אומזיסט. ירושלים איז גיך געפֿאַלן, דאָס מיליטערישע און אַריסטאָקראַטישע ירושלים, אַלע וואָס האָבן זיך אַזוי ליידנשאַפֿטלעך געהאַלטן און געראַנגלט פֿאַר די לעצטע שפּורן פֿון מאַכט און הערשאַפֿט, זיינען אַוועקגעפֿירט

1) דאָס הייסט, באַצייטנס.

געוואָרן געפֿאַנגען, און די שטאָט איז פֿאַרברענט געוואָרן אין פֿייער.

די פּראָווינציעלע מאַסן פֿון פֿאָלק, וואָס זיינען געזעסן אויפֿן פֿרייען לאַנד און זיך פֿאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, האָבן זיך קאָנסטיק אָן ווידערשטאַנד אונטערגעגעבן דעם בבֿלישן מיליטער, און זיי איז דערלויבט געוואָרן צו בלייבן אין זייער היים און פֿאַרנעמען זיך מיט זייער פֿרידלעכער אַרבעט.

ווען ירושלים איז איינגענומען געוואָרן, האָבן די אָקופּאַנטן באַפֿרייט ירמיהון פֿון זיין תּפֿיסה און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע בירגער פֿון שטאָט געפֿירט אים געפֿאַנגען און געשמידט אין קייטן קיין בבֿל. און ערשט אין וועג האָט נבֿוזראדן, דער אָנפֿירער פֿון בבֿלישן מיליטער, אַראָפּגענומען פֿון אים די קייטן און געלאָזט אים גיין אין דער פֿרייער וועלט. צי איז דאָס געשען דערפֿאַר, וואָס די בבֿלישע אָקופּאַנטן האָבן געפֿונען פֿאַר ניט געדערכט צו באַשטראָפֿן דעם, וואָס האָט אַליין פֿאָרויסגעזאָגט דאָס פֿאַלן פֿון ירושלים און געראָטן זיך פֿרייוויליק אונטערגעבן, אָדער זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פֿון דעם נבֿיא צווישן די פֿאַרטריבענע, — ס'איז אוממעגלעך צו זאָגן אויף געוויס; איינס ווייסן מיר קלאָר, אַז באַלד נאָך זיין באַפֿרייאונג האָט ירמיהו זיך אומגעקערט צוריק אין זיין פֿאָטערלאַנד.

דאָרטן איז געווען פֿאַר אים איצט אַ פֿעלד פֿאַר אַרבעט צווישן די פּראָווינציעלע מאַסן פֿון זיין פֿאָלק, וועלכע האָבן זיך געדאַרפֿט פּאָליטיש אויסניכטערן נאָכן פֿאַלן פֿון ירושלים. גדליהו בן אחיקם, אַן אָנהענגער פֿון דער נבֿיאישער באַוועגונג, איז מיט דער דערלויבעניש פֿון דער בבֿלישער מאַכט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פֿון דער אָרטיקער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג. פֿאַר אַ פּאָליטישן צענטער איז איצט אָנשטאָט ירושלים, דעם חרובֿ מיטלפּונקט פֿון דער פֿאַרטריבענער אַריסטאָקראַטיע, אויסגעקליבן געוואָרן דער

אַלטער צענטער פֿון דער ישׂראלישער דעמאָקראַטיע, מצפּה. גדליהו האָט צונויפֿגעקליבן די פֿאָלקס־עלטסטע פֿון דער פּראָווינץ אויף צו באַטראַכטן די פֿראַגן פֿון פֿאָלקס־לעבן און האָט אויפֿגעזאַמלט אַרום זיך די צעזייטע און די צעלאָפֿענע. דער נבֿיא האָט געוואָלט איצט אַרבעטן ביי דעם אויפֿבויען פֿון דער געזעלשאַפֿט. די אויס־ווייניקסטע אָפּהענגיקייט פֿון בבֿל האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. זיין רעוואָלוציאָנערער באַוואוסטזיין האָט אים פֿאָראויסגעזאָגט די נאָענ־טע מפּלה פֿון דער קינסטלעך־אויפֿגעשטעלטער מלוכה:

„די מויערן פֿון גרויסן בבֿל וועלן רואינירט ווערן,

און זיינע הויכע טויערן וועלן אין פֿייער פֿאַרברענט ווערן!“

און ווען דער בלינדער צדקיהו איז געגאַנגען מיט זיין הייל געפֿאַנגען קיין בבֿל, האָט ירמיהו איבערגעגעבן איינעם פֿון די געפֿאַנגענע אָנהענגער זיינעם אַ בריוו, וועלכן ער האָט געדאַרפֿט אי־בערלייענען אָפֿן פֿאַרן פֿאָלק פֿון בבֿל, דער הויפּט־שטאָט פֿון טריאומפֿירנדיקן אימפּעריאַליזם און אויסרופֿן:

„יהוה, דו האָסט געזאָגט וועגן דעמדאָזיקן אָרט,

אַז ער וועט פֿאַרשניטן ווערן, און בלייבן אָן איינוואוינער,

אָן מענטשן, אָן פֿי — אָן אייביקע וויסטעניש“...

און ווען דאָס פֿאָלק וועט אויסהערן דעם גרויזאַמען אורטייל פֿון דעם רעוואָלוציאָנער פֿון באַזיגטן יהודה, זאָל ער צובינדן אַ שטיין צום בריוו, אַריינוואַרפֿן אים פֿאַר אַלעמענס אויגן אין טייך פּרת און אויסשרייען:

„אַזוי וועט איינגעזונקען ווערן בבֿל און וועט ניט אויפֿשטיין,

פֿון די שלעכטס, וואָס איך ברענג אויף איר, און וועט מיד ווערן“.

ביי אַזאַ אָפּשאַצונג פֿון דער בבֿלישער הערשאַפֿט האָט ירמיהו געלייגט געוויס גרויסע האָפֿענונגען אויף דעם פֿאַרבליבענעם ישוב פֿון לאַנד, וועלכער האָט זיך באַפֿרייט פֿון דעם דרוק פֿון זיינע

הערשנדיקע קלאַסן. ווער ווייס, ווי עס האָט זיך איצט פֿונאַנדערגעשפּילט די פֿאַנטאַזיע פֿון אַלטן רעוואָלוציאָנער, מיט וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען ער האָט זיך אַרומגעטראָגן אין חרובֿן ירושלים, וואו עס זיינען צעשטערט געוואָרן אַלע טעמפּלען און פּאַלאַצן, וואו עס זיינען נאָך אָבער פֿאַרבליבן גענוג הייזלעך פֿון אָרעמע האַנטווערקער. אָנשטאָט דער געפֿאַלענער מלוכה פֿון רויבער און אונטערדריקער, האָט ער געוואָלט בויען אַ מלוכה פֿון „אָרעמען פֿאָלק".

אָבער דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער און מלוכה־צעשטערער איז ניט באַשערט געווען צו ווערן אַ מלוכה־בויער.

ניט באַרואיקט האָבן זיך נאָך די הערשנדיקע קלאַסן, וואָס זיינען פֿון זייערע פּאַלאַצן און נחלאות אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אין פֿרעמדן לאַנד. זיי האָבן אין דעם פּרוּוו פֿון דער דעמאָקראַטיע צו באַפֿעסטיקן זיך אין חרובֿן פֿאָטערלאַנד געזען אַ געפֿאַר פֿאַר זייערע אינטערעסן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זיי זאָל ניט אויסקומען צו געזעגענען זיך אויף אייביק מיט זייערע נחלאות, וואו דאָס „אָרעמע פֿאָלק" האָט פֿריער געאַרבעט אַלס געדונגענע אַרבעטער אָדער קנעכט, און אַז די דוד־דינאַסטיע זאָל ניט פֿאַרלירן די האָפֿענונג, ווען עס איז צו קומען צו דער הערשאַפֿט. די צעזייטע טיילן פֿון יהודהס מיליטער מיט אַ פֿאָרשטייער פֿון דער קיניגלעכער פֿאַמיליע ישמעאל בן נתניה אין דער שפּיץ, וועלכע האָבן אויסגעמיטן די בבלישע אָקופּאַנטן, האָבן אומגעוואַנדערט איבערן לאַנד און נאָכגעשפּירט, וואָס עס טוט גדליהו און זיינע אָנהענגער. פֿון צייט צו צייט, האָבן זיי פֿאָרגענומען איינצלנע טעראָריסטישע אַקטן. אויסגענוצט דעם מאָמענט, אין וועלכן די בבלישע מלוכה האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ מלחמה מיט מצרים, האָבן די טעראָריסטן געטויט גדליהון און זיינע אָנהענגער, צעשטערט דעם דעמאָקראַטישן צענטער מצפּה און אַוועקגעפֿירט מיט געוואַלד די פּויערים־מאַסע קיין מצרים, כּדי אַריינצוציִסן זי אין דער

מצרישער קאָאַליציע קעגן בבל. מיט געוואַלט האָבן זיי אַהין מיט־געשלעפּט אויך דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער.

אַזוי איז צעשטערט געוואָרן די לעצטע האָפענונג פון באַנייען די געזעלשאַפט.

אויף ביידע פראָנטן פון בבליש־מצרישן וועלט־קריג האָבן איצט געקעמפט קנעכט פון יהודה־לאַנד, און דער נביא, באַטראַכטנדיק דעמדאָזיקן קאַמף, האָט מיט דערזועלבער רעוואָלוציאָנערער דרייסטקייט, ווי קעגן בבל, געמאַכט זיין גרויזאַמען אָנזאָג אויך בנוגע צו מצרים.

„נעם גרויסע שטיינער און לייג זיי אַוועק ביים אַריינגאַנג אין פּרעהס פּאַלאַץ אין תחפנחס, פאַר די אויגן פון מענטשן פון יהודה־לאַנד און זאָג צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט יהוה־צבאות ישראלס גאָט, איך שיק און נעם נבוכדנצרן דעם קיניג פון בבל מיין קנעכט און וועל אַוועקשטעלן זיין טראָן איבער דידאָזיקע שטיינער, וואָס איך באַהאַלט, און ער וועט אויסברייטן זיין גלאַנץ איבער זיי און ער וועט קומען און צעשלאָגן דאָס לאַנד מצרים... און ער וועט צעברעכן די זיילן פון זונען־טעמפּל, וואָס אין לאַנד מצרים, און די טעמפּלען פון די מצרישע געטער וועט ער אין פייער פאַרברענען...

דאָס איז דער נביאישער אורטייל איבער מצרים ווי איבער בבל, דען אין דעם אומאויפהערלעכן אימפּעריאַליסטישן קריג זיינען ניטאָ קיין זיגער און קיין באַזיגטע, — נאָר קרבנות.

און אַלס פּראָטעסט אַנטקעגן דעם געוואַלט פון זיינע לאַנדס־לייט, זאָגט ער צו זיי מיט דערזעלביקער דרייסטקייט: „אויב איר וועט קומען אין מצרים כדי דאָרטן צו לעבן, וועט אייך אויך דאָרטן גרייכן דער שווערד, פאַר וועלכן איר האָט מורא, און דער הונגער, פאַר וועלכן איר זאָרגט, וועט אייך דאָרטן טרעפן, און איר וועט שטאַרבן".

און וואָס בלײַבט איצט דעם נבֿיא, ווען זײַן האָפֿענונגס־לאַנד ליגט חרובֿ, און די וועלט איז אַרומגעכאַפּט מיטן פֿײַער פֿון קריג? זײַן לעבן פֿאַרלירט יעדן ציל און באַדײַטונג. און דער היסטאָ־ריקער ווײס נאָך עד־היום ניט זיכער, צי האָט דער טויט אַלײן איבערגעלײזט דעם רעוואָלוציאָנערן זקן, אָדער אפֿשר האָט ער מיט זײַנע אײגענע הענט איבערגעריסן זײַן טראַגישן לעבן.

---

13. די נבֿואה=באַוועגונג אויפֿן בבֿלישן באָדן. איר ירידה און לעצטע אויפֿשטראַלונג.

פֿאַר דער נבֿואה, אַלס אַ סאָציאַלע באַוועגונג, איז ענג געוואָרן דער וועג. די עטלעכע נבֿיאים ווי ירמיהו, מיט שטייפֿע אויסגעהאַלטענע כאַראַקטערן, האָבן געהאַט מוט צו שטאַרבן מיט אַ קללה צו דעם בבֿלישן און מצרישן אימפּעריאַליזם און צו זייערע אייגענע לאַנדס=לייט, וואָס האָבן אַרויסגעריסן די לעצטע וואָרצלען פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג אין דער היים. עס זײַנען אָבער געווען ייִנגערע אָנהענגער פֿון דער נבֿיאה=ריכטונג, וואָס האָבן געדאַרפֿט לעבן און אַרבעטן בײַ די נײַע באַדינגונגען און פֿון וועלכע די פּאָליטישע קאַטאַסטראָפֿע האָט געפֿאָדערט אַן אַנדער פּראַקטישע פּראָגראַם, אַ פּראָגראַם פֿון צופּאַסונג.

די ראַדיקאַלע אידעען פֿון די נבֿיאים זײַנען געווען פֿאַרמשפּט צו אַ ירידה, זייערע פֿליגלען זײַנען אונטערגעשניטן געוואָרן און זײַנען צוריק מער ניט אויסגעוואַקסן.

דער גרויסער ליקווידאַטאָר פֿון דער נבֿואה=באַוועגונג אין איר פֿריערדיקער געשטאַלט איז געווען יחזקאל, וועלכער איז אין דער ערשטער העלפֿט פֿון זײַן לעבן און טעטיקייט געשטאַנען אין איין שורה מיט די גרויסע פּאָליטישע נבֿיאים. אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זײַן לעבן איז ער אָבער געוואָרן דער היסטאָרישער קבֿרות=מאַן פֿון דער נבֿואה. זײַן אידעאָלאָגישע אַנטוויקלונג גייט האַנט בײַ האַנט מיט די פּאָליטישע געשעענישן פֿון זײַן צײַט. ער שטאַמט ווי ירמיהו פֿון דער כּהנים=אַריסטאָקראַטיע, רײַסט אײַן זײַן צובונד מיט איר, און דערהויבט זיך דורך דעם פּאָליטישן און ביל=

דער-רייכן סטיל פון זיינע נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע נביאות אפט צו אזא הויכער מדרגה, וועלכע עס האט ניט דערגרייכט אפילו ירמיהו. ער שטורעמט די כנענישע, מצרישע און בבלישע הערשנדיקע קלאסן און גייט מיט די מאסן פון זיין פאלק אגעפאנגענער קיין בבל.

געפינענדיק זיך דא צווישן די עלנטע און פארטריבענע, טראגט ער זיך ניט איינמאל אריבער אין זיין פאנטאזיע אין הרובן יהודה-לאנד, ער זוכט פאר זיך א שטיץ-פונקט אין דער נייער ווירקלעכקייט; ער איבערצייגט זיך אבער, אז ער האט פאר זיך נאר „א טאל מיט טרוקענע ביינער“, איבער וועלכע עס הייבן זיך קוים אן צו פארציען אדערן און פלייש.

א פאלק אין אזא צושטאנד איז שוין ניט מסוגל צו זיין א מוסטער פאר אנדערע פעלקער: ער מוז זיך, קודם-כל, באפעסטיקן, און אין דער בבלישער פראווינץ, אויף די ברעגן פון טייך כבר, וואוהין עס האט אים איצט פארווארפן זיין גורל, שאפן זיך עקסיסטענץ-באדינגונגען, ביי וועלכע ער זאל זיך ניט אויסמישן מיט די, וועמעס קולטור און פאליטיק די נבואה האט פאראורטיילט. נאר באפעסטיקנדיק זיך דא עקאנאמיש, האט מען געקאנט האפן, אז יענער רעשט פון פאלק (שאר ישוב), וועגן וועלכן עס האט גערעדט ישעיהו, וועט ארויס ווען-עס-איז פון דעם לייטער-קעסל פון די פאליטישע געשעענישן און וועט גרייט ווערן צו יענע היסטארישע אויפגאבן, וועלכע עס האט אויף אים ארויפגעלייגט די נבואה.

צו אבסטראקט זיינען איצט געווען די נביאישע אידעען, אז מען זאל אויף זיי קאנען קאנקרעט פאראייניקן דעם געמיש פון דער עמיגראציע, אין וועלכער דעם באדייטנדיקן ארט האט פארנומען די פריערדיקע אריסטאקראטיע און די באזיצנדיקע קלאסן. און די נבואה איז אראפ פון איר הייך, האט פונאנדערגעביטן אויף

אַ צייט אירע הויכע אידעאַלן אויף אַ גאַנגבאַרער מטבע. זי האָט אָנשטאָט סאָציאַלע אוטאָפּיעס געשטעלט זיך אויפֿן וועג פֿון רעאַלער פּאָליטיק. עס איז מיט איר אײַנגעטלעך געשען דאָס אייגענע, וואָס קומט פֿאָר מיט אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען, וועלכע זײַנען ניט צוגעפּאַסט צו דער צייט: כל־זמן זייערע טרעגער פֿאַרנעמען זיך מיט דער קריטיק פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, וועלכע ווערט אָנגעפֿירט דורך אַנדערע, קאָנען זיי בלײַבן מאַקסימאַליסטן אין זייערע פֿאָדערונגען, אָבער ווען דער אַפּאַראַט פֿאַלט אַרויס פֿון די פֿריערדיקע הענט און פֿאַלט אַרײַן צו זיי, מוזן זיי אָנהייבן זייער אייגענע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט פֿון אַ באַשטימטן מינימום, איבער וועלכן זייער צייט קאָן זיך פּראַקטיש ניט דערהייבן.

די ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען האָבן זיך גראָד געשאַפֿן גינסטיקע. אויפֿן נייעם שטח, וואו עס האָט זיי געפֿירט קאָלאָניזירן די בבלישע מלוכה, האָבן זיי געקאָנט אומגעשטערט אײַנאָרדענען זייער לעבן, בויען הײַזער, פֿלאַנצן ווײַנגערטנער און זייען פֿעלדער. עס האָט געפֿעלט דערצו אָבער צום אָנהייב די נייטיקע געזעלשאַפֿטלעכע איניציאַטיוו, די עמיגראַנטן־מאַסע איז מיטלאָז געהאַנגען אין דער לופֿטן און געוואָרט אויף אַ מעגלעכקייט אומצוקערן זיך צוריק אַהיים.

שוין ירמיהו האָט געוואָרנט פֿון דער געפֿאַר, וואָס ליגט אין אַזאַ אָפּהענטיקייט. „בויט הײַזער, זייט פֿעלדער, פֿלאַנצט ווײַנגערטנער!“ — שרײַבט ער אין זײַן פּאָליטישן בריוו צו די פֿאַרטריבענע.

יחזקאל שטייט שוין פֿאַר אַ פֿאַקט. די נייע געזעלשאַפֿט אָרגאַניזירט זיך שוין ווירטשאַפֿטלעך. איצט דאַרף זי באַקומען איר אינעווייניקסטע קאָנסטיטוציע. און דאָ טרעט אַרויס יחזקאל אין זײַן גייער ראָל, וועלכע איז אונז ניט גענוג קלאָר, ווײַל מיר ווייסן ניט

גענוג, אױף װיפֿל די טעאָלאָגישע רעדאַקטאָרן האָבן פֿון אונז באַהאַלטן דעם קאַמף, װאָס האָט זיך געפֿירט הינטער די קוליסן און װאָס פֿאַר אַ ראָל עס האָט אין אים געשפּילט יחזקאל פֿון איין זייט, און די דעמאָקראַטישע זקנים און די ירושלימער כּהנים־אַריסטאָקראַטיע פֿון דער צװייטער זייט.

מיר װייסן נאָך איין זאַך, אַז װי דער יחזקאל־בוך שילדערט אונז דעם אַנטװיקלונגס־גאַנג פֿון נבֿיא, קומט ער פֿאַר אונז איצט אויף אין דער געשטאַלט פֿון אַ רעפֿאָרמאַטאָר, װעלכער קאָנצענטרירט די פֿאָרמען פֿון רעליגיעזן קולט און פּאַסט זיי צו אין אַלע פּרטים צו די װירטשאַפֿטלעכע תּנאים פֿון דער עמיגראַציע. מעג ער דערפֿאַר פֿאַרדינען דעם נאָמען פֿון אַ רעליגיעזן רעפֿאָרמאַטאָר אָדער רעאַלן פּאָליטיקער, אָבער מיט די גרויסע נבֿיאים האָט ער שוין מער ניט װאָס צו טאָן. ער איז, װי מען מיינט, דער פֿאָטער, דער באַגרינדער פֿון דער יידישער טעאָקראַטיע, קעגן װעלכער די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און דאָס פֿאָלק האָבן געהאַט שפּעטער אויפֿן היימישן באָדן אויסצושטיין אַ לאַנגן געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף.

דאָ האָט צום ערשטן מאָל זיך אָנגעהויבן יענע גרויסע זאַמל־אַרבעט, יענע טעאָלאָגישע באַאַרבעטונג פֿון די היסטאָרישע מאַטעריאַלן, װעלכע עזרא האָט דערנאָך אונטערגעטראָגן דער יידישער עפֿנטלעכקייט אין אַ פֿאַרטיקער געשטאַלט.

װען מיר װאָלטן געקאָנט אַריינקוקן אין אַרבעטס־צימער פֿון די תּל־אָבֿיבֿער כּהנים־שרייבער אין יענער צייט, װאָלטן מיר געקאָנט אויפֿדעקן דעם כאַראַקטער פֿון יענער צ ע נ ז ו ר, װעלכע איז פֿאָרגענומען געװאָרן אויך איבער די פֿאַרשריבענע רעדעס פֿון די נבֿיאים, אײדער זיי זיינען פֿאַרהייליקט און אויפֿגענומען געװאָרן אַלס אַ טייל פֿון דער פֿאַרחתמעטער טראַדיציע.

איינע פֿון די מערקװירדיקסטע ערשיינונגען פֿון דער יידישער רעליגיע־געשיכטע איז, װאָס דורך לאַנגע דורות פֿון פֿינצטערער

טעאָקראַטיע און טיראַניע, האָט זי אַלס באַשטאַנדטייל פֿון אירע הייליקע ביכער דורכגעטראָגן איבער דער וועלט פֿון אַלטע און נייע פֿאַרבאַרן די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור פֿון אַלטן ישראל, אָפּגעהיט זיי פֿאַר די פֿאָלקס־מאַסן אַלס אַ צוקונפֿט־לערע. און אין זיי האָט די צוקונפֿטווירקלעך געפֿונען איר אומערשעפּלעכן רעוואָלוציאָנערן קוואַל.

דער יאָר 538 איז געווען אַן אַנטשיידנדיקער אין דער לאַנגער געשיכטע פֿון אַזיאַטישן אימפּעריאַליזם. עס איז ניט אַריבער קיין הונדערט יאָר נאָכן פֿאַלן פֿון אַשורישן אימפּעריאַליזם, ווי עס פֿאַלט שוין זיין לײדנשאַפֿטלעכער היסטאָרישער קאָנקורענט — דער באַבלישער אימפּעריאַליזם. אויסשפּרייטנדיק זיינע אָדלער־פֿליגלען, ווי אַן אמתער רויב־פֿויגל, פֿאַלט די „לוסטיקע, געקרוינטע“ בבל, מיט אירע פּאַלאַצן און לופֿט־סעדער, אָפּגעשוואַכט און דעמאָראַליזירט דורך אירע אייגענע סאָציאַלע סתירות.

די יידישע כראָניק מאָלט נאָבוניד, דעם לעצטן פֿאָרשטייער פֿון דער באַבלישער מלוכה, ממש אין דיזעלביקע פֿאַרבן, ווי די באַבלישע כראָניק דעם לעצטן פֿאָרשטייער פֿון דער אַשורישער מלוכה, אַשור־באַניפּאַל. דאָס בילד פֿונם פֿאַלנדיקן אימפּעריאַליזם איז אייגנטלעך דאָס זעלבע איבער גאַנצן שטח פֿון דורות און יאָרהונדערטן.

אין דעם לוסטיקן קיניגלעכן טעמפּל, אויף די ברעגן פֿון פּרת ציען זיך מאָלצייטן טאָג און נאַכט. דער קיניג מיט זיינע אויסדערוויילטע טרינקען און מאַכן זיך לוסטיק. עס בלאַנקען די גאָלדענע כלים, עס שפּילט דער וויין, קנעכט פֿון אַלע פֿעלקער דערלאַנגען די בעכערס דייערע הערשער. ווען מען גייט אָן דאָס, וואָס איך יענער זייט טייך, הינטער די מעכטיקע מויערן גראָבלען זיך מתנות פֿון עלנטע אויפֿשטייענדיקע קנעכט.

און אין יענער נאַכט איז דער שיכּורער דעמאָראַליזירטער
בבֿלישער אימפּעריאַליזם, וואָס האָט אין זיינע נעגל געהאַלטן אַ גרויסן
טייל פֿון דער קולטור-וועלט, געפֿאַלן. די אונטערדריקטע פּערסער
און מעדער האָבן אָפּגעפֿירט דאָס וואַסער פֿון פּרת אין אַ קינסטלעכן
קאַנאַל און האָבן פֿאַרכאַפּט די הויפּט-שטאָט מיט אירע שיכּורע
הערשער.

און אַלס דעם העלד און נבֿיא פֿון יענער היסטאָרישער נאַכט
וויל די שפּעטערדיקע לעגענדע זען דניאלן, וועלכער האָט דיינע
צוקונפֿט-חזיונות איבערן פּאָליטישן גורל פֿון בבֿל אָנגעקליידט אין
דעם לבֿוש פֿון מיסטישע חלומות און פֿאָרשטעלונגען 1).

ווען די מאַלצייט דערגייט צו איר העכסטער מדרגה און
דער שיכּורער שוועלכלינג הייסט זיך דערלאַנגען די בעכערס פֿון
הרובן טעמפּל אין ירושלים, כּדי צו טרינקען פֿון זיי און סימבאָלי-
זירן דעם בבֿלישן נצחון איבער ירושלים, באַווייזט זיך אין פּאַלאַץ
אַ וואונדערלעכע האַנט, וועלכע שרייבט אָן אויפֿן וואַנט אַ סודות-
פֿולע אויפֿשריפֿט; עס ווערט אַרויסגערופֿן דניאל, וועלכער פֿילט
שוין דעם סוף פֿון דער בבֿלישער מאָנאַרכיע.

בשעת ער לייענט פֿאַר די שיכּורע הויף-לייט די פֿאַטאַלע
אויפֿשריפֿט, הערט זיך שוין אין דער נאַכטלעכער שטילקייט דער
געלאַף פֿון די פּערסישע פֿערד, און דער אויסגעשריי פֿון די
פֿריערדיקע קנעכט, וועלכע ווילן מיטן זונען-אויפֿגאַנג ווערן די
הערשער פֿון בבֿל.

די גאַנצע אַרויסטרעטונג פֿון דניאל און זיין פּאָליטישע ראָל
אין דער אונטערגאַנגס-צייט פֿון בבֿל ווערט אַוועקגעשטעלט אין

1) עס איז אונז איצט שווער צו פֿאַרשטיין, צי זיינען דניאלס טונקע-
לע זעאונגען נאָר אַ פּראָדוקט פֿון דער פּערסיש-בבֿלישער מיסטיק אָדער אַ ריין
פּאָליטישער מיטל אויף צו באַהאַלטן זיינע אַרויסטרעטונגען אַנטקעגן די הער-
שער פֿון בבֿל, פֿאַר וועלכע ער האָט געליטן ניט איינמאָל די גרעסטע עינויים.

ספֿק דורך דער וויסנשאַפֿטלעכער קריטיק. זיינע נעפֿלהאַפֿטע זעאונגען און חלומות און גלויבן אין לעבן נאָכן טויט רוקן אַרויס דעם געזונטן סאָציאַלן באָדן פֿון אונטער זיין טעטיקייט. אין דערזעלביקער צייט האָבן מיר די אַרויסטרעטונג פֿון אַן אַנדער נבֿיא מיט אַ מעכטיקן עקסטאַז און טעמפּעראַמענט, וועלכער דערמאָנט מיט זיך די נבֿיאישע קלאַסישע מוסטערן; אַ נבֿיא פֿון גאָטס גענאָד, וואָס אין זיינע אַרויסטרעטונגען וואַרפֿט פֿון זיך די גבֿואה אַראָפּ דעם שוואַרצן מאַנטל פֿון שאַרפֿער קריטיק און ערנסטער התראה, נאָר פֿאַרקערט, טרייסט און באַרויִקט, וועקט נייע האָפֿענונגען און רופֿט צו אייביקער פֿרייד און צו סאָציאַלן גליק. אַ נייע תקופֿה עפֿנט זיך פֿאַר די, וואָס זיינען אַרויס בשלום פֿון דעם ליטער-קעסל פֿון בבֿלישן אימפּעריאַליזם, דען מיט דעם נצחון פֿון כורש, דעם זון פֿון דער פּערסישער דעמאָקראַטיע, דאַרף זיך אָנהייבן אַ נייע צייט, אַ צייט פֿון סאָציאַלן גליק פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער געפֿאַלענער מאָנאַרכיע, וואָס האָבן געליטן צוזאַמען מיטן פּערסישן פֿאָלק.

אונז איז, ליידער, ניט געבליבן באַקאַנט דער נאָמען פֿון דעמדאָזיקן סאָציאַלן אוטאָפּיסט (די וויסנשאַפֿט רופֿט אים ישעיה דער צווייטער, ווייל זיינע נבֿיאישע רעדעס געפֿינען זיך אין סוף פֿון ישעיהו-בוך). ער האָט גאַאיזו ניט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז קנעכט פֿון נעכטן זאָלן קאָנען ווערן מאָרגן ניי-געקרוינטע טיראַנען. אונז איז אָבער טייער דער הייליקער ערנסט פֿון דעם מאַן, וואָס וויל גלייבן, אַז מיטן פֿאַלן פֿון בבֿל איז געפֿאַלן אויף אייביק די מלוכה פֿון אונטערדריקונג און שלעכטס.

אים דוכט זיך, אַז די גאַנצע נאַטור האָט אָפּגעעטעמט פֿריי, ווען די טיראַנען זיינען געפֿאַלן. יהוה, דער גאָט פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט, טראָגט זיך טריאומפֿירנדיק איבער די בערג און טאָלן. פּונקט ווי בבֿל איז געווען אַ שטעקן אין יהוהס האַנט צו

שטראָפֿן פֿעלקער, אַזוי איז איצט כורש אַ באַלזאַם צו די וואונדן פֿון דער וועלט, זיין אויסדערוויילטער דינער, וואָס קומט אַראָפּצונעמען די קייטן פֿון דער געקנעכטעטער געזעלשאַפֿט. דער אימפּעריאַליזם האָט געטראָפֿן שווער די פֿעלקער, וואָס זייער אינעווייניקסטע לעבן איז געווען געבויט אויף אומרעכט און אומגלייכקייט. דער דערלייזער פֿון אימפּעריאַליזם טראָגט דער וועלט גלייכקייט און גערעכטיקייט. דער נביא דריקט אויס דעם ווירקלעכן עקסטאַז פֿון יענער צייט. די פֿעלקער האָבן געלייגט האָפֿענונגען אויף זייער באַפֿרייער. ביי די ווענט פֿון געפֿאַלענעם בבל גיסט זיך צונויף אין איין פֿרייד־געשריי דער קול פֿון ישראלשע, פּערסישע, מעדישע, אַרמעאישע און כנענישע קנעכט, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים קבר פֿון אַלגעמיינעם פֿיינט.

איז דען דאָס ניט געקומען דער משיח־קיניג, וועלכן „עס שטיצט יהוה, דער גאָט פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט? דער אויסדערוויילטער, דער נשמה־געגאַרטער, אויף וועלכן עס רוט גאָטס גייסט און וועלכער וועט אַרויסטראָגן זיין אורטייל איבער פֿעלקער? דער וואָס וועט ניט באַפֿעלן און ניט אויפֿהויבן אין דרויסן זיין קול, אַ צעבראָכענעם שטעקל וועט ער ניט איבערברעכן, און אַ מינקעלן פֿלאַקסן (פֿייער) וועט ער ניט פֿאַרלעשן, אמת — וועט זיין זיין אורטייל, ער וועט ניט מיד ווערן און וועט ניט צעבראָכן ווערן, ביז ער וועט ניט טאָן רעכט אין לאַנד, ביז צו זיין לערע וועלן גאַרן די פֿעלקער“.

דער בעל־קולט איז געפֿאַלן צוזאַמען מיטן בבלישן אימפּעריאַליזם, ווי עס זיינען געפֿאַלן פֿריער די רעליגיעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרבונדן מיטן פּאָליטישן גורל פֿון די הערשנדיקע פֿעלקער און קלאַסן. איבערן גרויסן געטער־בית־עלמין האָט טריאומפֿירט איצט יהוה, ווייל ער האָט זיך ניט פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון איין איינציקן פֿאָלק און קלאַס, ווייל ער איז אויסגעוואַקסן אין

דעם גאָט פֿון גערעכטיקייט, גערעכטיקייט פֿאַר אַלעמען און קעגן אַלעמען. ער איז דער גאָט פֿון ישׂראל נאָר אויף וויפֿל ישׂראל איז דער טרעגער פֿון גערעכטיקייט.

געזינגט האָט דעריבער יהוה, דאָס הייסט, די וועלט-גערעכטיקייט. און ניט די האַרן און כּהנים פֿון דער אָפֿיציעלער ירושלימער אמונה, נאָר דער פּערסישער פּאַסטוך כּורש איז געווען איר פֿאָן-טרעגער. „ער איז דער משיח פֿון יהוה, וועלכן ער האָט אָנגענומען פֿאַר דער רעכטער האַנט, כּדי אַראָפּצוזעצן פֿאַר אים פֿעלקער און פֿונאַנדערבינדן די לענדן פֿון (געפֿאַנגענע) מלכים, עפֿענען פֿאַר אים טירן, און טויערן זאָלן ניט פֿאַרשלאָסן ווערן. יהוה גייט פֿאַר אים, לייגט דורך אין מדבר אַ וועג, גלייכט אויס די קרומענישן, פֿאַרשיט די טיפֿע טאָלן און בויגט אונטער די הויכע בערג, „צעברעכט קופּערנע טירן און צערייסט אייזערנע ריגלען“ „און די הימלען פֿון אויבן וועלן טריפֿן און רינען גערעכטיקייט, עס וועט זיך עפֿענען די ערד און אַרויסשפּראָצן הילף, און עס וועט אויסוואַקסן גערעכטיקייט“.

אין צענטער פֿון דער גאַנצער וועלט פֿון גערעכטיקייט וויל דער נביא אָבער זען זיין פֿאָלק, וועלכן זיין גאָט האָט דורכגעפֿירט דורכן פֿייער פֿון אימפּעריאַליסטישן קריג און אויסגעלייטערט און צוגעגרייט צו אַ נייער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג.

און אין דער מינוט פֿון גייסטיקער דערהויבונג גלויבט דער נביא, אַז זיין גרויסע היסטאָרישע אויפֿגאַבע איז דערפֿילט, און ער ווענדט זיך מיט באַגייסטערונג צו דער גאַנצער מאַסע פֿעלקער:

„הערט מיך אויס אינזלען, פֿאַרנעמט פֿעלקער פֿון דער ווייטן. יהוה האָט מיך פֿון געבאָרן גערופֿן, פֿון דער מוטערס-לייב מיין נאָמען גערופֿן, האָט געמאַכט מיין מויל ווי אַ שאַרפֿן שווערד, האָט מיך אין שאָטן פֿון זיין האַנט באַהאַלטן, האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַן אויסדערוויילטע פֿייל, אין זיין שייד—האָט ער מיך באַהאַלטן...

און איך האָב שוין געטראַכט, אַז אומזיסט האָב איך זיך געמיט. אַז אויף גאָרנישט האָב איך מיין כּוח פֿאַרשווענדט, אָבער מיט יהוה (ס רעכט) איז מיין רעכט, מיט יהוה (ס פֿאַרדינסט) איז מיין פֿאַרדינסט"...

גיך איז אָבער אויף די חורבֿות פֿון דער בבֿלישער אימפּעריע אַנטשווינגן געוואָרן די נבֿיאישע באַגייסטערונג. די געזעלשאַפֿט איז ווי אומעטום געבליבן געבויט אויף יסודות פֿון קנעכטשאַפֿט און אומגלייכקייט, און כּורש, וועלכער האָט די ערשטע צייט באמת געגעבן בּרייטע פּאָליטישע פֿרייהייט די פֿעלקער פֿון דער געוועזענער בבֿלישער מאָנאַרכיע, האָט זיך אין גרונט ניט אָפּגעזאָגט פֿון דער הערשאַפֿט איבער פֿעלקער, פֿון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק.

דאָס פֿאָלק באַנוצט זיך איצט מיט זיין רעכט אומצוקערן זיך אין יהודה. דאָס זיינען דאָס רובֿ שטאָט-לייט, האַנטווערקער און הענדלער און אין זייער שפּיץ—כּהנים פֿון דער טעאָקראַטישער יחזקאלשער שול און עלעמענטן פֿון דער אַלט-ישראלשער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָבן געחלומט וועגן דער רעסטאַוראַציע פֿון זייער הערשאַפֿט. דאָס לעבן גייט אַריין צוריק אין זיין ענג-נאַציאָנאַלער מחיצה, די פֿעלקער קאָנצענטרירן זיך עקאָנאָמיש אין זייערע גרענעצן, כּדי צו פֿאַרהיילן לאַנגזאַם די וואונדן, וועלכע עס האָט זיי פֿאַרשאַפֿן דער שווערער קאַמף מיטן בבֿלישן אימפּעריאַליזם. מיט אַ נייער ליידנשאַפֿט, וואָס איז נאַטירלעך אין אַזאַ תּקופֿה, האָבן די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן באַמיט צו קאָנצענטרירן זיך אין ירושלים און אַריינגעמען אין זייערע הענט די נחלאות און די מאַכט. עס הייבט זיך אָן ערנסטער קאַמף צווישן צוויי פּאַרטייען, וועלכע פּרעטענדירן איצט אויף דער הערשאַפֿט אין לאַנד: צווישן דער וועלטלעכער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי, אין וועלכער עס פֿאַרנעמען דעם ערשטן אָרט די פֿאָרשטייער פֿון דער פֿריערדיקער קיניגלעכער פֿאַמיליע, און צווישן דער טעאָקראַטישער

פּאַרטיי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן, קאָנטיק, דורך יחזקאל. בײדע זײנען זײ געקומען אָרגאַניזירט, האָבן צוערשט געאַרבעט צוזאַמען, באַלד פּאָליטיש פונאַנדערגעגאַנגען זיך און פון צייט צו צייט באַקומען פון בבל נייע רעזערוון, ששבצר און זרובבל, אַלס די פאָרשטייער פון דער געוועזענער דינאַסטיע, און שריה און יהושע בן יהוצדק, אַלס די פאָרשטייער פון דער ניי־אויפגעקומענער טעאָקראַטיע. מיר זעען זיי ווי אינדיווידועל אָנגעוועזענע געשטאַלטן, אָנפירער פון די צוריקקערנדיקע, וועלכע זיינען אַלע גלייך אַרומגעכאַפּט דורכן עקסטאַז פון בויען ווידער די אַלטע היים. אָבער נאָר אין קריטישע מאָמענטן גייען זיי זיך צונויף, עס שפּילט זיך פונאַנדער צווישן זיי גיך אַ פּאַרטיי־קאַמף, אַ שוואַכן אָפּקלאַנג פון וועלכן מיר הערן אין די פראַגמענטאַרישע לעצטע נביאות, וואָס האָבן געקלונגען אויפן היימישן באָדן. און דער פּאַרטיי־קאַמף האָט זיך געמוזט פירן, ווייל טיף פאַרשידן זיינען געווען די וועגן און צילן פון דער אַריסטאָקראַטיע און טעאָקראַטיע. וועגן די פּרטים פון דעם קאַמף דערציילט אונז אָבער אַזוי גוט ווי גאָרנישט די כראָניק פון דער זיגרייכער טעאָקראַטיע. מיר קאָנען נאָר פאַרשטיין די קראַפט פון דעם פּאַרטיי־קאַמף נאָך זיין מעכטיקן רעזאָנאַנס, נאָך דעם, וואָס עס האָבן זיך אין אים אַריינגעמישט און אויסגענוצט אים פאַר זייערע צוועקן די שכנישע שומרונים, דער פּערסישער סאַטראַפּ פון סוריא און אַפילו די צענטראַלע פּערסישע מאַכט. ניט אָן קאַמף האָט די אַלטע ישראלשע טעאָקראַטיע אָפּגעטראָטן אירע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס פאַרן נייעם כהנים־ראַט מיטן כהן־גדול אין דער שפּיץ.

און אין דעמדאָזיקן קאַמף איז די לעצטע נביאים נאָר אויסגעקומען צו שפּילן די עלנטע ראָל פון פאַרמיטלער. צעריסן אינגאַנצן מיט בײדע אויסגעוואַקסענע פּאַרטייען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן באָדן פון די רעאַלע באַדערפענישן און דערהויבן

זיך צו דער הויך פֿון איר פֿריערדיקן ראַדיקאַליזם, איז זי שוין ניט מער בכּוח. אירע פֿאָרשטייער זעען איצט אויס, ווי שאָטנס, ניט זיי ריידן נאָר זיי שטאַמלען, זיי הורן צום טייל איבער די רייד פֿון די פֿריערדיקע נביאים, זיי לעבן מער אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווי אין דער צוקונפֿט.

די נבואה אַלס ראַדיקאַלע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג קומט צו איר סוף. די אידעען פֿון גלייכקייט און ברידערלעכקייט, וואָס די נביאים האָבן וועגן איר מיט אַזוי פֿיל פֿייער און עקסטאַז געחלומט, ווערט איצט איבערגעטראָגן דורך דער טעאָראַטיע אויסער די גרענעצן פֿון ערדישן קיום און פֿאַרבינדט זיך מיט דער אמונה אין יענער וועלט און אין תּחית־המתים, וועלכע איז בלי־ספֿק אַיבערגענומען געוואָרן — און גראָד אין נייטיקן מאָמענט — פֿון דער פּערסישער אמונה. דאָס איז געווען דער לעצטער טראָפּן גיפֿט אין בעכער פֿון דער שטאַרבנדיקער נבואה.

איר לעצטן אָטעם, אירע לעצטע אַנטפּלעקונגען אין דער מלוכה־פּראַקטיק, זעען מיר נאָך איין איינציקן מאָל, אין מיטן פֿון פֿינפֿטן יאָרהונדערט. די געשיכטע האָט איר פֿאַרגונען אַזאַ שיינעם אונטערגאַנג, ווי שיין עס איז געווען איר לעבן.

ווי דער לעגענדאַרער שמשון הגבור, שוין אַ בלינדער און אָפּגעשוואַכטער, האָט צונויפֿגעזאַמלט זיינע לעצטע כּוחות אונטערצוברעכן די זיילן פֿון דגון־טעמפּל, אַזוי האָט איצט דער נייער שמשון פֿון דער נבואה, דעם גאַנצן ברען פֿון זיין גייסט און זיין געוואַלדיקע ענערגיע אַוועקגעשענקט אויפֿן לעצטן קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די אידעען פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

און דערדאָזיקער מאַן, וואָס איז באַהויכט געווען מיטן גייסט פֿון דער שטאַרבנדיקער נבואה, איז נחמיה. דאָס איז געווען, קאָנקרעטיק, אַ צייט, ווען די בײדע פּאַרטייען זיינען מיד געוואָרן פֿון קאַמף, די בוי־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט און די צפֿונדיקע

שכנים, די שומרונים, וועלכע שלמנאסר האָט דאָ געהאַט קאָלאָניזירט, האָבן ענג געמאַכט דער באַפעלקערונג פון יהודה.

דאַן האָט נחמיה געוואָרפן די אָנגעזעענע מלוכה־שטעל, וואָס ער האָט פאַרנומען אין קיניגלעכן הויף אין שושן, איז געקומען אין זיין חרובן פאָטערלאַנד, באַפרייט אַלע קנעכט, אומגעקערט צוריק די ערד, וועלכע די פאַרמעגלעכע קלאַסן האָבן צוגענומען ביי די פויערים פאַר אַלטע חובות, איינגעפירט דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין דער הויפט־שטאָט, צוניפגערופן פרייווילליקע מתנות פון אַרבעטער צו בויען די שטעט פון לאַנד, אָרגאַניזירט דעם שוץ פון דער באַפעלקערונג, און האָט אַליין טאָג און נאַכט געאַרבעט און געוואַכט אויף די מויערן פון ירושלים.

זיין גאַנצע אַרבעט איז געווען דורכגעדרונגען דורך אַ טיף דעמאָקראַטישן גייסט, אַפילו אין דער געשטאַלט, ווי עס שילדערט זי דער טעאָקראַטישער כראָניקער.

אָבער אומבאַקאַנטע געשעענישן רייסן איבער זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. קאָנטיק, אַז זיין אַרבעט האָט זיך צעשלאָגן אָן דעם אייזערנעם הערשער־ווילן פון דער אויפגעקומענער טעאָקראַטיע. דאָס יאָר פון זיין לעצטן אַוועקגאַנג פון ירושלים (432 פאַרן קריסטלעכן צייט־חשבון) דאַרף פאַררעכנט ווערן, אַלס דער יאָר פון דעם ענדגילטיקן אונטערגאַנג פון דער נבואה־באַוועגונג.

אינהאַלט:

		זייט
	הקדמה	III
1.	וואָס איז אַזוינס אַ נביא?	3
2.	דער אָנהייב פון דער נבואה	11
3.	די נביאים און דער אָנהייב פון פאָלקס־קיניגטום	27
4.	די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד און איר השפעה אויף דער נבואה	36
5.	דער פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן דודס דינאַסטיע און די ראָלע פון די נביאים	57
6.	דער קריזיס פון דער נבואה	67
7.	די בני רֵכָב. דער צוריקפאַל אין פרימיטיוון קאָמוניזם.	77
8.	די רדיפות אַנטקעגן דער נבואה־באַוועגונג. אליהו	82
9.	דער אָנגריף פון אַשורישן אימפעריאַליזם. די גרויסע פּאָליטישע נביאים	95
10.	די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון די נביאים	124
11.	די מלוכה־רעפאָרם און די קאָנסטיטוציאָנעלע באַגרע־געצונג פון דער מאָנאַרכיע	134
12.	דאָס אויפקומען פון בבל. ירמיהו	142
13.	די נבואה־באַוועגונג אויפן בבלישן באָדן, איר ירידה און איר לעצטע אויפשטראַלונג	155